STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01278

DER YIDISHER KONSONANTIZM

Noah Prilutski

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Rose Beverly Chashin
in memory of
brother, Max A. Lashinsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נח פּריל׳וצקי.

יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונגען.

מאַטעריאַלען פאַר אַ וויסענשאַפטליכער גראַמאַטיק און פאַר
אַן עטימאָלאָגיש ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך.

ערשטער באַנד.

נח פּרילוצקים כּתבים

באַנד VII.

„נײַער פֿערלאַג".

וואַרשע. — 1917

דרוק א. י. האַלטער, נאַוואָליפּיע 20.

דער ייִדישער

קאָנסאָנאַנטיזם

(אין צוויי בענדער)

באַנד I:

די סאָנאָרלויטען.

מיט דעם ייִדישען וואָקאַליזם גיב איך מיך אָפּ אין צווייטען באַנד [1] פֿון מיינע „זאַמעלביכער פֿאַר ייִדישען פֿאָלקלאָר, פֿילאָלאָגיע און קולטורגעשיכטע“. דעם ייִדישען קאָנסאָנאַנטיזם האָב איך, צוליב דעם אומפֿאַנג פֿון מאַטעריאַל, געפֿונען פֿאַר צוועקמעסיק אויסצושיילען אין אַ באַזונדער אַרבעט.

דאָס ווערק איז תחלת באַרעכענט געווען אַף איין באַנד פֿון אַ 15—20 דרוקבויגען. אין לויף פֿון דער אַרבעט האָט עס זיך, אָבער, געמוזט צעוואַקסען. עס וועלען זיין 2 בענדער, צו 35, מינדסטענס, דרוקבויגען יעדער.

אייניקע סבות האָבען גורם געווען אַזאַ צעוואַקסען־זיך.

די ערשטע און די וויכטיקסטע פֿון זיי איז — דער מאַנגעל אין געהעריקע פֿאָראַרבעטען. די ייִדישע שפּראַכוויסענשאַפֿט איז, בידוע, נאָך נישט איבעריק רייך. דאָס, וואָס עס איז ביז יעצט אַף דעם געביט אויפֿגעטאָן געוואָרען, איז מער נישט, ווי אַ שוואַכע התחלה. נישט ווילענדיק, האָב איך געמוזט מאַכען עקסקורסען אַף פֿאַר־שידענע פֿעלדער, וועלכע ליגען שוין אויסער די גרענעצען פֿון מיין טעמע. שטרענג גענומען, וואָלט איך מיך באַדאַרפֿט באַנוגען מיט ריין פֿאָנעטישע פֿראַגען: איז דאָך מיין ווערק, ווי שוין דערמאַנט, גע־ווידמעט דעם ייִדישען קאָנסאָנאַנטיזם. אָבער אַף שריט און טריט האָבען איינצעלהייטען — אין פֿלוק צופֿעליקע — זיך גענייטיקט אין גע־בויער דערקלערונג. נישט האָבענדיק די מעגליכקייט אָפּצושיקען דעם לעזער צו געהעריקע ווערק, וווּ מ׳זאָל קענען געפֿינען די געוואונטשטע אינפֿאָרמאַציעס, — פּשוט מחמת אַזעלכע ווערק זענען באַ אונז נאָך נישט בנמצא, — בין איך געצוואונגען געווען צו איגנאָרירען די עקאָ־נאָמיק פֿון דער אַרבעט, די אַרכיטעקטאָניק פֿון גאַנצען, און אַריינגע־

---

1) אין דער צווייטער העלפֿט, וואָס דאַרף אַרויסגעבען אַרויס פֿון דרוק. —

מען אין מיין בוך אזא מאטעריאל, פאר וועלכען עס איז אין אים, דעם אמת געזאגט, נישט דאס אורט.

דערהויפט אסך אזעלכע עפיזודישע שטעלען פילען אן דעם פערדען נוטיץ, וועלכער איז דער גרעסטער און אויספירליכסטער אין ערשטען באנד. — צום ביישפיל, אין § 92 קומט מיר אויס צו דערמאנען דעם סופיקס „־ין". מיט אים קונקורירט אין דער יידישער שפראך דער סופיקס „־קע", — און איך הוב געהאלטען פאר נוצליך דאס אנצווייזען. אויך הוב איך געפונען פאר נישט איבעריק מיטצוטיילען דעם לעזער, אז דער דערמאנטער סופיקס „־ין" איז, אין זיין באשטימטער פונקציע, געוועזן דער אליינהערשער אין די יידישע מונדארטען אין דייטשלאנד און אין דער אלטער יידישער שריפט־שפראך. איך אילוסטריר דאס מיט ביישפילען אויס אלטע ספרים און אויס אנדערע קוועלען. — אזוי ווי דער העברעישער עלעמענט אין דער יידישער שפראך ווערט פון מיר כסדר צוגעצויגען צו באטראכטונג, לוזט זיך נישט אויסמיידען דער אנווייז, אז דער סופיקס „־ין" הוט בא העברעישע סובסטאנטיוען א זייער קנאפע אנווענדונג; אים פארטרעט דער סופיקס „־טע". אזויארום קומט עס אויס, אז דער סופיקס „־ין", מיט וועלכען איך וואלט געקענט, אייגענטליך, פארטיק ווערען אף א זייטעל, צוויי, — פארנעמט בא מיר 22 ז"ז.

אסך פלאץ איז אפגעגעבען, אין אנמערקונגען אונטער'ן טעקסט, די ביכער, וועלכע כ'דערמאן אודער ציטיר. קיין פולשטענדיקע יידישע ביבליוגראפיע פארמאגען מיר נוך נישט, ווי אויך קיין אנשטענדיקע ליטעראטורגעשיכטע אין דער יידישער שפראך, — פארופענדיק זיך אף א ספר, וואס איז דעם יידישען פובליקום ווייניק באקאנט, אודער לגמרי פרעמד, געפין איך נישט פאר מעגליך, נישט צו ברענגען כוטש די אלגעמיינע ידיעות וועגען אים, דעם גאנצען טיטעלבלאט וכ'. אין אייניקע ערטער זענען די ציטאטען אפשר צו לאנג: דאס שטרעב איך אריינצופירען דעם לעזער אין דעם גייסט און אין דעם בוי פון דער אלטער יידישער שפראך.

כמעט אף יעדען זייטעל קומט מיר אזוי אויס צו באריִרען פארשידענע „זייטיקע" פראגען. — די הויפטעטיודען באהאנדלען

פֿונעטישע טעמעס, — זענען, אָבער, דורכגעפֿלאָכטען מיט עפּיזאָדישע באַמערקונגען, וואָס גייען שוין אַריין אין קרייז פֿון דער ייִדישער וואָרטפֿאָרשונג, וואָרטבילדונג, פֿלעקסיע, סינטאַקס, א. אַ. וו... אייניקע פֿון דיזאָזיקע באַמערקונגען בילדען אַליין־פֿאַר־זיך קליינע עטיודען. זעי, למשל, די §§ 93 און 94; די אָנמערקונג אין טעקסט צו § 95; די אָנמערקונגען אין טעקסט צו § 102; די ז"ז 145 — 149; די אָנמערקונגען אין טעקסט צו §§ 111, 112, 113, 114, 115, א. אַ. וו., א. אַ. וו.. — ס'געפֿינען זיך דורט, ווי אויך אין די אָנמערקונגען אונטער'ן טעקסט, צוואָרפֿען אַ סך באַובאַכטונגען פֿאַר אַלע טיילען פֿון דער ייִדישער גראַמאַטיק, מאַטעריאַלען פֿאַר אַן'עטימאָלאָגיש ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך, פֿאַר אַ ייִדיש דיאַלעקטאָלאָגיש ווערטערבוך, פֿאַר דער ייִדישער ביבּליאָגראַפֿיע וכ'. אַן'איבערזיכט פֿון די אַלע מאַטעריאַלען וועט געגעבען ווערען אין די אויספֿירליכע רעגיסטערס.

וואָלטען מיר געהאַט, ווי די אומות־העולם, ספּעציעלע פּעריאָדישע אויסגאַבען פֿאַר שפּראַכוויסענשאַפֿט און ליטעראַטורגעשיכטע, וואָלט אַ גרויסער טייל פֿון דעם מאַטעריאַל, וואָס איז אַריינגענומען געוואָרען אין מיין ווערק, געקענט דורט געפֿינען אַן'אָרט אין דער פֿאָרם פֿון זעלבסטשטענדיקע עטיודען. דאָס איז דוך דער געוויינליכער וועג אויסצונוצען דעם רייכען מאַטעריאַל, וואָס זאַמעלט זיך אָן באַם פֿאָרשער בשעת דער אַרבעט איבער אַ באַשטימטער גרעסערער טעמע. אין צענדליגער גרעסערע און קלענערע עטיודען און נאָטיצען ווערט דער „זייטיקער" רויער מאַטעריאַל גרופּירט, קאָאָרדינירט, סיסטעמאַטיזירט און באַלויכטען; אַזוי אַנטשטיין די פֿאָר־אַרבעטען, אַף וועלכע די מחברים פֿון אַלגעמיינערע ווערק קענען זיך בלויז פֿאַררופֿען, נישט ברויכענדיק אויספֿירליכער זיך אָפּצושטעלען אַף זיי, נישט זייענדיק געצוואונגען זייערע אייגענע ווערק איבערצולאָדען מיט עקסקורסען פֿון ספּעציעלישער נאַטור און מיט צופֿיל ביישפּילען און ציטאַטען. — באַ אונז פֿעלט דער וועג, און, נישט וויסענדיק, ווען אַזאַ מעגליכקייט קען אַמאָל קומען, איז אַביסעל געפֿערליך צו לאָזען די אָנגעזאַמעלטע מאַטעריאַלען ליגען אין שופּ־

לאַד. אַנדערש איז, אַז דו באַאַרבעסט אַ טעמע — מעג זי זיין ווי קליין, ווי ספּעציעליש, ווי עפּיזאָדיש, — ווען עס איז נאָך פריש דער איינדרוק פון דער קוועלע, פון וועלכער דער מאַטעריאַל איז גענומען, פון דער באַריִרונג מיט'ן פאָלקסמונד אָדער מיט'ן בוך, ווען ס'איז נאָך פריש די גייסטיקע אַרבעט, וואָס די איינדרוקען האָבען אַרויסגערופען, דער געדאַנקענגאַנג, וואָס האָט געבראַכט צו דער פאַראַלגעמיינערונג פון געוויסע באַאָבאַכטונגען, צו דער אינדוקציע אָדער דעדוקציע, צו דער פעסטשטעלונג פון אַ געוויסען כלל א. אַ. וו. נאָך אַנדערש, ווידער, אַז נעמסט דעמזעלביקען מאַטעריאַל אין האַנט אַריין אין אַ צייט אַרום, ווען די אומיטעלבאַרישקייט פון דער אַנטפינדונג און אויפפאַסונג איז שוין אָפּגעריבען, ווען אַ סך דעטאַלען זענען פאַרגעסען געוואָרען. און בּאַ אַרבעט איבער אַ שפּראַך, ווען דו ליבסט די שפּראַך און ליבסט די אַרבעט איבער איר, שטעקט דאָך אַזויפיל — אַזויפיל באַגייסטערונג, פרייד און שאַפונגספעיקייט — גראָד אין דער לעבעדיקער אַנטפינדונג און אויפפאַסונג, אין דעם אומיטעלבאַרישען איינדרוק פון די דעטאַלען און ניואַנסען. — די זאַמלונג פון באַאָבאַכטונגען וואַקסט. קיין אויסזיכט אַף יידישע פילאָלאָגישע צייטשריפטען איז אַ קנאַפּע, אויף פאַרלעגערס — נאָך אַ קלענערע. דערבּיי איז מען נישט נור פילולוג. מ'האָט גענוג אויסער דעם צו טון. דער מאַטעריאַל קען אַמאָל טאַקי פאַרבלייבען אין שיפלאַד...

איך האָב מיך גרייט געמאַכט אָקעגענצוגיין דעם פאָרוואורף פון צוווּרפענקייט, און האָב פון פערדען עטיוד אָן אָנגעהויבען אָפּצוגעבען מער פלאַץ פאַר די פאַרשידענסטע אויבען שוין כאַראַקטעריזירטע „זייטיקע" מאַטעריאַלען. נאַטירליך, בין איך דערביי געווען דאָך שטאַרק געבונדען, נישט געקענט דאָס עפּיזאָדישע באַהאַנדלען מיט דער געהעריקער פרייהייט און ברייטקייט. אייניקע זאַכען זענען אַרויסגעקומען צו קורץ, אַנדערע — בלויז אָנגעטייט. אָבער צום אויסדרוק זענען זיי געבראַכט, און ס'איז אָנגעציילענט געוואָרען אַ גאַנצע ריי טעמעס פאַר זעלבסטשטענדיקע אַרבעטען.

די אַרכיטעקטאָניק פון בוך וואָלט געקענט פאַרהיט ווערען, ווען די אַלע עפּיזאָדישע מאָמענטען וואָלטען איבערגעטראָגען געוואָרען אַלס

הוספות נאָכ'ן גאַנצען הויפּטטעקסט. אָבער דאָס איז אויך אומעגליך געווען, טײלווײז צוליב דיאײגענע סבות, צוליב וועלכע ס'איז שווער געווען איבערצולוזען דעם מאַטעריאַל פֿאַר באַזונדערע אַרבעטען.

איבערהויפּט וואָלט אפשר ראַטזאַמער געווען צו אַרבעטען איבער דעם בוך אַ פּאָר יאָר לענגער, כדי עס זאָל אַרויסקומען טעכניש פֿולקומענער, אַזוי ווי עס ווערען אַרויסגעגעבען וויסענשאַפֿטליכע ווערק בײַ די אומות-העולם. אָבער, ווי שוין דערמאָנט, זענען בײַ אונז די אָביעקטיווע, ווי די סוביעקטיווע פֿאַרהעלטענישען גאָר אַנדערע. די פֿילאָלאָגישע פֿאָרשונגען זענען אַ געליבטע ווינקעל אין מײַן אינערליך לעבען, אָבער אויסער דעם בין איך דאָך פֿאַרנומען מיט פּראָפֿעסיאָנעלישער טעטיקײַט, אַלס אַדוואָקאַט און זשורנאַליסט, ווי אויך מיט דער געזעלשאַפֿטליכער און פּאָליטישער אַרבעט. אין אַזעלכע אומשטענדען איז אַביסעל שווער אָפּצולײגען אַן'אַרבעט: קענסט דאָך נישט אין דער נאָענטער צוקונפֿט רעכענען אַף מער פֿרײַע צײַט. דערצו נאָך האָב איך גלאַט גענוג מאַטעריאַל פֿאַר אַנדערע אַרבעטען אַפ'ן געביט פֿון דער יידישער שפּראַכוויסענשאַפֿט.

ס'קומט נאָך צו דער פֿאָלגענדיקער מאָטיוו: אין מיטען פֿון פּאָליטישען קאַמפּ פֿאַר דער יידישער שפּראַך און פֿאַר אירע רעכט, — אַ קאַמפּ, וואָס מוז געפֿירט ווערען נישט בלויז אַקעגען דרויסען, נאָר אויך אַקעגען אינעווייניק, — מוז מען האָבען אויך וויסענשאַפֿטליכען מאַטעריאַל, אַף וועלכען מ'זאָל זיך קענען שטיצען. דאָס דערשײַנען פֿון אַ ספּעציעליש ווערק איבער דער יידישער שפּראַך אין אַזאַ מאָמענט קען, מײן איך, האָבען אַ געוויסע *פּאָליטיש-פּסיכאָלאָגישע באַטײַטונג*.

... נאָך אַ שטיקעל התנצלות: אַ ווערק אַפ'ן געביט פֿון דער יידישער שפּראַכפֿאָרשונג קען נישט באַטראַכט ווערען פֿאַר פֿאָלקומען, ווען עס ווערען אין אים נישט צוגעצויגען מיט ברײטער האַנט, צום פֿאַרגלײַך, די מונדאַרטען פֿון דער דײַטשישער שפּראַך. אַזאַ פֿאַרגלײַך קען מיטהעלפֿען צו דערקלערען אַ סך דערשײַנונגען אין דער מאָדערנער יידישער שפּראַך; ער קען אויך געבען דעם שליסעל צו איר היסטאָרישען עבר. ווי ווײַט עס האָט זיך געלוזט, האָב איך דעם פֿאַרגלײַך

דורכגעפֿירט. אובער, צום באַדויערן, הוט מיר געפֿעלט די געהעריקע ליטעראַטור. די וואַרשעווער ביבליוטעקען הובען גאָרנישט אַפּ׳ן געביט פֿון דער גערמאַניסטיק. אַלץ אַראָפּצובריינגען אַף אייגענעם חשבון פֿון דייטשלאַנד, איז פֿאַר אַ יחיד נישט פֿון די גרינגע אויפֿגאָבען. דערצו זענען אַ סך ווערק אַ ביבליוגראַפֿיש זעלטענקייט, און עס איז זיי פֿאַר קיין געלט נישט צו קריגען. אין דער הינזיכט וועט מיין בוך מוזען דערגאַנצט ווערען אַף אַנ׳אַנדער אורט.

בכלל קוק איך אַף מיין ווערק ווי אַף אַ פֿוראַרבעט. איך הוב דעריבער בכיון אויסגעקליבען די פֿרייע פֿורם פֿון זעלבסטשטענדיקע עטיודען וועגען איטליכען לויט באַזונדער. אַ סיסטעמאַטישער קורס וואלט געפֿודערט אַנ׳אַלגעמיינעם טייל וועגען ייִדישען קונסונאַנטיזם בכלל, אַלס אַריינפֿיר אין די באַהאַנדלונג פֿון די איינצעלנע לויטען. דאָס עפּיזודישע וואלט שוין געמוזט אומבאַדינגט באַזייטיגט ווערען. איך הוב מיר געזאָגט: זול דאָס בוך אַרויס פֿון דרוק אין דער פֿורם, וועלכע כ׳הוב אים געגעבען; זולען אָפּגעדרוקט ווערען אויך די איבעריקע אַרבעטען מיינע איבער׳ן ייִדישען וואָקאַליזם וכו׳, — דעמאָלט ערשט וועט זיין די צייט, אַפּ׳ן סמך פֿון די אַלע פֿוראַרבעטען, אויפֿצושטעלען אַ קורץ געפּאַסטע סכעמע פֿון דער ייִדישער פֿונעטיק. די עפּיזודישע עטיודלעך און באַמערקונגען, ווידער, דאַרפֿען געבען אַ אָנהאַנג פֿאַר זעלבסטשטענדיקע אַרבעטען. אפשר וועל איך טאַקי אַליין נאָך קענען אַרויסגעבען אַ סיסטעמאַטישען קורס פֿון דער ייִדישער וואָרטבילדונג און פֿלעקסיע...

... דער ייִדישער קונסונאַנטיזם וועט, ווי געזאָגט, פֿאַרנעמען צוויי בענדער: אין דעם ערשטען גיב איך מיך אָפּ מיט די סונור־לויטען; די גרויסלויטען וועלען זיין טעמע פֿון צווייטען באַנד.

איך הוב אפילו גערעכענט צו קענען ביז נייאָר 1917 אַרויסגעבען דעם גאַנצען ערשטען באַנד, נור איבער טעכנישע שוועריקייטען איז דאָס זעצען צוגעגאַנגען זייער פּאַמעלעך. יוני 1916 איז עס אינגאַנצען אָפּגעשטעלט געוואָרען צוליב מיין אָנטייל אין וואַלקאַמפּ צום וואַרשעווער שטאָדטראַט. יעצט הוב איך באַשלאָסען אַרויסצוגע-

בען לעת־עתה דאָס, וואָס איז שוין אָפּגעזעצט. ס'איז בלויז אַ העלפט פון באַנד, נור זול זי נישט ליגען אין מאַטריצען—יעצט, אין מיטען קאַמף פאַר יידיש.—דאָס בוך לוזט זיך אויס אף ז' 268, אין מיטען אַ זאַץ. די צווייטע העלפט, וועלכע כ'גיב יעצט איבער צום זעצען, וועט זיך אָנהייבען פון ז' 269: צונויפליינענדיק די צוויי העלפטען, וועט מען האָבען איין בוך. די צווייטע העלפט וועט האָבען צום סוף אַ נאָכוואָרט, אויספירליכע רעגיסטערס און אַ אינהאַלט־צעטעל צום גאַנצען באַנד.

וועגען דער אַלגעמיינער אויסלייגונג אין דעם באַנד, זעי דאָס פאָרוואָרט צו דער ערשטער העלפט פון צווייטען באַנד פון מיינע „זאַמעלביכער פאַר יידישען פולקלור, פילולוגיע און קולטורגעשיכטע".

צו דער טראַנסקריפּציע פון דעם דיאַלעקטולוגישען מאַטעריאַל: אַ = a; וֹ = o; אָ (עווענטועל ו) = u; ע = e; ! = i. וואָקאַללענג ווערט באַצייכענט מיט אַ דעכעל אודער מיט אַ פּאַסיקעל (איבער דעם אות); איבערלענג ווערט אויסגעדרוקט דורך פאַרטופּלונג פון וואָקאַל. מיט אַ זרקא (איבער'ן וואָקאַל) באַצייכען איך נאַזאַלירונג.—

אַ צעטעל פון די ביכער, וועלכע כ'דערמאָן אודער ציטיר אין דעם ווערק, וועל איך געבען צווישען די רעגיסטערס. דאָ וועל איך לעת־עתה אָנווייזען בלויז יענע, וועלכע איך רוף אָן נור מיט אַ קורצען נאָמען. אַלזו:

1) „ליפשיץ" באַטייט: „יודעש־רוסישער ווערטער בוך פון י. מ. ליפשיץ. בדפוס ה"ר י. מ. באקשט. זיטאמיר. 1876". 222 ז"ז 8°.

ס'איז דאָס וויכטיקסטע ווערק אַפ'ן געביט פון דער יידישער לעקסיקוגראַפיע.

ס'פעלט אין דעם אַ סך. בײַ די סובסטאַנטיוועו איז נישט אָנגעוויזען דאָס געשלעכט, די פורם פון פלוראַל; בײַ די ווערבען — צו וועלכער קוניוגאַציע זיי געהערען. ליפשיץ איז קאַרג אַף ברענגען די פּעמינינא צו נומינא אַגענטיס. ער רעגיסטרירט לגמרי נישט קיין אייגען־נעמען.

אָבער אִים אַלגעמײַן אִיז זײַן ווערטערבוך אַ מערקווירדיקער דיאַלעקטאָלאָגישער דענקמאָל: אִין דעם ווערק אִיז כמעט אויסגעשעפּט דער לעקסישער אוצר פֿון דעם דרום-רוסלענדישען יִדיש (אִין וואָלינער-קיעווער קאַנט).

ליפשיץ הוט אָהן א ספק פֿאַרמאָגט אַ נישט מיטעלמעסיקען פֿילאָלאָגישען חוש. ער אִיז געבוירען געוואָרען צוּ פֿריִ און הוט געלעבט אִין שווערע פֿערזענליכע אומשטענדען, אַזוי אַז ער הוט זײַנע פֿעיִקײַטען נישט געקענט ווי געהעריג אַנטוויקלען און ברענגען צום פֿולען אויסדרוק. אִין אִים אִיז אָפּגעשטאָרבען אַ קראַפֿט, וואָס הוט געקענט נישט ווייניג אויפֿטוּן פֿאַר דער יִדישער שפּראַכפֿאָרשונג.

נור אַ וואָלינער קען אָפּשאַצען דאָס גענויִקייט, מיט וועלכען ליפשיץ הוט איבערגעגעבען די וואָקאַלען פֿון זײַן מוטערשפּראַך. אִין מײַן ווערק קומט מיר אויס אִים צוּ ציטירען כמעט אִין יעדען פּאַראַגראַף. פֿון די בײַשפּילען, וואָס כ'נעם בײַ ליפשיצען, קען מען זיך איבערצײַגען, ווי פֿײַן ער הוט אונטערשײַדט פֿאַרשידענע פֿונעטישע דערשײַנונגען.

ער הוט אִין זײַן לעקסיקאָן אָפּגעשײַדט דורך באַזונדערע צײַכענס דעם דרום-רוסלענדישען u (=ליטווישען o) פֿון אוניווערסאַלישען קורצען o; דעם לאַנגען i פֿון קורצען. ער הוט אונטערשײַדט צווישען די סונאַנטישע n, l און די קונסונאַנטישע, א. אַ. וו..

דערהויפּט אִיז צוּ שעצען דאָס, וואָס ער הוט די פֿרעמדווערטער פֿון דער יִדישער שפּראַך — די סלאַווישע און אַנדערע — פֿאַרצײַכענט טאַקי אַזוי, ווי מ'רעדט זיי אַרוים אִין וואָלינער-קיעווער קאַנט. אַלע פֿאָלקסעטימאָלאָגיעס זענען פֿון אִים טרײַ טראַנסקריבירט. ער הוט געקענט רוסיש און דײַטש, הוט זיך, אָבער, געהיטען צוּ ברענגען די דערמאַנטע פֿרעמדווערטער אִין זייער אורשפּרינגליכער פֿורם. ער הוט נוטירט דאָס יִדישע געשטאַלט.

די עטליכע ווערטער פֿון אָנערקענונג געפֿין איך פֿאַר נייטיג צוּ ווידמען אַף דעם אורט ליפשיצען, וואָס אִיז בײַם לעבען נישט אָפּגעשאַצט געוואָרען ווי ס'דאַרף צוּ זײַן. —

2) „הורוויץ“ = „ספר המלים זשאַרגאָני-עברי. יודישער לשון-קודשער ווערטער-בוך. חבר ע"י דוד הלוי ברש"ש ז"ל איש הורוויץ. הוצאה שלישית. אדעססא, בדפוס אבא דוכנא". 1903, 112 ז"ז, 8⁰.

דער מחבר הוט אִין זײַן ווערק געלייגט אַבט דעריקרשט אַף די העברעִישע איבערזעצונג, — ווי ער אַליין שרײַבט אִין דער לשון-קודשער הקדמה: „אנכי לא באתי לפרש את השפה הזשארגאנית ע"י העברית, ולא דקדוק השפה הזשארגאנית הוא העיקר אצלי, כי רק לכלי שרת לקחתיה הלום, לתת על ידה מושג נכון ואמתי למלה העברית העומדת נכחה".

אִין דער יִדישער „פֿאָררעדע“ לײַענען מיר, צווישען אַנדערעס: „דער זשארגאָן איז זייער פֿערשידען אין פֿיעל ערטער, אפילו אין רוסלאַנד אַלליין רעדען ניט אַלע גלייך. אַז ס' קומען זיך צונויף אַ וואַרשעווער מיט אַ חערסאָנער, אַ קיעווער אָדער פּאָלטאַווער וכדומה, פֿערשטייען זיי זיך גאָר ניט איינער דעם אַנדערען, למשל: אַז איינער פֿון מאַלאָ-רוססיע,

אדער אוקריינע קומט קיין ווארשא אונ הערט זאָגען רזשאָנצע. סטרווש, רעווועראָווע אדער וואַרעט, וכדומה, ווייסט ער גיט צו אין דאס אַזעלכע מענשען, צו חיות, אדער ווארשעווער גאשערייא. דאסגלייכען אַז אַ ווארשעווער קומט אין אוקריינע אונ הערט זאָגען: אָבאָד, האַנטשירקע, האָניטשע קען ער מיינען אַז עס איז אזעלכע מאכלים, איך וואָלט געקאָנט געבען דא זייער פיהל בייאשפּיללען עס וואָלט אפילו זייער ליאָבאָפיטנע (ליעב) געווען צו לעזען נאר ניט דא איז דאס ארט דער פון. דער לעזער וועט שוין אַליין בעגעגענען אין סלאָוואַר אַזעלכע ווערטער וואס ער האט ניט געהערט צייט ער לעבט, ער דאַרף אָבער וויסען אַז אין אַנדערע ערטער רעדט מען אַזוי אונ מען מוז דאָס וואָרט האָבען אין סלאוואר, כדי ער זאָל זיין אַ דָּבָר הַשָּׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ. — אין דעם מוזען מיר אָבער מודה זיין אַז מיר קענען זיך ניט אָבנאַרען אונ מיינען אַז מיר האָבען טאַקע אַללע ווערטער פון אַללע פערשידנע לענדער געשטעללט, מיר זאָללען אַזוי וועלען טאָהן וואָלטען מיר געדאַרפט אויספאָרען אַללע לענדער, אונ אין יעדער לאַנד זיך פערזאַמען פיהל צייט אונ זיך בעקענען מיט זייערע אויסשראך, זייערע אויסדרוק וכדומה, נאר עס וואלט אָבער משותלח'ס יאָהרען אויך ווייניג געווען דערויף. לכן טאָמער וועט אימעצער זוכען אַ וואָרט אונ וועט ניט געפינען זאָל ער קיין פעראיבעל ניט האָבען, ער זאָל געדיינקען דיא הייליגע ווערטער: „אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו"...

פאַר'ן יידישען דיאַלעקטפאָרשער איז דאָס ווערטערבוך ניט אָהן געוויסע נוצען1). —

1) וועגען דער אורטוגראַפיע אין דעם ווערטערבוך זאָגט דער מחבר אַליין: „דאָס אויסלייגען פון זשאַרגאָן איז זייער פערשידען אונ פיהל פערענדערט אין אַללע לענדער, אונ יוצא זיין נאָך אַללע דעות איז אונמעגליך אַלזאָ האָבען מיר אָנגענומען דיא קלוגע עצה פון החי „הנ"ץ" (דער רעדאַקטער פונעם הויזלערער אין ווארשא) אַז מיר זאָלען דעם זשארגאָן אַריין נעמען אין ראַמקעם נאָך דיא כללים פון דער דייטשער שפראַכע וועלען שוין אַללע גרינגער פערשטיין".

די „קלוגע עצה" הוט הירץ נ״מאַנאָוויטץ (המכונה הנ"ץ) געגעבען דוד הורוויצן אין אַ בריף, וועלכער איז אָפגעדרוקט באַלד אין אָנהייב פון דעם ווערטערבוך. מיר לייענען דורט: ... „השפה הזשארגאנית היא היא השפה האשכנזית אך באורך הגלות נשחת תוארה, פנה זיוה, פנה הודה, פנה הדרה, עד כי היתה למשל ולשנינה בפי חכמי הלשון, ורוב משכילי עמנו יבזוה וישליכוה בנצר נתעב וככלויי סחבות. אך משום הא לא איריא שאין לנו צורך בה, כי סוף סוף רבבות אלפי ישראל משתמשים בה, וסיפרים רבים כותבים בה ספריהם להמון העם, א"כ תבון לנו השפה הזאת כבית-יד וכלי-שרת ללמד בה תועים בינה, שפות אחרות וחכמות נחוצות, כי אין להמון העם כלי-שרת אחרים, בהיות כל דבר הנכתב בשפה אחרת ספר החתום הוא לו. אך יען אשר השפה הזאת יסדה בשפת אשכנז, ע"כ נחוץ לנקות חלאתה כיד היכולת ולהחזיר עטרה ליושנה, כלומר: להתאמץ להטות כל מלה למקור מחצבתה, במבטאה וביושר הכתיבה. למשל, ההוספות: „פאר" נשחתה בזשארגאן תמורת ההברה האשכנזית „פער" ולכן תשיב למלות ההן תפארתן אשר לקחה מהן

3) „האַרקאַווי״ = „יידיש-ענגלישעס ווערטערבוך פון אלכסנדר האַרקאַווי. זעקסטע אויפלאַגע, פערבעסערט אונד פערגרעסערט. ניו יאָרק: היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני. ה׳ תר״ע״.

האַרקאַווי גיט-אָן דאָס געשלעכט פון די הויפּטווערטער און ווייזט-אָן דעם פּלוראַל. דאָס איז אַ מעלה.

אובער אים אַלגעמיין דאַרף מען זיך מיט דעם לעקסיקון באַגיין זייער פאָרזיכטיק. די אויסלייגונג איז מער פאַרדייטשט, ווי אונזער ליטעראַרישע אורטוגראַפיע. געגנוג צו זאָגן, אַז האַרקאַווי שרייבט: „הערצבי-, הערויס-, הערויף-, הערום-, הערונטער-, הערייַנ-״,—אָנשטאָט די ריכטיק-יידישע „אַראָפּ-, אַרויס-, אַרויף-, אַרום-, אַרונטער-, אַרייַנ-״. אויסער דעם זענען אין ווערטערבוך אַרייַנגענומען צו פיל ריין-דייַטשישע ווערטער 1).

דוך איז עס אויך פול אַ סך דיאַלעקטולוגישען מאַטעריאַל. —

4) „דרייזין״ =

„ПОЛНЫЙ РУССКО-НОВОЕВРЕЙСКІЙ СЛОВАРЬ съ прибавленіемъ иностранныхъ словъ, вошедшихъ въ составъ русской рѣчи, составилъ І. Дрейзинъ. Пятое исправленное и дополненное изданіе. Изданіе и собственность Н. Г. Закса. — Варшава. Въ Типографіи М. Алапинъ, Налевки 47. 1913 г.” (ז״ז 832, 8⁰).

נאָכ׳ן טיטעלבלאַט, אַף אַ בעזונדער זייטעל,— „איינע קליינע פאָררעדע״, אונטערגעשריבען: „דער הערויסגעבער״ און דאַטירט: „ווארשא חדש בסליו תרמ״ז״ (ד. ה. 1886). מיר לייענען דורט: „דער מחבר האט

ותכתוב „פערגעסען״, „פערברענען״ ולא „פאר געסען״ „פאר ברע ן״ וכדומה״...

די אויסלייגונג איז אין דעם ווערטערבוך טאַקי נישט פויגעלדיק. —

1) אין פאָרוואָרט דערציילט האַרקאַווי, „וויא אַווי דיא אַרבייט איז צוגעגאַנגען״: „יידיש איז אַ צוזאַמענגעשטעלטע שפּראַך; זיא בעשטעהט פון פערשיעדענע יסודות; איהרע הויפּט יסודות זיינען גערמאניש (דייטש), סלאַוויש (רוסיש, פּויליש) און סעמיטיש (העברעאיש, כאַלדעאיש). אום צו זאַמלען דיא ווערטער פון דער יידישער שפּראַך האָט זיך דעריבער דער פערפאַסער געווענדעט צו דיא לעקסיקאָנען פון דיא גערמאַנישע, סלאַווישע און סעמיטישע שפּראַכען און האָט פון זיי הערויסגעצויגען יענע ווערטער, וועלכע ווערען איהר בענוצט; אַחוץ דעם האָט ער שטענדיג געהאַלטען אין פערצייכענען אונגעוועהנליכע יידישע ווערטער, וועלכע זיינען איהם הערויף אויפ׳ן זכרון, אָדער וועלכע ער האָט געהערט אין געשפּרעך און געטראָפען אין שריפטען און ביכער״.

דער ערשטער שריט — דאָס ווענדען זיך צו די לעקסיקונען פון די פרעמדע שפּראַכען — איז געווען אַ פאַלשער, און, הגם דער מחבר הוט געוווּסט, אַז „ניט אַלע ווערטער האָבען אין יידיש דיא זעלביגע פאָרמען..., וויא זיי האָבען אין דיא שפּראַכען, פון וועלכע זיי נעהמען זיך״, — איז ער פורט נכשל געוואָרען — אַרייַנגעפירט אי פרעמדע פורמען אי איבעריקע פרעמדווערטער. —

קין הקדמה געשריבען צו זיין ווערטערבוך, דענן אין אמת ברויכט מען
צו אווערטערבוך קיין הקדמה, אזוי וויא מען ברויכט ניט אהסכמה, נאר
דער הערויסגעבער האלט עס ניט פאר איבריג צו געבען דעם פובליקום
אייניגע אנמערקונגען, וואס אין דיעזעם ווערטערבוך איז פערבעסערט אונ
פערמעהרט געווארען געגען אנדע׳ע ווערטערביכער, אונד אויס דיעזען
אנמערקונגען קאנן מען זעהן, דאס דיעזעם ווערטערבוך איזט פאלשטענ-
דיג". — די דריטע פון די 4 אנמערקונגען: „דיא איבערזעצונג אין
יודישער שפראכע איזט בעצייכענט נאך דעם ליטוויי-
שען דיאלעקט (אויסשפראכע) אונד נאך דעם וואהלינער
דיאלעקט, דאמיט עס זאל פערשטענדליך זיין פיר יעדע געגענד, נאך
זייער אויסשפראכע".

דאס ווערטערבוך הוט נישט קיין וויסענשאפטליכע ווערט. אלס
מאטעריאלקוועלע פאר שפראכפאָרשונג קען עס אובער נוצליך זיין. —

5) „גולומב" — „צבי ניסן גאלאמב. מלים בלשוני
העברעאיש-אידישעס ווערטער-בוך פון העברעאישע ווער-
טער, אויסדריקע און תורה-ווערטער, וועלכע ווערען בענוצט אין אי-
דישען געשפרעך און אין איהר ליטעראטור. צום סוף קומט גאנצע תלמודישע
זאגען, וועלכע ווערין בענוצט אלס שפריכווערטער, אונטער דעם נאמען:
פתגמי אורייתא אויסגאבע פון א. יאווארקאווסקי. ווילנא — עת"ר.
דרוקעריי פון דער געזעלשאפט „דרוק און פערלאג". זאוואילנע גאס נומר 21"
(ז"ז 400 + 48; 8°).

אף ז"ז 7 — 13: „הקדמה פאָרוואָרט איבער די נוצליכקייט
און ווי זיך צו בענוצען מיט דיעזען ווערטער-בוך". מיר לייענען דורט
באלד אין אנהייב: „די נוצליכקייט פאן אזא ווערק אלס „ווערטער-בוך",
איז גענוג בעוואוסט פיר יעדען איינצעלנעם, דאס עס גיט אין אלע שפרא-
כען און אויך פיר אלע קלאסען און פאר יעדען געגענשטאנד בעזאנדער,
סאי פאר די אייגענע שפראכע, אין וועלכע שפראך עס ווערט פערפאסט,
סאי פרעמדע ווערטער-ביכער, און ווען מען ברויכט דאס פיר אלע אנדערע
שפראכען, ברויכט מען דאס נאך מעהר אין זשארגאן פאר די פיעלע העב-
רעאישע ווערטער איהרע צוליעב זייער דיקטאנט וואס נעהמען ניט אן קיין
ענדערונג און דער צו, צוליעב איהרע קורצקייט וואס זי איז אויסגעקינ-
צעלט דורך די בעדינגונגם בוכשטאבען (ווי עס ווערט ווייטער ערקלערט)
איז זי צוליעב דעם זייער מקפיד אויף איהר בעזאנדערע אויסנאהמע אר-
פאגראפיע (דאס ריכטיגען אויסלייגען אין שרייבען), וואס יעדער קליינע
אומענדערונג אדער פעהלער גיט אריין אין וואָרט איין אנדער זינן אדער
עס מאכט איהם גאר אונפערשטענדליך און לעכערליך ביי דעם מבין; און
אויסער די פיעלע איינצעלנע העבראישע ווערטער וואס ווערען געברויכט
אין זשארגאנישען געשפרעך — קומען פאר אויך זייער פיעלע גאנצע אויס-
דריקע און פראזען, גאנצע פסוקים פון תנ"ך און תלמודישע שפראך-ווערטער
און ציטאטען וועלכע עס ווערען אויסגעדריקט אין געשפרעך ביי לומדים
„יודעי ספר" — זאגט דאס נאך דער המון מיט פיעלע פעלערן און ניט צו דער

צײַט וואו עֶס פַּאסט, אַזוי קאַפּויר דאָס דעֶר „בַּר אוֹרְיָן“ ווערט פּשוּט מְבוּלְבָּל העֶרעֶנדיג,· כִּידוּעַ. אָבעֶר ווי זיי האָבּעֶן דאָס אַלעֶס דאָ געֶדרוּקט שוואַרץ אויף ווײַס, געֶפּוּנקטירט (מיט נקודות) און מיט אַ ריכטיגעֶן איבעֶרזעֶצוּנג, וועֶט שוין יעֶדעֶרעֶר שרײַבּעֶן ריכטיג יעֶדעֶן וואָרט און נאָך זאָגעֶן אין אַ ריכטיגעֶן זינן און צוּם געֶהעֶריגעֶן אָרט וואו עֶס פַּאסט, עֶס זאָל ניט זײַן קײַן חוּכָּא וְאִטְלוּלָא, דעֶרצוּ איז עֶס נאָך רײַכליך בּעֶזאָרגט מיט דיזעֶ מעַלות, אַלעֶ העֶבּרעֶאישעֶ ווערטעֶר, בּיבּלישעֶ און תלמוּדישעֶ זײַנעֶן אין איהם צו-זאַמעֶנגעֶשטעֶלט נאָך דעֶם סדר פוּן אַלף-בית; יעֶדעֶר פוּן זיי אין וועֶלכעֶ פאָרמעֶ עֶר קוּמט, סײַ אין לשון יחיד סײַ אין לשון רבים, ווען עֶר איז אַפּילוּ ניט אײַנגעֶפיהרט אין רײדעֶן, צב"ש: פוּן שֻׁלְחָן – שֻׁלְחָנוֹת, פוּן סַכִּין – סַכִּינִים, און דאָס גלײַבּעֶן. אַנדעֶרעֶ זײַנעֶן אײַנגעֶפיהרט צוּם רײדעֶן אויך אין לשון רבים, ווי: בֶּגֶד – בְּגָדִים, בְּהֵמָה – בְּהֵמוֹת א. ד. ג. אויך אײַנגעֶפיהרטעֶ ווײַבּליך אײַנצעֶלנעֶ און מעֶהר צאָהל, אָבּעֶר איבּעֶרגעֶזעֶצט איז מעֶהר ניט דעֶר יחיד, דעֶר רבים איז שוין זעֶלבּסט פערשטעֶנדליך, אָבּעֶר אָנגעֶוויזעֶן זײַנעֶן בּיידעֶרלײ מיט זײַערעֶ קוועֶלעֶן (מראה מקומות) פוּן וואַנעֶנט זיי שטאַ-מעֶן אין דעֶר בּיבּלישעֶ אָדעֶר אין דעֶר תלמוּדישעֶ ליטעֶראַטוּר (אָפּט פוּן בּיידעֶ צוּזאַמעֶן) אויך פוּן רבּי'נעֶרשעֶן ליטעֶראַטוּר אָדעֶר פּיוּטים (וואָס דאָס אויפצוּווײַזעֶן אײַנצעֶלנעֶ ווערטעֶר איז פיעֶל שווערעֶר פאַר גאַנצעֶ זאַגעֶן), אָדעֶר סתם ווערטעֶר וואָס האָבּעֶן קײַן קאָמפּעֶטעֶנטעֶ קוועֶלעֶ וואָס דאָס פאָלק האָט אײַנגעֶפיהרט אין געֶשפּרעֶך פוּן זיך אַלײַן, למשל: „בְּלִי אִחוּר“, „חָכָם עַתִּיק“, „מֵילָא בְּבֵן“ א. ד. ג. וועֶלכעֶ האָבּעֶן קײַן קוועֶלעֶ, און אויס-דריקעֶ וועֶלכעֶ עֶס האָבּעֶן אײַנגעֶפיהרט די מחברים פוּן מיטעֶלאַלטעֶר. — דאָ איז כּמעט יעֶדעֶר העֶבּרעֶאיש וואָרט איבּעֶרזעֶצט אין יידיש אין אַלעֶ אַרטעֶן בּעֶדײַטוּנגעֶן און בּעֶגריפעֶן אין וועֶלכעֶ זיי ווערעֶן בּעֶנוּצט. עֶס גיט אויך ווערטעֶר וואָס זײַער ריכטיגעֶר בּעֶדײַטוּנג ווערט אין פיעֶל — ווייניג געֶעֶנדעֶרט, אַרײַן קוּמעֶנדיג אַלס פרעֶמדעֶר וואָרט אין אַ אַנדעֶר שפּראַך, אָפּט קוּמט עֶר ווידעֶרהאָלט מיט פעֶרעֶנדעֶרוּנגעֶן ווי זיי זײַנעֶן אײַנגעֶפירט אויך אין רײדעֶן, ווי: לוּמְדִים — לָמְדִים, טוֹב — טָב, טַלִּיתוֹת — טַלֵּיתִים א. ד. ג.."—

6) „ספּיוואַק-יהואש“ [1]) == „אידיש ווערטערבּוּך“ ענטהאַלט אַלע העברעאישע (און כאַלדעאישע) ווערטער, אויסדרוקען און אייגענ-נעמען, וועלכע ווערען געברויכט אין דער אידישער שפּראַך, מיט זייער אויסשפּראַך און אַקצענט, און מיט בייששפּיעלען פון ווערטלעך און שפּריכווערטער אין וועלכע זיי קומען פאָר מיט אַ'ן איינליי-טונג פון נעטהיגע כללים און בעמערקונגען, און אַ ביילאַגע פון העברעאישע פערזאָנען-נעמען, פאַמיליען-נעמען און נעמען פון פער-איינען, חברות, שולען, בית-עולם'ס א. א. וו. — צוזאַמענגעשטעלט און ערקלעהרט פון דר. חיים ספּיוואַק און יהואש (ש. בלומגאַרטען). — אַרויסגעגעבען פון פערלאַג יהואש ניו יאָרק" (ז"ז XXXII + 340; 8°).

---

1) אודער: „ספּ'-יהואש“, „ספּ'-יהו'“. —

אין פֿורוואָרט זאָגען די מחברים וועגען „דעם צוועק פֿון דעם ווערטערבוך“ (ז' IX): ... „ערשטענס, איז געווען די כונה פון די פֿערפֿאַסער צו געבען אַפֿילו אין גאַנצען זאַמלונג פון אַלע העבראַאישע ווערטער, אויסדרוקען, פראַזען, ווערטערביך און שפּריכווערטער כדי צו געבען מאַטעריאַל פאר געלעהרטע אין פילאָלאָגען צו דער פאָרשונג פון דעם וויכטיגען געגענשטאַנד. דאָס שטודיום פון דער פאַרענדערטער געשטאַלט, הן אין אויסלייגונג, הן אין אויסשפּראַכע, הן אין באַדייטונג, וועלכע די העבראַאישע ווערטער האָבען אָנגענומען אין זייער פאַרשמעלצונג מיט די אַנדערע עלעמענטען פון אידיש אין דעם טעגליכען געברויך און פאַרקעהרט, די פאַרענדערונג פון די אויסלייגונג, אויסשפּראַכע און באַדייטונג פֿון די ווערטער פֿון די אַנדערע שפּראַכען אונטער דער ווירקונג פון די העבראַאישע ווערטער, אַ שטודיום וועלכע איז כמעט ניט אָנפאַנגען, וועט איצט מעגליך זיין דורך דעם ווערטער-בוך“...

וואָס שייך דער יידישער אויסשפּראַך פֿון די העבראַישע ווערטער, איז זי אין דעם ווערטערבוך באַריקזיכטיגט בלויז פֿאַר איינצעלנע וואָקאַבלען, און נור פֿאַר'ן ליטווישען דיאַלעקט. אין דער הינזיכט איז די הילף, וואָס דאָס ווערק קען געבען דעם יידישען שפּראַכפֿאָרשער, אַ מינימאַלע.

צ. ב. באַלד אַפֿ'ן ערשטען זייטעל געפֿינען מיר: „אֲבֵדָה (אֲבֵדוֹת); אִבּוּד־מָמוֹן; אָבוֹת; אֶבְיוֹן“, — ס'איז, אובער, נישט אָנגעוויזען, אַז אין יידישען רעדען ווערען די וואָקאַבלען אויסגעשפּראָכען: „אַוועידע[1] אַוועידי[1]), אַוואַידע[2]), אַוואַידי[2]), אַוואַידו[2]), [אַוועידעס[1]), אַוועידיס[1]), אַוואַידעס[2]), אַוואַידיס[2])]; איבער־מאָמען[3]), איביר־מאָמין[3]), איבער־מאָמע[2]), איביר־מאָמי[2]) א. אַ. וו.; אָוועס[4]), אָוויס[4]), אָוועס[5]), אָוויס[5]); עוויען[1]), עוויין[1]), עוויע[2]) א. אַ. וו.“—

7) „מלון של כיס“[6]) = „מִלּוֹן שֶׁל כִּיס מעברית לרוסית ואשכנזית ומרוסית לעברית ואשכנזית. חלק ראשון: עברי־רוסי־אשכנזי. חִבּר ע"י יהודה גרזובסקי. בהשתתפות יוסף קלוזנֶר. הוצאת „תושיה“. מהדורה רביעית... ורשה תרע"ב“, קל' 8⁰. —

8) „גערצון“[7]) =

„DIE JUEDISCH-DEUTSCHE SPRACHE. Eine grammatisch-lexikalische Untersuchung ihres deutschen Grundbestandes. Von Jacob Gerzon, Dr. phil.—Frankfurt am Main. Verlag von I. Kauffmann. 1902“.

דאָס בוך איז וויסענשאַפטליך, נור ס'איז דוך מער נישט ווי אַני-

---

1) אין ליטע אודער אין דרום־רוסלאַנד. — 2) אין פוילען. —
3) אין דרום־רוסלאַנד. — 4) אין ליטע. —
5) אין דרום־רוסלאַנד און אין פוילען. — 6) אודער: „מלון“. —
7) דורך פאַרזעען אויסגעלייגט אין דעם בוך מיט אַ ז (ווי, צ. ב., ז' 24, אָנמ' 3 אונטער'ן טעקסט). —

עסקיז, דער מחבר הוט אַ־געווענדט אַ ריִכטיקען מעטוד: באַם באַטראַכטען דאָס מודערנע יידיש, גייט ער אַרוים פון מיטעל־הויכדייטשישען. אובער, צום באַדויערן, הייבט ער זיך נישט אויף העכער פון גיטירען באַיבאַכטונגען, — פאַראַלגעמיינערן זיי, אויפשטעלען געזעצען איז ער נישט געווען ביכולת. ער ווייזט אָן, אַז אַקעגען דעם מה"ד קורצען a 1) הובען די ליטווישע מ"ט: קורצען a און קורצען ɑ; ברענגט 14 ביישפילען פון ווערטער מיט קורצען a און 24 — מיט קורצען o. אובער וו איז דער כלל: ווען הוט אַ ליטוויש ווורט אַלס שטאַמוואָקאַל (אַקעגען מה"ד קורצען (a) a, און ווען o? דערויף געפינט איר באַ גערצינ'ען קיין ענטפער נישט. א. אַ. וו.. — דער אויטור הוט אַליין נישט געקענט רעדען יידיש. ער הוט געמוזט אָנקומען צו פרעמדער הילף, — איז אים שווער געווען צו פאַרטיפען זיך אין דער שפּראַך. דאָס גרונטגעזעץ אין דער אַנטוויקלונג פון יידישען וואָקאַליזם אוים דעם מיטעלהויכדייטשישען — דער אונטערשיד צווישען געשלוסענער (עוּענטועל — קוואַזיגעשלוסענער) און אופענער (עווענטועל — קוואַזיאופענער) זילב — איז פאַר אים געבליבען אַ אומאַנטפלעקטער סוד. —

9) „מיט". ==

„Mitteilungen der Gesellschaft für Jüdische Volkskunde, unter Mitwirkung hervorragender Gelehrter herausgegeben von M. Grunwald."

מיט דעם טעקסט אַפ'ן טיטעלבלאַט איז דער אורגאַן אַרויסגעגאַנגען אין האַמבורג פון 1898 ביז 1904, אין זעלבסטפערלאַג פון דער געזעלשאַפט. — 1905 איז ער איבערגעטראָגען געוורען קיין בערלין, און איז ביז 1907 דערשינען אין פערלאַג „ס. קאַלוואַרי עט קומפ'", — איין יאָר מיט דעם טיטעלבלאַט:

„Mitteilungen zur Jüdischen Volkskunde, unter Mitwirkung... Grunwald, Rabbiner der isr. Cultusgemeinde in Wien".[2])

און צוויי יאָר —

„Mitteilungen zur Jüdischen Volkskunde. Organ der Gesellschaft für jüdische Volkskunde in Hamburg und der Gesellschaft für Sammlung und Conservierung von Kunst- und historischen Denkmälern des Judentums in Wien".

1908 און 1909 איז די צייטשריפט איבערגעטראָגען געוורען קיין לייפּציג און איז דערשינען אין פערלאַג פון מ. וו. קאַופמאַן.

פון 1910 אָן גייט זי אַרוים אין ווין. 1910—1912 שוין נישט אַלס אורגאַן פון די צוויי געזעלשאַפטען. 1913 באַווייזט זיך אַפ'ן טיטעלבלאַט די אויפשריפט:

„Diese Mitteilungen erscheinen zugleich als Organ der Gesellschaft für jüdische Volkskunde in Hamburg".

---

1) פון דער שמאַמזילב. —

2) אַלזו, שוין נישט אַלס אורגאַן פון דער האַמבורגער געזעלשאַפט. —

1914 איז די צײַטשריפֿט נוך אַרויסגעגאַנגען. צי גײט זי אויך איצט אַרויס, ווײס איך נישט.

1898—1905 פֿלעגן אַרויסגײן 2 העפֿטן יערליך, פֿון 1906 אָן גײען אַרויס צו 4 העפֿטן יערליך.

גענויער וועגן דעם אינטערעסאַנטן אורגאַן — זעי מײַן רעפֿעראַט וועגן „אונזערע אויפֿגאַבן אַקעגן יידישן פֿולקלור" („מומענט". 1917, נ"ג 83, 87, 99). —

10) „זאַמעלביכער" I = „נח פּרילוצקים זאַמלביכער פֿאַר יידישן פֿולקלור, פֿילולוגיע און קולטורגעשיכטע. באַנד I. וואַרשע 1912". 180 ז"ז, 8^{0}.

„זאַמעלביכער" II = „...באַנד II" [„ערשטע העלפֿט: ליטעראַטורגעשיכטע און פֿולקלור" (וואַרשע, 1917; ז"ז XI+212; 8^{0}); „צווייטע העלפֿט: שפּראַכוויסנשאַפֿט" (דרוקט זיך)]. —

11) „ווילמאַננס I" =

„DEUTSCHE GRAMMATIK. Gotisch, Alt-, Mittel- und Neuhochdeutsch. Von W. Wilmanns. Erste Abteilung: Lautlehre. Zweite Auflage. Strassburg. 1897."

„ווילמאַננס II" =

„DEUTSCHE GRAMMATIK... Zweite Abteilung: **Wortbildung**. Zweite Auflage. Strassburg. 1899"

„ווילמאַננס III (ערשטע העלפֿט)" =

„DEUTSCHE GRAMMATIK.... Dritte Abteilung: **Flexion**. 1 Hälfte: Verbum. Erste und zweite Auflage. Strassburg. 1906".

„ווילמאַננס III (צווייטע העלפֿט)" =

„DEUTSCHE GRAMMATIK.... Dritte Abteilung: **Flexion**. 2 Hälfte: Nomen und Pronomen. Erste und zweite Auflage. Strassburg 1909."

12) „בעהאַגהעל" =

„GESCHICHTE DER DEUTSCHEN SPRACHE. Von **Otto Behaghel**. Dritte... Auflage. Strassburg 1911."—

13) „לעקסער" =

„MITTELHOCHDEUTSCHES TASCHENWOERTERBUCH von Matthias Lexer. Neunte Auflage. Leipzig. 1908."—

14) „גוטטמאַנן" =

„DIE GYMNASTIK der STIMME gestützt auf physiologische Gesetze.... von Oskar Guttmann. Sechste... Auflage. Leipzig 1902."

15) „קלוגע" =

 „ETYMOLOGISCHES WOERTERBUCH der deutschen

Sprache von Friedrich Kluge. Achte... Auflage. Strassburg, 1915."

(16 „טיַאנדער" ==

„DEUTSCH-RUSSISCHES WOERTERBUCH (Enzyklopädie der deutschen Sprache), zusammengestellt unter der Leitung des... K. Tiander. St. Petersburg. 1911."—

(17 „אַם-אורקוועל" ==

„AMUR-QUELL. Monatschrift für Volkkunde. Herausgegeben von Friedrich S. Krauss."

(18 „דער אורקוועל" ==

„DER URQUELL. Eine Monatschrift für Volkskunde. Herausgegeben von Friedrich S. Krauss." —

וואַרשע, אַפּריל 1917.

נח פּרילוצקי.

באַמערקטע דרוקפֿעלערן.

ז' 3 (שורה 2 פֿון אונטען אין טעקסט) — דאַרף זיין: „קוניוגאַציִע".
ז' 16 (שורה 4) — אויסשטרייכען די ווערטער: „גיבאַרני (ראָדים)".
ז' 25 (אָנמ' 16 אונטער'ן טעקסט) — אָנשטאָט „אַדוועדב" דאַרף זיין „פּרעפּאָזיציִע":
ז' 35 (שורה 2 פֿון אונטען) — אָנשטאָט werden דאַרף זיין: werden).
ז' 41 (§ 27, שורה 3) — אָנשטאָט „קוניונקציִע" דאַרף זיין: „פּרע-פּאָזיציִע".
ז' 56 (שורה 2 פֿון אונטען אין טעקסט) — אָנשטאָט „בִּכוּ" דאַרף זיין: „בִּכוּ".
ז' 75 (שורה 5 פֿון אונטען אין טעקסט) — דאַרף זיין: „מיוּלוּמי".
ז' 79 (שורה 1) — דאַרף זיין: „אַהאַין".
ז' 81 (פֿאָרלעצטע שורה פֿון § 67) — אָנשטאָט „אַסם" דאַרף זיין: „אַסם".
ז' 86 (§ 74, שורה 2) — אָנשטאָט „דער אַדווערב" דאַרף זיין: „די קאָנ-יונקציִע".
ז' 89 (שורה 5) — אָנשטאָט „גיגעיבם" דאַרף זיין: „גיגיבם".
ז' 94 (שורה 5) — אָנשטאָט „גייק" דאַרף זיין: „גייט".
ז' 95 (§ 88, שורה 1) — אָנשטאָט „אומבאַטונטע" דאַרף זיין: „נאָכ-הויכטוניקע".
ז' 108 (שורה 15 פֿון אונטען) — אָנשטאָט "souvill", דאַרף זיין: "souviel".
ז' 132 (שורה 1) — אָנשטאָט „צוויי-" דאַרף זיין: „דרי-".
ז' 132 (שורה 8) — אין צווייטען ווערב דאַרף צווישען ם און ר זיין ניט ע, נור אַ.
ז' 132 (שורה 10) — אויסשטרייכען דאָס וואָרט „קאַסווין".
ז' 147 (אָנמ' 1 אונטער'ן טעקסט) — אָנשטאָט „28" דאַרף זיין: „82".
ז' 147 (אָנמ' 4 אונטער'ן טעקסט) — אָנשטאָט „27" דאַרף זיין „28".
ז' 163 (אָנמ' 2 אונטער'ן טעקסט) — אָנשטאָט „דעם אַדווערב" דאַרף זיין: „דער פֿאָרם".
ז' 183 (אָנמ' 3 אין טעקסט, שורה 2) — אָנשטאָט „דעם אַדווערב" דאַרף זיין: „די פֿאָרם". —

דער ר־לויט אין די יידישע מונדאַרטען.

די r=לויטען.

§ 1 — [דאָס פיזיאָלאָגישע]. — 1) די לופט, שטרומענדיק פון מוילקאַנאַל, לויט דעם אונטערגעהויבענעם שפּיץ פון דער צונג וויבּרירען און אָנרירען דעם האַרטען גימען, — קומט־אַרויס פּאַלאַטאַלער ר, ריינער ר, וואָס איז איידעל און ווייכליך. מיר הערען אים כמעט אין אַלע מונדאַרטען פון פּויליש־יידישען דיאַלעקט.

2) וויבּרירט דער שפּיץ פון דער צונג, אָנרירענדיק די אינוויי־ניקסטע זייט פון די אייבערשטע שניידציין און די יאַסלעס, — אַנט־שטייט דענטאַלער ר, וועלכען מיר באַגעגענען באַ יענע, פון וועל־כע מ'זאָקט, אַז זיי רעדען מיט'ן „ריש".

3) וויבּרירט נישט די צונג, נור דער „גימענזעגעל", — נעמט זיך אוווולאַרער ר, אומריינער, געכורכעלטער r. באַ קרעפּטי־קער אַרטיקולאַציע קלינגט ער כמעט ווי כ, אודער אינגאַנצען ווי כ [1]). —

אין אלשומער (וואָלין) קען מען הערען: שאָכע, מוכדכי, בכאַינדל, דאַכף [2]); — אַלזו, אוווולאַרער r וואָרט־אין. —

אין וואַכנוווקי (קיעוו. ג., בערדיטש. א.): וואָרט־אין כמעט כ; וואָרט־אוים שוואַכער געכורכעלט [3]). —

אויך אין סטעפּאַנצי (קיעוו. ג., קאַנעוו. א.) דערגרייכט די r וואָרט־אין כמעט ביז ch. —

---

[1]) זיי צו דעם פּאַראַגראַף: ווילמאַנס I, 7 און 143; בעהאַגהעל 204; גוטמאַן 110. — [2]) שרה, מרדכי, ברײַנדל, דאַרף. — [3]) זיי „שמעלבּיכער" II ד 257, אַנמ. XV אין טעקסט. —

אין טורטשין (וואָלין, לוצק א.) אַוואָלאַרער r וו ו ר ט - א י ן (כמעט כ) און וו ו ר ט - א ו י ס (שוואַכער געכוּרכעלט). —

אויך אין ריזשאַן (לומז. ג., מאַקוו. א.), וו ו ר ט - א י ן: באָכד, גאָכטן, גוכגל. —

אין וואָלקאָווישקי (סוואַלק. ג.): גוכטן, קוכטן, בוכד. —

ענליך אין זשעטל (גרודנ. ג., סלונים. א.).

אין מישיניעץ (לומז. ג., אוסטרולענק. א.) r שטאַרק אַוואָלאַריש וו ו ר ט - א י ן און וו ו ר ט - א י ן (אויסגעשפּראָכן ווי פאַרטופעלט); פאַר די גימענלויטען ק, ג, כ (ווערען אין מישיניעץ וועלאַריש אַרטיקולירט) הערט זיך כמעט פולקומענער ווייכגימען-כ [למשל: וואָכקליך (ווירקליך), וואָכגי צאַך (וואָרגט זיך), אַדוּכגיין (אַרורכגיין)]; — וו ו ר ט - א ו י ס, אין פריען אויסלויט, r, דאַגעגען, שוואַכער געכוּרכעלט. —

אין סטאַוויסק (לומז. ג., קולנ. א.) — ר וו ו ר ט - א ו י ס עטוואָס געכוּרכעלט. —

אין בודזאַנאָוו (פּלוצק. ג. און א.) — כמעט; פעיכד, פעיכדלאַך. —

אין וויערושאָוו (קאַליש. ג., וולויג א.), אין ווישקעוו (וואַרש. ג., פּולט. א.) ר וו ו ר ט - א ו י ס נאָך הויכבאַטונטער זילב שוואַך אַרטיקולירט און דוך געכוּרכעלט. —

§ 2 — [זילבנבילדענדיקער ר]. — 1) אין אייניקע יידישע מונדאַרטען קען דער ר-לויט אַליין, אָהן אַ וואָקאַל פאַר זיך, בילדען (נאַטירליך, וו ו ר ט - א ו י ס) אַ זילב (זעלבסטפאַרשטענדליך, אַ׳אומבאַטונטע).

2) פון די דרום-רוסלענדישע מונדאַרטען ווייסען פון אַזאַ ר-לויט: די וועגערוווער [1]) (לומז. ג.), די אוסטרער (וואָלין), די אַלשומערער (זשיטומיר. א.), די וואַכנוווקער, די סטעפּאַנצער, די קריוווזירער (פּודול. ג., באַלט. א.), די פאַלעשטער [2]) (בעסאַראַביע); אויך — די ריזשאַנער [3]) (לומז. ג.).

אין טורטשין עקזיסטירט זילבענבילדענדיקער ר-לויט נור אין די ווערטער: מוור, זוור, טרוורן, באַדוורן, (אַלזו, נאָך וו, וואָס אַנטשפּרעכט מה״ד ûw). —

---

[1]) די ?-מונדאַרט. — [2]) און נאָך אַנדערע, ווי ווייטערדיקע פאָרשונגען וועלען בעווייזן פעסטשטעלען. — [3]) דער זילבנבילדענדיקער ר: אין וו י נ ג ע ר ו ו ו, אין ק ר י ו ו ז י ר — זייער שאַרף (רענטאַלער r); אין ר י ז ש א ן — זייער ווייך (פּאַלאַטאַלער r). —

פון די ליטווישע: **די וואָלקאָווישקער**[1] (סוּוואַלק. ג.), **די פּולונקער**[2] (גראָדנ. ג., נאָוואָראַדאָק. א.).

פון די פּוילישע: **די זשיכלינער** (?) [וואַרש. ג., קוטנ. א.], **די אַלעווער**[2] [וואַרש. ג., סאָכאַטש. א.] (אין מויל פון יונגערען דור).

3) **נאָך ר קען קיין זילבענבילדענדיקער ר-לויט נישט קומען.** — אַלזו: לערער (קראָזשע, רוזשאַן, וואָלקאָווישקי, פּולונקע), **לעירער** (וואַכנאָווקי, זשיכלין, אַלעווי), לערער (אישומער), לירער (אָסטראָוו, סטעפּאַנצי). —

4) **דער סונאַנטישער טייל פון זילבענבילדענדיקען r-לויט לוזט זיך אויפּאַסען: אַלס רעדוצירטער ע** (אין וואָלקאָווישקי, פּולונקע), **אַלס רעדוצירטער י** (אין אָסטראָוו, אין סטעפּאַנצי), **אַלס רעדוצירטער צווישענלויט** (צווישען ע און י) [אין קראָזשע, אַלעווי]. —

5) **אין די מונדאַרטען, וואָס האָבען זילבענבילדענדיקען r, דערשיינט ער אויך אין די העברעישע ווערטער.** — אַזוי: **קעיוור, פּעיגר**[3] וכו׳.

6) **פּערזענ. פּראָנאָמען פון 3 טער פּ. סינג. מאַסקול. ער** (אין די ליטווישע מונדאַרטען; אין דער רוזשאַנער, אין דער קראָזשער, אין דער אָסטראָווער, אין דער אישומערער), **עיר** (אין וואַכנאָווקי), **עיר** (אין זשיכלין, אין אַלעווי), **איר** (אין סטעפּאַנצי), **איר** (אין ווענגראָווי); **אויך דאַטיוו פון פּערז. פּראָנ. 3 פּ. סינג. פעמינ. איר** (אין די ליטווישע מ״מ איז עס אויך דער אַקוזאַטיוו), **ווערענדיק געברויכט אין נישטהויכטאָניקער שטעלונג** (נאָך אַ וואָרט מיט הויכבאַטאָנטער ענדזילב), **גייען אין דידוזיקע מונדאַרטען איבער אין זילבענבילדענדיקען r-לויט.** — אַזוי: **ווילר, עסטר** (= וויל ער, עסט ער). —

אַנמערקונג. — אייגענטליך, קענען אין איטליכער מונדאַרט (אין וועלכער די שלום-ר-לויטען ווערען נישט פאַרשוונדען), אין אַזאַ פאַל די אויבענאָנגעוויזענע פּראָנאָמינאַלע פאָרמען פאַרלירען דעם וואָקאַל און בילדען מיט דעם קאָנסאָנאַנטישען אויסלויט פון דעם פריערשטייענדיקען וואָרט אַ זילב.

דאָס געשעהט געוויינטליך נאָר אין שנעלען רעדען. —

7) **דער ר בלייבט זילבענבילדענדיק אפילו, ווען ס׳קומט צו אים צו: a) ענדונג פון געניטיוו, פון פּליוראַל, דעמינוטיוו-סופיקס** (באַם נומען); **b) זילבענבילדענדיקער נ-לויט; c) פלעקסיע פון דער קאָניוגאַציע** (באַם ווערב).

---

[1]) דער וואָלקאָווישקער זילבענבילדענדיקער ר איז זייער וויייך, און ווערט במעט ווי נישט געהערט. — [2]) און נאָך אַנדערע, ווי וויטערדיקע פאָרשונגען זעלען געוויזט פעסטשטעלען. — [3]) קֶבֶר, פֶּגֶר.

אזוי, אין וואָלקאָווישקי, למשל: a) בעכר, דעם בעכרס (גענית. סינג.), די בעכרס (פליור.), בעכרל (דעמינ. סינג.), בעכרלאַך (פליור. דעמינ.); b) דונרן (אינפיניט. פון ווערב), דונרנדיק (פּאַרטיציפּ); c) דו דונרסט, ער דונרט (2 טע און 3 טע פּערזאָן סינג. פּרעז. אינדיק.). —

3 § — [נישטזילבנבילדענדיקער ר-לויט]. — 1) מיר זעען אים:

a) אין גרעסטען טייל פון די ליטווישע מונדאַרטען, — למשל, אין וויטעבסק, פּאָלאָצק (וויטעבסק. ג.); פּינסק; פּאָלאָנקע, סוואָסלאָטש (גראָדנ. ג.); ביסלאַוויטש, טשעריקאָוו, האָראָדעץ[1] (מאָליוו. ג.); לאָמזע, סטאַוויסק (קאָלנ. א.), מישיניעץ (אָסטראָלענק. א.); זאָלאָטאָנאָשי[2] (פּאָלטאַוו. ג.). —

b) אין געוויסע דרום-רוסלענדישע, — צום ביישפּיל: אין בראָק (לאָמז. ג., אָסטראָוו. א.); סאָקאָלאָווי (ליובל. ג.); לוצק (וואָלין), און (טעאָרעטיש גענומען) נאָך אין אַנדערע.

c) אין גרעסטען טייל פּוילישע מונדאַרטען (טעאָרעטיש גענומען). —

2) אין די ליטווישע מונדאַרטען און אין בראָק קומט פאַר דעם ר אין דער אומבאַטאָנטער ענדזילב אַ אָפּענער ע, וואָס איז כמעט ווי נישט רעדוצירט, — אין מישיניעץ, למשל, זאָגאַר ווי לגמרי נישט רעדוצירט: — קינדער, רעדער א. אַ. וו. —

אין דער זאָלאָטאָנאָשער מונדאַרט — י, — אזוי: קינדיר, פּאָ-טיר א. אַ. וו. —

r אין נישטהויכטאָניקע זילבען.

4 § — [פאַרלוסט פון נישטזילבנבילדענדיקען ר-לויט]. — 1) אין די סיגנעס b און c פון דעם ערשטען פּונקט אין פריִקען פּאַראַגראַף איז געברויכט דער אויסדרוק „טעאָרעטיש גענומען", מחמת אין דער ווירקליכקייט עקזיסטירט נישט דער נישטזילבנבילדענדיקער ר-לויט אין די מונדאַרטען, אף וועלכע דער אויסדריק באַציט זיך: דער נישטזילבנבילדענדיקער ר-לויט (הייסט עס, וואָרט-אויס אין אומבאַטאָנטער זילב) פאַרשווינט אין דעם גרעסטען טייל פון די פּוילישע מונדאַרטען און אין אייניקע דרום-רוסלענדישע. —

---

[1]) ראָהאַטש. א. — [2]) אייגער פון די סאַמע דרומדיקע פּונקטען פון ליטווישען שפּראַכגעביט. —

2) דער פאַרשוואונדענער ר דערשײַנט נִשט צורִיק אפילו פאַר וואָקאַלִישען אָנלױט פון פאָלגענדִיקען וואָרט. —

3) דער נִשטזִילבענבִילדענדִיקער ר פון דִי העברעִישע ווערטער טײַלט אִין אַלעם דעם גורל פון יִדִישען נִשטזִילבענבִילדענדִיקען ר.

4) דער נִשטזִילבענבִילדענדִיקער ר-לױט פאַרשווִינט, אפילו ווען נאָך אִים גײט: a) ענדונג פון געניטִיוו, פון פּליוראַל, אָדער סופִיקס פון דעמִינוטִיוופּליוראַל (באַם נאָמען); b) דענטאַלער עקספּלאָזִיוולױט ט (אַלס שטאַמלױט אָדער אַלס עפִּטעזעלױט); c) פלעקסִיע פון דער קאָניוגאַציִע (באַם ווערב); d) אַ צווײטע צוגעזעצטע וואָרט (אִין קאָמפּאָזִיטִים). —

§ 5 — [ר-פאַרשווִינדונג אָהן ווִירקונג אַפ׳ן וואָקאַל פון דער ענדזִילב]. — 1) אַפּ-פאַל אָדער אַרױספאַל פון נִשטזִילבענבִילדענדִיקען ר-לױט בלײַבט אִין גרעסטען טײַל פון דִי פּױלִישע מונדאַרטען לגמרי אָהן ווִירקונג אַפ׳ן וואָקאַל פון דער ענדזִילב.

2) אִין טאַרטש?ן (וואַרש. ג., גרִיצ. א.), לאָמִיר אָנכאַפּען, הערען מִיר: —

a) בר?דע, שראַבע, קעילע, פעילע, קִינדע, פױע [1]); — העבר.: באָכע, זאָכע, סױכע [2]); —

גענִיט. סִינג., נאָמִינאַט. און גענִיט. פּליור.: שראַבעס, קעילעס, פעילעס; — העבר. (גענִיט סִינג.): באָכעס, זאָכעס, סױכעס; —

פּליור. דעמִינ.: בר?דעלעך [3]), קִינדעלעך; —

b) הִינדעט [4]); —

c) 2 טע און 3 טע פּ. סִינג פּרעז. אִינדִיק.: דִי צִיטעסט, דִי מאַסעסט, אַ׳ צִיטעט, אַ מאַסעט [5]); —

d) קאָמפּאָזִיט.: קל(אַידעשאַנק, קעילעשט?ב. —

נאָך: הִינדעטע [6]) (אַלזאָ, פאַרלוסט פון 2 נִשטזִילבענבִילדענדִיקע r-לױטען!).

3) דאָסזעלבִיקע (ווִי אִיך קען קאָנסטאַטִירען לױט אײגענע באַאָבאַכטונגען) — אִין דִי מונדאַרטען פון דִי שטעדט, שטעטלעך און דערפער:

---

[1]) אַדווערב: פױער (= פריִער). — [2]) בחור, זכר, סוחר. — [3]) אָבער: בר?דערל, שראַבערל, קעילערל, פעילערל. — [4]) הונדערט (100). — [5]) אָבער: צִיטערן, מאַסערן (מסר׳ן). — [6]) הונדערטער [נגמער. אָרד., סובסטאַנט. (100-רובלפאַפִּירשטִיק)]. —

אין ווארשעווער ג.: נאָווידוואָר, טשיסטי, פיאַסעטשני, יעזיאָרני (ווארש. א.); גראָיצי, גער, בלענדאָוו, מאָגילניצי (גריצ. א.); בלאָני, וויסקיט [1]) (בלאָנ. א.); סאָכאַטשעוו [2]), אַלאָיוו (אין מויל פון עלטערען דור), סוואַ-וואָליאַ (סאָכ. א.); סקערניעוויץ; נאָוואָמינסק, קאָליבעל, שיעניצי, קאַר-טשעוו (נאָוואָמינסק. א.); לאָוויטש; פילטיסק, סראָצק (פילט. א.); זאַקראָטשין (פלאָנסק. א.);

אין פלאָצקער ג.: גלינאָוויץ (ציעכאַנ. א.);

אין ראַדאָמער ג.: ראַדאָם, פשיטיק, סטראָמניץ (ראַד. א.); מאַליץ (צוויום. א.); קאָזיעניץ, מאַגנישעוו (קאָזיענ. א.); דריליטש, ליפּסק, קאַזאַנאָוו (דרילזשער א.); אָפּאָטשני; אַפּט, אָסטראָוויעץ, וואַנטשין (אַפּט. א.);

אין קיעלצער ג.: קיעליץ, לאָפּושני (קיעלצ. א.); כמיעלניק, ניי-שטאָט [3]) (סטאָפּניצ. א.); נײַשטאָט [4]) (פינטשעוו. א.);

אין פּעטריקאָווער ג.: טאָמאַשאָוו, נײַשטעטל, קליין-ביאַלי (ראַוו. א.); בערזשין, סטריקאָוו (בערזש. א.);

אין ליובלינער ג.: גאַרוואָלין, ריקי, פּאַריסאָוו (גאַרוו. א.); אָפּאָלי, אַיוואַנגאָראָד (פּיל. וו. א.);

אין כעלמער ג.: קאָמאַראָוו (טאָמאַשאָוו. א.). —

4) אין די אַלע מונדאַרטען איז דער וואָקאַל פון דער ענדזילבע-אַנ׳ אָפּענער, כמעט נישט רעדוצירטער ע.

אין סאָכאַטשאָוו, אין נײַשטאָט (קיעלצ. ג., סטאָפּנ. א.) איז דער ע אָפענ ביז דער גרענעץ, ווו עס קען זיך שוין אָנהייבען שפּירען די טונפאַרב פון דעם אָפענסטען פון אַלע וואָקאַלען (פון a). —

אין יעזיאָרני, אין זאַקראָטשין איז ער נאָך אָפענער, און אין זיין אויסלויט לוזט זיך שוין טאַקי פאַרנעמען די טונפאַרב פון a. — דאָרט הערט מען: ברידעא, שוואָגעא, פעילעא.

5) אין לאָוויטש איז דער ע קוים-קוים געשלאָסען (מיט אַ נטיה אין דער זייט פון י).

---

[1]) אַף פּויליש: Wiskitki. — [2]) אין ווארשע, אין סאָכאַטשעוו גופא און אין אַ סך אַרומיקע ערטער קלינגט דער נאָמען פון דער שטאָדט: טשאָכיטשעוו (ביישפּיל פון רעגרעסיווער אַסימילאַציע: דער אַנלויט-טש פון דער אומבאַטאָנטער ענדזילבע האָט צוגעגליכען צו זיך דעם אַנלויט פון דער הויפּטבאַטאָנטער ערשטער זילבע). —

[3]) Nowo-Miasto-Korczyn. [4]) Nowo-Korczyn. —

אין גליבנוויץ איז דער ע׳ געשלאָסען, אַזוי אַז עס הערט זיך קמעט י: — קינדי, ברעיטי, וואַטי.

אויך אין דידזיקע שטעדט איז דער ענדוואָקאַל קמעט נישט רעדוצירט.

6) דאָס אויבענאָנגעוויזענע פּאָלקייט, געוויכטיקייט פון אומבאַטאָנטען ענדוואָקאַל לאָזט זיך דערקלערען דערמיט, וואָס נאָך דעם אָפּפאַל פון אויסלויט-ן אין די מונדאַרטען, פון וועלכע ס׳איז די רייד אין דעם §, ווערט דאָס געשטערטע פאָנעטישע גלייכגעוויכט פון וואָרט צוריקגעשטעלט דורך דעם בילדען זיך פון אַ שטאַרקען טיפטאָן אויף דעם וואָקאַל פון דער ענדזילב.

דאָס איז איינע פון די כאַראַקטעריסטישסטע אייגענשאַפטען פון די פּויליש-יידישע מונדאַרטען.

אין אַ טייל פון דידזיקע מונדאַרטען איז דער טיפטאָן ווייניק מיט וואָס שוואַכער פון הויכטאָן, אַזוי אַז עס אַנטשטייט דער איינדרוק, ווי אין איין וואָרט וואָלטען צוויי זילבען געווען קמעט גלייך באַטאָנט. ווען דאָס וואָרט איז אַ צווייזילביקס, בילדט זיך צוליב אַזאַ באַטאָנונג אַ פּויזע צווישען די זילבען, און זיי ווערען אויסגעשפּראָכען, מען קען זאָגען, ווי צוויי זעלבסטשטענדיקע, קוים-קוים צוזישען זיך פאַרבונדענע פאָנעטישע קאָמפּלעקסען.

7) די דערשיינונג פון r-אָפּפאַל אין דער אומבאַטאָנטער ענדונג -er זייען מיר אויך אין די דייטשישע מונדאַרטען, דערהויפּט אין די נידערדייטשישע און באַירישע. — זיי ווילמאַננס I, § 151, אַנמ. 1. —

§ 6 — [ווירקונג פון ר-פאַרשווינדונג אפ׳ן ענדזילבוואָקאַל]. — 1) אין ליובלין שטעלט זיך אָפּ אין דער ענדזילב נאָכ׳ן אָפּפאַל צי אַרויספאַל פון r: אַ̊, — אַזוי: ברידאַ̊, קינדאַ̊, אַקאַ̊סט, גיאַקאַ̊ט[1], קינדאַ̊לאַך, א. אַ. וו.—

דער ליובלינער אַ̊ איז אַ זייער נישט באַשטענדיקער לויט. אַמאָל הערט איר דייטליך: a; אַמאָל — e; אַמאָל, ווידער, קלינגט דער לויט אַזוי אומבאַשטימט, אַז ס׳איז שווער צו זאָגען: צי איז עס ע, צי איז עס אַ? — זאָל מען דעם לויט כאַראַקטעריזירען, אַלס צווישענלויט (צווישען e און a)? אָדער אפשר וועט ריכטיקער זיין איהם צו דעפינירען, אַלס אויסעראָרדענטליך אָפענעם e? —

[1]) אַקערסט, גיאַקערט. —

— אין ...ער וועגגערווער[1]) מונדאַרט, אין דער לענטשנער (לובלינ. ג., ליובאַרט. א.), אין דער גראַבאָוויצער (כעלם. ג., ריבישווו. א.), אין דער קרעמעניצער (וואָלין) ווערט דער וואָקאַל פון דער ענד־זילב, נאָכ'ן פאַרשווינדען פון נישטזילבענבילדענדיקען ו, פאַרטונקעלט אין a[2]), — אַזוי: בריִדאַ, קעילאַ; באָכאַ, זאָכאַ; הינדאַט (אין לענטשנ: א. א. וו.), אינדאַט (אין וועגגרוו, און קרעמעניץ א. א. וו.); בריִדאַס, באָכאַס; בריִדאַלאַך, קינדאַלאַך; די ציטאַסט, די מאַסאַסט, אַ' ציטאַט, אַ' מאַסאַט; פריִראַט (לענטשני), פריִאַט (קרעמעניץ). —

אָנמערקונג. — אויך אין איניקע דײַטשישע מונדאַרטען ווערט דער e פון דער אומבאַטאָנטער ענדונג -er, נאָך אָפפאַל פון אויסלויט-r, פאַר־טונקעלט אין a — למשל: sauwa, sauba (= sauber)[3]). —

אין גראַבאָוויץ ווערט דער a שוואַך אַרטיקולירט, אַרויסגערעט אַזוי כאַפּע־דיק, אַז מ'הערט אים קוים. —

3) אין וואַרשע ווערט דער ענדזילבוואָקאַל פאַרטונקעלט אין o, — אַזוי: בריִדו, שראַאַבו, קעילו, פעילו, קינדו; — באָכו, זאָכו, סויכו; — הינדוט, הינדוטו; — בריִדוס, שראַאַבוס, קעילוס, פעילוס, קינדוס; — באָכוס, זאָכוס, סויכוס; — בריִדולוך, קינדולוך; — די ציטוסט, די מאַסוסט, אַ ציטוט, אַ מאַסוט, וואָס ציטוסטי?, וואָס מאַסוסטי?; — גי־שווינדוט, גישווינדוכו, פרינטו, פרינטוטו[4]); — קלאַידושאַנק, קעילו־שטיִב. —

אָנמערקונגען. — a) דעם ו הערען מיר: באַם וואַרשעווער־געבוירטיקען המון; באַ דער וואַרשעווער־געבוירטיקער אינטעליגענץ, וואָס רעט ווייניק יידיש; באַ די וואַרשעווער־געבוירטיקע קינדער. —

באַ דעם וואַרשעווער־געבוירטיקען מיטעלקלאַס, וואָס רעט שטענדיק יידיש, זענען גלײַכבאַרעכטיקע צוויי פורמען: מיט ו און מיט אַ (זוגאַר מיט אֶ). די ערשטע הערען מיר אין שטאַרק אַקצענטירטען, אין עמפאַטישען געשפּרעך; די צווייטע — אין שנעלען רעדען, אין די לוגיש שוואַכער באַטאָנטע טיילען פון זאַץ. —

---

[1]) דער עי־מונדאַרט (זיי „זאַמעלביכער" II, ז' 257). — [2]) דער אַ — „ריינער אודער איטאַלענישער a" (גוטמאַן 89). — [3]) „Aus Volkes Herz und Mund". Deutsche Volkslieder.. von Georg Wehr. — Leipzig 1910. — s. 238.—258. — [4]) אדוער ב.: געשווינדערט, געשווינ־דערטער; פרינטער (פריער), פרינטערטער. —

באַ די קרײַזען, באַ וועלכע o איז די איינציקע נורם, שפּירט זיך פאַר אים ווי אַ שוואַכער הויכלויט; אַזוי: ברײ̈ד"ו, שלײַסט"ו ציק"ו וכ׳.

די „צווייטע" (די יינגערע) וואַרשעווער מונדאַרט (זיי „זאַמעלביכער" II ז׳ 213) האָט בלויז אַ. —

b) אַקעגען די מה"ד וואָקאַבלען מיט r- (נעבענפאָרמען: -re, -wer) וואָרט-אויס, אַלס אויסלויט פון הויכבאַטאָנטער זילב מיט û (אַלס שטאַמוואָקאַל), ווייזט די וואַרשעווער מונדאַרט געשטאַלטען מיט וו (oo), אַלס שטאַמוואָקאַל און אויסלויט: פוו, מוו, זוו [1]). דער r איז פאַרשוואונדען, אָבער קיין וואָקאַל פאַר אים, אויסער דעם שטאַמוואָקאַל (פון דער הויכבאַטאָנטער זילב) איז נישט געווען. הייסט עס, אַז די מה"ד נעבענפאָרמען מיט -re, -wer, אַלס ענדזילב, האָבען נישט קיין אַנטשפּרעכענדיקע אַקעגענשטעלונג אין דער וואַרשעווער מונדאַרט.

די מה"ד וואָקאַבלען מיט דיזעלביקע ענדונגען, נאָר מיט iu אַלס שטאַמוואָקאַל, האָבען אַקעגען זיך אין דער וואַרשעווער מונדאַרט [2]), פּאַראַלעלע פאָרמען: 1) אָהן וואָקאַל צווישען דעם טעאָרעטיש דענקבאַרישען אויסלויט-r און דעם שטאַמוואָקאַל (טאַאַ), 2) מיט וואָקאַל, וואָס ווערט דאַן, צוליב דער פאַרשווינדונג פון ר, פאַר-טונקעלט אין o (טאַיו) —

אַנאַלאָגיש לוזט זיך זאָגען וועגען די איבעריקע פּוילישע מונדאַרטען: ווע זיי באַזיצען וואָקאַבלען אין געשטאַלט, וואָס אַנטשפּרעכט דעם מה"ד געשטאַלט מיט -re, -wer, גייט דער וואָקאַל, וואָס צווישען דעם פאַרשוואונדענעם r און דעם שטאַמוואָקאַל, נאָך דעם גורל פון יעדען אומבאַטאָנטען וואָקאַל פון דער ענדזילב, וואָס האָט דעם אויס-לויט-r פאַרלוירען. — די וואָקאַבלען, וואָס אַנטשפּרעכען דער מה"ד פאָרם אָף -r, האָבען נישט קיין אומבאַטאָנטען וואָקאַל פאַר דעם אויסלויט-ר, וועלכער גייט שוין דא-דורך אַרויס פון דער ביז איצט פון אונז באַטראַכטער דערשיינונג, און טיילט דעם שיקזאַל פון אויסלויט-ר אין הויכבאַטאָנטער ענדזילב. —

4) אין ווישקיוו (וואַרש. ג., פּילט. א.) אַקעגען מה"ד אויסלויט-r (-re, -wer) נאָך הויכבאַטאָנטען û — הו; — אַזוי: פוהו, זוהו.

דער ô — צווישען קרעמעניצער לענג און וואַרשעווער איבערלענג; דער הו קוים-געהערט, מ׳קען אים פאַרנעמען נור באַ גרויסער אָנ-שטרענגונג פון געהער. —

---

[1]) זיי: „זאַמעלביכער" II 214. — [2]) ווי אין „זאַמעלביכער" II ז׳ 310 גענויער אָנגעוויזען. —

5) אין טורטשין (וואלין, לוצק. א.) שטעלט זיך אפ נאכ'ן פארשווונדענעם נישטזילבענבילדענדיקען ר א רעדוצירטער, זייער לייכטער און שוואכער ווקאל צווישען ע און א. ער איז אובער גענוג באשטימט (נישט ווי דער ליובלינער א), קען דעפינירט ווערען אלס אומלויט פון a, אלס זייער אופענער קלאנג, הייסט עס, און איך באצייכען אים: א [נור ס'איז נישט דער וישקעווער ä[1]), וואס גיסט זיך כמעט איננאנצען צוגויף מיט a]. נאך דעם א, אין עמפאטישען רעדען און בא אנשטרענגונג פון געהער, לוזט זיך פארנעמען א שוואכער, אובער זייער כאראקטעריסטישער נאכגעראיש, שפור פון פארשווונדענעם אווולארען r.

למשל: ברידא, טאיא, לערא, גילעכטא, טעכטא, דערפא.—

ווען נאך דעם א גייט א קונסונאנט, הערט זיך שוין דער אווולארישער נאכגעראיש לגמרי נישט. אזוי: לעראס (פליור.), אינדאט (100) וכ'.

6) ווען דער ר ווערט אין די מונדארטען, פון וועלכע ס'איז די רייד אין דעם פאראגראף, צוריגעשטעלט, פארבלייבען די ווקאלען פאר אים דוך אין דער געענדערטער טונפארב, ד. ה. דיאייגענע, ווי ווען דער r איז נישטא.

אין ליובלין: ציטארן, מאסארן (אינפיניט.); — אין ווענגערווע, לענטשני, גראבאוויץ, קרעמעניץ: ציטארן, מאסארן; — אין ווארשע: ציטורן מאסורן;—

אין טורטשין: ציטארן, מאסארן. —

דער צוריגעשטעלטער r איז איבעראל שוואכליך, ווייכליך[2]. —

§ 7 — [טיילווייזער פארלוסט פון r אין דער אומבאטונטער ענדונג er-‎]. — 1) אין פיליוו (ליובל. ג.) פאלט דער r אפ ראדיקאל נור אין פרייען אויסלויט; — אזוי: שוועסטע, ברידע, קינדע, בכע, יעך ציטע וכ'.

---

[1]) זיי „זאמעלביכער" II 272. — [2]) דער r פארשווינט אויך אין די מונדארטען פון די שטעדט אוסיעצק (ליובל. ג., גארוואל. א.), סטוצק (ליובל. ג., ליקעוו. א.); גנלווישוו, ריטשיוואל (ראד. ג., קוזיענ. א.); גרויס-ביאלי (בעלמ. ג.), טישעוויץ (בעלמ. ג., טומאש. א.); נאר מכח דער טונפארב פון דעם ענדזילבווקאל הוב איך צופעליקע, אמאל אויך ווידערשפרוכיקע באובאכטונגען, אזוי אז כ'מוז די פראגע לעת-עתה נוך לוזען אופען. —

גייט נאָך דעם r אַ קאָנסאָנאַנט, זענען די פאַרהעלטענישען אַזוי:

a) אין מיטען פון בינדיקען זאַץ (אודער אַזוי אין שנעלען רעדען) פאַלט דער r אַרויס; — צום ביישפּיל: „די ציטעסט אַזוי ווי אַ פיש", „כ'וו פאַלוירן צוואַי הינדעט ריביל", „דים ברידעס גישעפטן גייען זייע גיט" וכ'.

b) אין עניכאַטישער אויסשפּראַך הערט זיך אַנ'אָפּגעשוואַכטער r=לויט: „הוסט באַ זיך אַהינדעט זעק מעיל?"—„יפל, הינדערט?";— „דאָ' זענען מאַאַן שוועסטעס קינדע" — „דאַאַן שוועסטערס?" —, א. א. וו. —

2) אין סומפּולני (קאַליש, ג., קייל. א.) פאַרשווונט דער r נור, ווען er- גייט דירעקט נאָך אַ שטאַמזילב מיט וואָקאַלישען אויסלויט, — למשל: ס'אויע, ס'טויע, דראַיע. —

דער ע איז זייער אופען און הוט אַף זיך אַ שטאַרקען טיפּטון. ס'שפּירט זיך אין דער אויסשפּראַך פון דעם וואָקאַל, אַז נאָך אים איז אַמאָל געוועזען נוך אַ לויט, וועלכער איז אָפּגעפאַלען.

§ 8 — [אָפּשוואַכונג פון r אין דער אומבאַטאָנטער ענדונג er-]. — אין די פּויליש מונדאַרטען, ווו דער נישטזילבענבילדענדיקער r פאַרשווונט נישט, ווערט ער מער אודער ווייניקער אָפּגעשוואַכט.

1) אין קאַליש איז ער ווייכליך און שוואַכליך, נור גענוק דייטליך, מיט אַ נישט גרויסען פאַרלוסט פון געוויכט. —

2) אין ווישקוו איז דער פאַרלוסט אין געוויכט פון r גרעסער. דער וואָקאַל פון דער ענדזילב — געשלוסענער e מיט אַ נייג צו i. —

3) אין סומפּולני, אין צווייזילביקע ווערטער (מיט קונסונאַנטיש אויסגייענדיקער שטאַמזילב), איזדער אויסלויט-r ווייך און לייכט, ווי אַף די העלפט אָפּגעשוואַכט. — אין דרייזילביקע, מיט דעם הויכטון אַף דער ערשטער זילב, בלייבט פון r מער נישט ווי אַ שאָטען עפּעס, אַ לינדער הויך, אין וועלכען ס'איז שוין כמעט נישט צו דערקענען די נאַטור פון דעם לויט, וואָס איז דאָ אַמאָל געוועזן. — אין פירזילביקע פורמען, מיט דעם הויכטון אַף דער ערשטער זילב, פאַרנעמט מען שוין דעם ר לגמרי נישט: ער ווערט אינגאַנצען אויפגעלייזט: — דומענפינגע (דער גרויסער פינגער). —

4) אין וויערושוו הערט זיך זייער שוואַך נישט בלויז דער r, נור אויך דער ע פאַר אים. דער וואָקאַל איז געשלוסען און שטאַרק רעדוצירט: — דערפּער, ווערטער, ערטער. —

וואָס ווײַטער פון דער הויכבאַטונטער זילב, איז דער r אַלץ שוואַכער. למשל, אין איבישטער הערט זיך שוין, קען מען זאָגן, מער נישט ווי אַ גערויש פון אויפגעלייזטען r. —

5) וואַקלונגען איז צו קונסטאַטירען אין דער ווישעגרודער (פלוצק. ג. און א.) מונדאַרט.

אין מויל פון עלטערן דור איז דער r זייער שוואַך. נור אַמאָל הערט ער זיך גענוק דײַטליך, און ס'שפירט זיך זײַן קונסונאַנטישע פונקציע; אַמאָל, אובער, איז אים צו פאַרנעמען בלויז אין עמפאַטישען רעדען, אין קרעפטיק אַרטיקולירטער אויסשפראַך, דערבײַ באַ אָנשטרענגונג פון געהער. — דער e — זייער געשלוסען און רעדוצירט, לײַכט און נאָנט צו i.

נוך קאַפריזישער איז דער r אין מונד פון יינגערן דור: דאָ הערט מען אים לגמרי נישט, און דער ווקאַל אין אויסלויט — זייער אופענער י; דאָ שפירט זיך נאָכ'ן i אַ דײַטליכער הויכלויט (אַזוי: קינדיה, שוואָאָגיה); דאָ (עמפּאַטיש) שווימט-אויף אַ שוואַך אַרטיקולירטער זילבענבילדענדיקער r (הייסט עס: קינדר, פּאָאָטר), און דאָ לוזט זיך פּלוציס פאַרנעמען די ענדונג -יר (און אַלץ אין מויל פון איינ-און-דעמזעלביקען פּאַרשוין!). —

9 § — [ער, איר, מיר, דיר — אין נאָכהויכטוניקער שטעלונג]. — דידוזיקע פּרונומינאַלע פורמען, ווען ס'קומט זיי אויס צו שטיין אין נעבענטוניקער זילב (ד. ה. באַלד נאָך אַ וואָרט מיט הויכבאַטונטער ענדזילב, אודער זוגאַר אין דער דריטער זילב נאָך דעם הויכטון), טיילען געוויינטליך דעם שיקזאַל פון דער ענדונג -er.

1) אין די מונדאַרטען, ווו די ענדזילב -er בלײַבט אָהן שינוי (§ 3), זייען מיר אויך די אויבענאָנגעוויזענע פירווערטער אין זייער ליטעראַרישען געשטאַלט.

אין אייניקע מונדאַרטען גייט, אובער, דער ווקאַל פון די לעצטע דרײַ פורמען איבער אין ע[1]). — למשל, אין וואָלקאָוויסק (גרודנ. ג.) הערען מיר: „מ'לוסט מער (מיר) נישט אופעט”. —

---

[1]) די דערשײַנונג גייט, אייגענטליך, אַרײַן אין אַן אַנדער געביט (גענויער דאַרף זי באַהאַנדעלט ווערען באַ דער פורשונג פון די ווקאַלען פון דער אומבאַטונטער ענדזילב). —

אָנמערקונג. — אזא e אַנשטאָט i — אויך אין אייניקע דײַטשישע מ״מ. אין דער שוועבישער[1]: „er nimmt mer“ (ער נעמט מיר); — אין דער אודענוואַלדער[2]: „di git mer“ (די־דוזיקע גיט מיר); — אין אַלטענראַט[3] (אַ דאָרף אין זינגקרײַז): kommen mer (קומען מיר), Schlom-mer (שלאָגען מיר)[3]; — אין אימסט[4]: staigmer (שטײַגען מיר); — אין באַירישען[4]: mîr hammer (מיר האָבען), mîr gemmer (מיר געבען). —

2) אין די מונדאַרטען, וואָס ווערען באַטראַכט אין § 5, פאַרלירען די דערמאַנטע פּראָנאָמינאַ דעם r. וואָס שייך די וואָקאַלען זייערע, לאָזען זיך אין דער הינזיכט קאָנסטאַטירען דרײַ דערשײַנונגען:

a) אין אייניקע מונדאַרטען בלײַבט דער e (אין ער), און אין e גייט אויך איבער דער i (פון איר, מיר, דיר). — אין אמשינוו: „וויל ע“ (ער); אין נאַדאַרזשין: „זאָגט ע (ער), ריט ע (איר) גיגעין“; — אין גראָדזיסק: אינך ווימע (ווינען מיר); אין פּיאַסעטשנע: „גישיקט מע“ (מיר), „ציריגעיבם אינגאַנצן מע“ (מיר); אין יעזיורנע: „אינד׳ זעמעֿ״; — אין גער: באַאַ[5]) מע (באַ מיר); — אין איוואַנגראָד: אינך קומע (קונען מיר); — אין פּשיטיק: אוט מי מע (הוט מען מיר), — וכ׳. —

אָנמערקונג 1. — אין פּיליוו — אין דעם ווינקעל אַ נישטזיכערקייט. מ׳זאָגט: „וויל ע (ער)“, „גי מע (מיר) געלט“, — און: „ע גיט מי (מיר) געלט“, „נאַ די (דיר) וכ׳. —

אָנמערקונג 2. — פאַרלוסט פון r מיט איבערגאַנג פון וואָקאַל אין e (אין די פּראָנאָמינאַ) זייען מיר אויך אין די דײַטשישע מ״מ. אין עלבערפעלד[4]: loffe (לוזען מיר). — אין מיטעלנידערדײַטשישען[4]: geve wi (גיבען מיר) [אַלזו, r-פאַרלוסט, און דער וואָקאַל אָהן קוואַליטאַטיווער ענדערונג]. —

b) אין אַנדערע מונדאַרטען ווערען די וואָקאַלען פון די פיר-ווערטער פאַרטונקעלט אין a. — אין סאָכאַטשוו: „וו[illegible]ס קימט מאַ (מיר) ד׳ אַרווס?“, „אינד׳ זעמאַ“; — אין טאַרטשין: „אינדז אומאַ“, „אינד׳ זעמאַ“; — אין בערזשין: אומאַ (הובען מיר); — אין קליין-ביאַלי: איזאַ (איז ער); — אין אַפּט: זעמאַ, וכ׳. —

---

[1]) געזרג וועהלי c. l ז׳ 240. — [2]) c. l. ז׳ 245. — [3]) „אַם אור-קוועלל“ V ז׳ 17. — [4]) בעהאַגהעל ז׳ 270. — [5]) הויכטון אף דער פּרעפּאָזיציע. —

c) אין געוויסע מונדאַרטען, ווידער, זענען די פאַרהעלטעניִשען געמישט: אין צווייטער זילב (דירעקט נאָך דער הויפּטוניקער) — a; אין דריטער זילב און ווייטער, ווי אויך אין לוגיש וויניקער וויכטיקע טייִלען פון זאַץ — e. — למשל, אין ריקי: „שראַפּטאַמע" (שרייבט ער מיר); — אין ריטשיוול: „מ'וט מאַ (מיר) דורטן גיזאָקט מע (מיר)". —

אָנמערקונג. — די באָובאַכטונגען מכח דעם a זענען, אובער, בא מיר צופעליקע, און די דערשיינונג נייטיקט זיך נוך אין גענויערע פורשונגען. —

3) אין די מ"מ פון § 6, גייען, נאָך דעם פאַרלוסט פון r, די וואָקאַלען פון די פּראָנומינאַ אינגאַנצען נאָך דעם e אין דער ענדונג er-. — אזוי: a) אין ליובלין: גיטאָ, איזאַנאָ, אינץ זעמאָ, נאַדאָ[1]). —

b) אין וועגנגערוווּ, אין לענטשנע, אין קרעמעניץ: נעמטאַ, גיבאַ, אינץ זעמאַ, כ'טלדאַ[2]). — c) אין וואַרשע: איזו, איזונו, טלטונו, באַנו, געמו, געטומו, כ'געדו, דאַלאַנקטודו[3]). — d) אין טורטשין: איזאַ, זעני מאַ, נאַ דאַ (עפּטער, אובער — נאַ די). —

4) אין די מ"מ פון § 8, ווערט דער r פון די פּראָנומינאַ אָפּגעשוואַכט אין דערזעלביקער מאָס, ווי אין דער ענדונג er-, און דער j (אין איר, מיר, דיר) גייט איבער אין e. — אין ווישעגרוד [דער עלט. דור]: אינץ געמער[4]) (גיבם מיר), געסט מער (גיסט מיר); — [דער יינגער. דור]: זאָאַקטיר (ער), אוף[5]) איר, אוף[5]) מיר, פאָאַר דיר. — אין וויערושוו: געטער (גיט ער), געמער (גיב מיר), כ'געבער (כ'גיב איר), נאַדער (נא דיר). —

§ 10 — [איינזילביקע אדווערבען אין נאָכהויפּטוניקער שטעלונג]. — 1) r אין די אַדווערבען גאָר, נור, דורט וכ', ווען זיי קומט-אויס צו שטיין אין נאָכהויפּטוניקער זילב, טיילט דעם גורל פון r אין דער ענדזילב er-.

2) די וואָקאַלען זייערע בלייבען מערסטענטיילס בא דער אורשפּרינגליכער טונפאַרב, — נאַטירליך, מער אודער וויניקער רעדוצירט.

אין קרעמעניץ, למשל: „אַ (ער) וויל גאָ (גאָר) שפּאַצירן"; „עיאַ נו!" (הער

---

[1]) גיט ער; איז ער איר; אונץ זענען מיר; נא דיר. — [2]) נעמט ער; גיב איר; אונץ זענען מיר; כ'טו דיר. — [3]) איז ער; איז ער איר; טוט ער איר; בא איר; גיב מיר; גים ער מיר; כ'גיב דיר; דערלאַנגט ער דיר (דער הויכטון איבעראל אף דער ערשטער זילב פון אָנהייב; בלויז אין לעצטען פונעטישען קומפּלעקס -- אף דער צווייטער). — [4]) דער ענדזילב ע — געשלוסען (נטיה צו ?). — [5]) הויכטון — אף דער פרעפ. —

נור); „ווער איז דוט?" [1] (זער איז דורט); — אין טורטשין: „ווער איז דוט" [2]; — אין פּיליוו: „הורך נו"; — א. אַ. וו. —

3) אין אייניקע מ"מ ווערן די שווערערע וואָקאַלן אָפּגעשוואַכט אין ə. — אין ניישטעטל (פּעטריק. ג., ראַוו. א.): הע נע (הער נור).

§ 11 — [ר אין אויסלויט פון פאָרהויכטאָניקער זילב]. — 1) ער גייט-נאָך דעם ר פון דער ענדונג ‎-er, ד. ה. פאַלט-אַרויס אין אייניקע מונדאַרטן [פון די פּאַראַגראַפן 5, 6; פון פונקט 1 אין פּאַר. 7; און, ווי מיר וועלן ווייטער זען, אין איינצעלנע פאַלן, זוגאַר אין מ"מ פון פּאַר. 8]; ווערט אָפּגעשוואַכט אין אַנדערע (§ 8).

2) פאַר וואָקאַלישען אַנלויט פון דער הויכטאָניקער זילב בלייבט דער .

3) די דערשיינונגען לאָזן זיך קאָנסטאַטירן אין די גרענעצן פון וואָרט אַלס אַזעלכן, ד. ה. אַלס זעלבסטשטענדיקער גאַנצקייט. מיר הערן

a) פּאַשוין (וואַרשע, פּיליוו), פּישוין [וואַרשע, נאָווידוואָר, לאַגאָוויץ [3], ביאַלאָבזשעג, סטרומיניץ, ניישטאָט [4])], פּשוין [5] (וואַרשע), פּירשוין [6] (סאָמפּאָלנע); פּירשון (ווישעגרוד), פּערשון (ווערושוו), א. אַ. וו. —

b) גיטופּליס (מ"צ) [וואַרשע, ברודזי [7])], קאַטופּליס (מ"צ) [פּיליוו, ווישעגרוד, קרזמעניץ, טורטשין [8])], קירטופּל (וויערושוו).

אַנמערקונג 1. — זוגאַר אין ווישעגרוד (ווו דער ר אין אויסלויט פון נאָכהויכטאָניקער זילב ווערט, אַלס נאָרם, בלויז אָפּגעשוואַכט)! — דאָס באַווייזט, אַז דער קרייז פון ר-אַרויספאַל אין אויסלויט פון פאָרהויכטאָניקער זילב איז ברייטער, ווי דער קרייז פון ר-פאַרשוואַכונג אין אויסלויט פון נאָכהויכטאָניקע זילבן. —

אַנמערקונג 2. — אין קאַזאַנאָוו: קאַרטופּליס, אין ווישקוו: קאַרטיפּלי (מ"צ קאַרטיפּליס) (מיט פולען ר), — מחמת דורט פאַלט דער הויכטאָן (ווי נאָרמאַל אין יידיש אויך אין דעם פרעמדוואָרט אַף דער ערשטער זילב). —

---

1) הויכטאָן אַף „איז". — 2) פאַר דעם ט — שטאַרקער אַוווּלאַרישער געריוש („ר"-עשט פון ר). — 3) ראַד. ג., אַפּט א., גמינע מאַלקעוויצע. — 4) כטויפּניצ. א. — 5) „צוואַי פשוינע". — 6) דעם ו קוים-קוים צו הערן; דער ר עטוואָס (נישט קיין סך) אָפּגעשוואַכט. — 7) זיי „זאַמעלביכער" I 21. — 8) אין סאָמפּאָלנע: קאַרטיפּל (מיט פולען ר, בוגש הויכטאָן אַף מיטעלסטער זילב). —

c) פאַנוסי (קינצק, פּיליוו), פּינוסי (וואַרשע);

d) גאַבאַרנ'י [1]) (פּיליוו), גיבאַרנ'י (ראַדזין), גאַבאַרנ'יק [2]) (ליובלין);

e) גובענאַטע [3]) (טאַרטשין, נײַשטעטל [4]), כמיעלניק, גאַרוולין, פּיליוו), גובענאַטאַ (קרעמעניץ), גובענאַטו (וואַרשע); גיבאַרנ'י [5]) (ראַדים);

f) רעזיוואָלסטקי [6]) (וואַרשע). —

אַנמערקונג. — די ווערטער אין דעם געשטאַלט (נאַטירליך, מיט געוויסע פאָלקסעטימאָלאָגישע אונטערשידען) ווערען מערסטענטײַלס געברויכט כמעט אף דעם גאַנצען געביט פון די מ"ם, וואָס ווערען אַרומגענומען פון די §§ 5—7 (און — וגאַר 8). אין די קלאַסערן ווײַז איך אָן בלויז די ערטער, אין וועלכע כ'האָב די ווערטער אין די פאָרמען פּערזענליך געהערט. —

4) ווײַטער זײַען מיר די דערשײַנונגען באַ די פאָרזילבען פאַר (אין אייניקע מ"ם — פער) און דאַר (אודער דער).

a) אין וואַרשע: פאַברענע, דאַבאַאַ; פאַגעסן, דאַגאַין; פאַדינע, דאַדריקן; פאַהופן, דאַהיצן; פאַוואָלסטן, דאַוואַרמע; פאַזורגן, דאַזעין; פאַטאַידיקן, דאַטרינקע; פאַיאָרן, דאַיאָגן; פאַכאַפּם, דאַכאַפּם; פאַלאַנגע, דאַלאַיגן; פאַמישן, דאַמאַנע; פאַנעמע, דאַנעיבם; פאַסאַמע; פאַפאַקן, דאַפיצן; פאַפאַלן, דאַפעיו; פאַצאַילן, דאַצאַרנע; פאַקויפן, דאַקוויקן; פאַשלדן, דאַשוויצט.

b) ענליך אין אַלע מ"ם, וואָס דערמאַנט אין די §§ 5, 6, 7 (פּיליוו [7]).

אַנמערקונג. — די וואָקאַלען אין די אָנגעוויזענע פאָרזילבען זענען דערבײַ נישטבאַשטענדיק (טאַקי מחמת אין אומבאַטאָנטער זילב!).

ס'קומט-אויס צו הערען e (דערהויפּט אין „דאַר", און מערסטענטײַלס אין פּוילען): דענאַאָך, דענאָאָכן (וואָליע [8])), דענאָעך (טאַרטשין), דענאָכדן (גאַרוולין), דעכאַפּט (פּיאַסעטשני), דעקינדיגן (דרילטש), דעמאַנין (אַמאָל אויך: דערמאַנין) (פּיליוו).

---

[1]) פּויליש garbarnia (גאַרבערײַ). — [2]) גאַרבער. — [3]) אין שעפּס (פּלוצק. ג.) די צווייטע זילב מיט י. — [4]) פּעטריק. ג. — [5]) גובערניע. — [6]) רעזערווייסטקע. — [7]) און נאָך: אין ליקיוו (ליובל. ג.) ביאַלאָבזשעג (ראַד. ג., קוויענ. א.), ראַדושיץ (קינסק א.) גאַדאַרזשין (וואַרש. ג.. פּלוינ. א.), אַמשינוח (סקערנ. א.), סונדעניוח (קיעלצ. ג.), קראַסנוסטאַוו, סוקעלווו (ליובל. ג.). — [8]) גאַ פּשיסטע, הינטער וואַרשע. —

לעבען די פורמען מיט a היבען די פוילישע מ"ם (§§ 5 — 6) פאראלעלע געשטאלטען מיט i: פישטאַיסט, פינימע, פישלדן, פימישט [וואַרשע, גוסטינין, גלינוויץ, גייסטאָט[1], א. א. וו.], דיקענט (גריצע, א. א. וו.).

צווישען פ און ש פארשווינדט אמאל דער ווקאל אינגאנצען: פשטאַיסט, פשלדן (וואַרשע, א. א. וו.).

דאס זענען אלץ דערשיינונגען פון רעדוצירונג, וואס איר מדרגה אין דעם אווער יענעם פאל העננט-אפּ פון דעם טעמפּ, אין וועלכען די רעדע ווערט געהאלטען.

די גראדאציע איז: a (e) — i — + (ד. ה. אהן ווקאל). —

c) אין סומפּולנו: פערקויפן, פערברענען[2]. —

אין וויערושוו: פערזוומ~ (פאר ווערבום — ע), פאַרנאַכט (a — מחמת „פאר" אורשפרינגליך זעלבסטשטענדיקע פרעפּאזיציע פאר נומע). פאַיאָרן (פאַר;, אלס אנלויט פון נומע, ארויספאַ׳ פון r אין אמאליקער פרעפּאזיציע).

אין ווישעגרוד: פערלאַנק[3]), דירמאַנ~ (באם עלטערען דור); פאַ־טראַכט, דאַלאַנג~ (באם יינגערען).

אָנמערקונג. — זיי אָנמערקונג 1 אין טעקסט אף ז' 15. —

5) פאַר, אַלס פרעפּאזיציע, ווערט-אָן דעם r נאך אין אַ ברייטערען קרייז, ווי אין פוריקען פונקט אָנגעצייכענט.

אין וואַרשע: פאַ וואָע[4]), פאַ מאַאַנסטאַלבם, פאַ דאַאַנסטאַלבם, פאַ די געסט, פאַ די קינדוֹ, וכ׳. —

אין פּילווו: פאַ מיע, פאַ דיע וכ׳. —

אין קרעמעניץ: פאַ מאַניטוועיגן, פאַ דאַניטוועיגן, פאַ זאַניטוועיגן, פאַ זייאַטוועיגן, פאַ וואָע, פאַ די ברידאַ, וכ׳. —

אין נ ר ~ שין: פאַוואָס? —

אין בערדיטשעוו: פאַ וואָס, „פאַ די גיטי מאַסים טויווים"[5]), וכ׳. —

אין סוקעלווע: פאַ זיך, וכ׳. —

אין בריסק-דליטא(!): פאַ דעריף[6]), וכ׳.

א. א. וו., א. א. וו., א. א. וו. —

אָנמערקונג. — פון דעם סטערעאָטיפּען אויסדריק: „פאַר אַכט טאָג" (ד. ה. מיט 8 טאָג צוריק, יענע וואך, די פאַרגאַנגענע וואך) איז אין די יידישע מ"מ, דורך דער דערשיינונג, וועלכע בעהאַגהעל[7]) רופט „באזייטיגונג פון דער ווידע-

---

1) פינטש. א. — 2) r פארלירט קוים-קוים אין געווילט — 3) ע [illegible] פען; r זייער שוואך, ווייך, (פאלאטאל). — 4) פאר וואס. — 5) מעשים טובים. — 6) = דערפאר. — 7) ז׳ 200. —

גרענע", געוורען א זעלבסטשטענדיקער וואקאבעל מיט ארוועריאלער ענגדונג: פאכטאָגן, [ווארשע, נאדאראַשין, ליובלין, פיליוו, קרעמעניץ, טורטשין, בערדיטשעוו א. א. וו.].

דער ר (אין פּאַר) איז דאָ פאַרשוואונדן, נישט אפשענדיק אף דעם וואקאלישן אנלויט פון נאָכפאלגענדיקן ווארט („אַכט"), מחמת, לויט דער אקצענטירונג פון דעם אויסדריק, איז די אומבאטאנטע פּרעפּאזיציע אָפּגעטיילט פון דעם הויכבאטאנטן הויפּטווארט מיט דעם צייל־ווארט, וואָס האָט אויך פאַרלוירן דעם הויכטאן. —

אין וויערושאוו, אין וישקאוו: פּאַראַכטאָגן.

6) די דעיקטישע פירווערטער: ער (3 טע פ.), מיר (מ"צ פון פערז. פּרונ. 1 טער פ.), איר (מ"צ פון פערז פּרונ. 2 טער פ.), און דער אַרטיקעל דער, פּראָקליטיש, פאַרלירן דעם ר לגמרי, אָדער ער ווערט בלויז אָפּגעשוואַכט אין דער אָדער יענער מאָס. דער ע בלייבט, אָדער ווערט (דערהויפּט אין די מ"ם פון § 6) פאַרטונקעלט אין a; דער i, ווידער, ווערט פאַרקירצט — אַמאָל קוים־קוים, אַמאָל ביז י, אָדער פאַרטונקעלט אין a [אָפּהענגיק פון די פאַרהעלטענישן פון דער לאָגישער באַטאָנונג[1]) און זאַץ].

אין וואַרשע: אַ (ער) ברעינקט, אַ גיט, אַ דאַרשנט, אַ האַיסט, אַ וויל, אַ זילדלט, אַ חזרט, אַ טיט, אַ יאָאָקט, אַ כאַפּט, וכ'; — דאַ (דער) בוים, דאַ גאָאָטן, דאַ דלות, דאַ הינט, דאַ וואַרעט, דאַ זעלנו, וכ'. —

אָנמערקונג. — מיר און איר אין וואַרשע נישט געברויכט. מ'באַנוצט: אינץ און עטץ. — דוך קומט־אוים צו הערן (פאַרטראָגן פון אַנדערע שטעדט) אויך דורט: „וויל טיר[2]) זי גיפינע?". —

אין קוזיעניץ: אַ (ער) רעט, דאַ (דער) קופּ, „אַ (איר) ווילט נישט?" — אין קאָמאַראָוו: אָן דאַ ביקס (אָנגעשפּאַרט זיך). —

אין קרעמעניץ: אַ (ער) קען, אַ שראַיט; דאַ (דער) זין, דאַ בויגן; אי (איר) ווילט נישט, אי לוסט נישט[2]). — אין ווענגראָוו: אַ (ער) נעמט. —

---

[1]) וואָס נייטיקער דער פּראָנומען איז (פאַר'ן ווערב, געוויינטליך) אין לאָגישער אַנזיכט, דאָס ברייטער איז דער i, דערגרייכענדיק די גאַנצע פולקייט, ווען אין אויסדרוק איז ער גלייך באַטאָנט מיט דעם ווערב, פאַר ווערבן ער שטייט. — [2]) ווערט איד. — [3]) אין קרעמעניץ, ווידער, נישט מיר, נור אינץ. —

אין פּילוו: **ע** (ער) **גיט**, **ע שלאָקט**, **ע וויל**[4]) ; **דע** (דער) **קופּ** ; **מי** (מיר) **גאַיִן**. —

אין **לענטשנע**: **מי** (מיר) **גאַיִמאַ**, **מי לומאַ**.

אין ליובלין: „**דאַ לײַלאַס דאַם**" (דער עלילת-דם). —

אין טורטשין: **אַ** (ער) **גיט**, **דאַ** (דער) **טיש**.

אין וויערושוו, אין סומפּולנע: **ער שטאַיט** (נישט זיצט). — אין ווישעגרוד: **ער געט**, **דער טיש** (און: **דע טיש**!). —

אָנמערקונג 1. — ווען פאַר וואָקאַלישען אָנלויט פון נאָכשטייענדיק'ן וואָרט בלײַבט דער r אפילו, דוך די וואָקאַלען פון די פּראָנאָמינאַ ווערען געענדערט, גלײַך ווי ווען דער r פאַלט יו אָפּ. — אין וואַרשע: „**אַר** (ער) **אי גיזונט**", „**דאַר** (דער) **אָדלער**" ; — אין ריקי: „... **אַז אַר אי קראַנק**" ; — אין ליובלין: „**ווי אַר איז**" ; — אין קרעמעניץ: „**אַר לֵסט**", „**דאַר אָדלאַ**". —

אָנמערקונג 2. — אין דער גוישטאַטדלער[1]) (אין די איזערגעבירגע) דײַטשישער מונדאַרט: „a sonn" (ער הוט געקלערט), „wie a ihr" (ווי ער איר), „a hotte" (er hatte ==) א. אַ. וו. — אין אונטערפרענקישען[2]): „arhat"... (ער הוט). — אין קעלן[2]): „hä ess..." (ער איז), „hä hät" (ער הוט). — אין דער דירענער מונדאַרט[2]): „ä ess"... (ער איז), „ä hät"... (ער הוט). — פלאַטדײַטש[3]): „he is"... (ער איז), „he hett"... (ער הוט). — באַ די אופענער שוואָבען[4]): „mer haben"... (מיר הובען). — אין מיטעלשלעזיע[5]): „dar (== der) sturch". —

7) איטליכס איינזילביק וואָרט מיט ר-אויסלויט, פאַר אַ לוגיש שטאַרקער אַקצענטירטען זאַצטייל, פאַרלירט דעם הויכטון און קומט-אויס אין נעבענטוניקער שטעלונג. דאַן ווערט עס אויך אָן דעם r-לויט (אָדער דער לעצטער ווערט אָפּגעשוואַכט, — אַלץ נאָך דער מונדאַרט נאָך), און דער שטאַמוואָקאַל ווערט רעדוצירט. —

למשל: **אַ פּאָ**[6]) **יאָע** (נישט טעג און נישט חדשים), **אַ פּאָ וואָכן** (נישט טעג), **אַ פּאָ טאָג** (נישט שעה) ; **אַ יאָ**[7]) **דראַאַסיק** (נישט 20, אָדער נישט 40), **אַ יאָ דאַפּעיר** (נישט א יאָר שפּעטער) ; **דוכ'ן פענסטער אַדוֹך** (נישט

---

1) עמפּאַטיש: עיִ, ער. — [2]) „אַם אור-קוועלל" III, 81. — [2]) „אַם אור-קוועלל" V 53. — [3]) l. c. 52—53. — [4]) l. c. 230. — [5]) l. c. III 20. — [6]) פּאַר. — [7]) יאָר. —

דורך דער טיר); פּי פּישוין[1]). — [אין ווארשע, — הי אויך אין סאָכאַטשעוו, חיסקיט, קוזיעניץ, לאַגוויץ, פּיליוו, לופּושנו, א. א. וו., אין אַלע פּוילישע מ״מ פון די פּשראגר. 5 און 6]. —

„אַ וויוּרשט[2]) עליף״ (נישט מער: [ויגליופּול, סאָכאַטשע א., גמ. מלידועשין]. —

„דעך אינץ״ (נישט דורך עמיצען אַנדערש) [מוקובודי, גמ. סקופּי, שיעדלעצ. א.]. —

אין קרעמעניץ: „וועזיצט דוט״ (ווען מ׳באַראַק שטיין)? „אַ פּאָ חדשים״; „אַ יאָ צוונציק״; „דעך אָלם (נישט דורך טיר, נישט דורך דיר, א. א. וו.) אי דאָס גישעיין״. —

אין טורטשין: דעך (דורך) דאָ שטאָט.

אין וישקוו, אין סומפּולנו: אַ פּאָר קינדער. — אין ויערושוו: אַ פּאָר וואָכן; אַ וויוּרשט[3]) צוונציק; דורך[3]) די שטאָט. —

§ 12 — [ר-פּאַרלוסט אין אָנלויט פון פורהויכטוניקער זילב]. — 1) מערסטענטיילס זייען מיר די דערשיינונג אין פּולקסעטימולוגיעס, אין פרעמדע ווערטער, וועלכע דער המון גיט-צו אַ געענדערט געשטאַלט, פאַריידישענדיק זיי.

אַזוי באַגעגענען מיר: a) מינאַרקי[4]) (אין ווארשע, ליובלין, פּיליוו); מאַנאַרקי (בערזשין); — b) פּוטעסט[5]) (ווארשע, ליובלין), פּאַטעסט (ליובלין), פּיטעסט [מוגילניצי, פּילטיסק, אוסטרווו[6])]; — c) פּעקאָרוע[7]) (בערזשין); — d) פּאַטרעט[8]) (ווארשי); — e) וירווי[9]) (ווארשע); — f) פּערענט (יעזיורני), ווערענט[10]) (גריצע[11])). —

---

[1]) „ווער איז דורט געווען?״ — ענטפער: „4 פּאַרשוין״ (דער עיקר אין דער פראַזע: די פּאַרשוינען). — אודער: „ס׳זענען געקומען 4 פּאַרשוין״ — דאָס וויכטיקסטע אין דעם זאַץ איז דאָס קומען און די פּאַרשוינען (לוגיש-געוויכטיקער די פּאַרשוינען). — [2]) וערסט. — [3]) דעם ר קוים צו פאַרנעמען. — [4]) פּויליש: marynarka (רעקל, пиджакъ) [אין סומפּולנו: מאַרינאַרקי (מיט הויכטון אף ערשטער זילב)]. — [5]) פּרוטעסט (הויכטון אף ענדזילב). — [6]) בעלמ. ג., ולודאַוו. א. — [7]) פּרוקוראָר (הויכטון אף ענדזילב). — [8]) פּורטרעט (הויכטון אף ענדזילב) [אין „ליד פון ראַבאָניק״ ווי „זאַמעלביכער״ II ז׳ 299) אף ז׳ 28: „פּאַטרעטען“]. — [9]) פּויליש: rewirowy. — [10]) פּויליש: referent (אף יידיש — הויכטון אף ענדזילב). — [11]) פון ווארשעווער יידען, וואָס געברויכען רוסישע ווערטער (למשל, רעדענדיק פון אַ געריכטספּרוצעס) איז מיר אויסגעקומען צו הערען: פּאַדמיעט, פּראַזשי (предметъ, продажа). —

g) דאָס וואָרט מאָראַטאָריום [1], וואָס איז צום סוף פון יאָר 1914 באַקאַנט געוואָרען אין דער יידישער גאַס, האָט שוין באַוויזען אין פאָלקסמויל צו ענדערן זיין געשטאַלט. אין וואַרשע קען מען הערען [2]: מעראַטאָרי [בלויז אָפּשוואַכונג פון וואָקאַל אין דער ערשטער (אומבאַטאָנטער) זילב]; אין טאַרטשין האָב איך באַגעגענט [3]: מאַטאָריע (שוין מיט פאַרלוסט פון ר). —

2) אין די ביישפּילען c — f, אין טאַרטשינער g (און אפשר אויך אין a) קען מען אייננייען דערשיינונגען פון רעגרעסיווער דיסימילאַציע: r אין הויכבאַטאָנטער זילב [אין איר אויסלויט (a); אין אָנלויט (c — f)] אָדער אין נאָכהויכטאָניקער (g) שטופּט־אַרויס דעם r־אָנלויט פון דער פאָרהויכטאָניקער זילב (אין די ביישפּילען e און f פאַרשווינט אויך דער וואָקאַל אירער; אין טאַרטשינער g — דער שוואַכער וואָקאַל פון דער ערשטער זילב). —

3) אין אַנדערע ערטער ווערט דער r אין צוויי פון די אויבענגעבראַכטע וואָקאַבלען דורך אַזאַ דיסימילאַציע אַרויסגעשטופּט, אָבער נישט אינגאַנצען: ער גייט איבער:

א) אין ד: דעפּערענט [4] (נײַשטאָט, פּלינסק. א. וואַרש. ג.);

ב) אין ל: מאַלינאַרקי [5] (ווישעגראָד); ליפּערענט [4] (סטוצק, ליקעוו א., ליובלין. ג.), ליפּרענט (ווישקוו). —

ג) אין נ: נאַפּאַרענט [4] (קאָליבעל), ניפּערענט [4] (ראַדזימין). —

אַנמערקונג. — אייגענאַרטיקע פאָלקסעטימאָלאָגיע אין ווישעגראָד: ליעוואָרוועך [6] (= רעוואָלווער): דער אויסלויט־ל פון דער הויכטאָניקער זילב האָט אַסימילירט דעם אָנלויט־r פון דער פאָרהויכטאָניקער, וועלכער האָט, ווידער, פון זיין זייט אַסימילירט דעם ל. דערפון דאָס בילד פון איבערשפּרינגונג: דער ר מיט דעם ל זיך געביטען מיט די ערטער. — אין סאָמפּאָלנע: דער אַליעוואָרוועך. —

r אין הויכטאָניקער זילב.

§ 13 — [אַלגעמיינס]. — 1) הויפּטזאַכליך קומט־אויס צו רעדען פון דעם אויסלויט־r אין הויכטאָניקער זילב.

---

[1]) אַקצענט אויף דער דריטער זילב פון אָנהייב. — [2]) אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1915. — [3]) פּסח־צייט 1915. — [4]) רעפּערענט. — [5]) מאַרינאַרקי. — (דעבן נעבן דעם ל כמעט לגמרי נישט צו הערען). — [6]) הויכטאָן אויף מיטעלסטער זילב (ווי אין פּויליש). —

2) מ׳דאַרף אונטערשײדען r נאָך קורצען שטאַמוואָקאַל און נאָך לאַנגען.

3) אין אַ גאַנצער רײ פאַלען באַשטימט דער אויסלויט-r אַלײן די קוואַנטיטעט פון דעם שטאַמוואָקאַל פאַר זיך.

a) אַפ׳ן גאַנצען געביט פון פויליש-יידישען דיאַלעקט[1]) און אין אײניקע דרום-רוסלענדישע מונדאַרטען[2]) א. ו e אין געשלאָסענער זילב לאַנג, ווען נאָך אים גײט ר, רד, רט, רש.

b) אין אַנדערע מ״מ [ליטווישע[3]), דרום-רוסלענדישע[4]), אויך אין דער ווישקעווער[5])] ליידט, פאַרקערט, דער r נישט פאַר זיך קײן לאַנגען e, אפילו אין אופענער זילב, און פאַרקירצט זוגאַר דעם מה״ד ê, וועלכער גײט אין דידוזיקע מ״מ געוויינטליך שטענדיק איבער אין עי (אַי—אין ווישקוו) . —

c) דער יידישער קורצער a (אקעגען מה״דייטשישען) ווערט פאַר r פאַרברייטערט: אין די פוילישע[6]) מ״מ, אין די דרום-רוסלענדישע[7]), אין דער ווישקעווער[8]), אין די גאַליציישע[9]).

א. אַ. וו. —

4) אויך די קוואַליטעט פון דעם שטאַמוואָקאַל באַשטימט דערבײ דעם r אופטמאָלס:

a) פאַר ר (אויך: רד, רט; אמאָל — רוו) גײט דער מה״ד קורצער a אין געשלאָסענער זילב (אויסער כלל) איבער אין o (אודער u, û)[10]). —

b) אין די דרום-רוסלענדישע מ״מ, וואָס האָבען o אַקעגען קורצען a פון די ליטווישע און פוילישע מ״מ, בלײבט פאַר r—a[11]).

א. אַ. וו. —

§ 14 — r] נאָך קורצען שטאַמוואָקאַל]. — 1) ער בלײבט על פי רוב אומבאַרירט. נאָר זעלטען פאַלט ער אַרויס, צי ווערט אָפגעשוואַכט (בײשפילען—אין פולגענדיקען §).

---

1) „זאמעלביכער" II 246. — 2) l. c. 255 — 256. — 3) l. c 241—242, 244. — 4) אין ריזשאַן, קריוואיר (l c 269 — 270), טורטשין, לוצק. — 5) l. c. 273. — 6) l. c. 288. — 7) l. c. 284, 293, 295. — 8) l. c. 293. — 9) l. c. 286. — 10) l. c. 280 אין חיטער. — 11) l. c. 295. —

2) די קוואַליטעט פון קורצען שטאַמוואָקאַל ווערט שטאַרק פון דעם ר באַיינפלוסט.

אַנמערקונג. — מיר באַטראַכטען דאָ נור די דערשיינונגען, בײַ וועלכע די קוואַנטיטעט פון די דזשיקע שטאַמוואָקאַלען בלײַבט אומגעענדערט.

3) קוואַליטאַטיווע ענדערונגען פון די מה"ד קורצע שטאַמוואָקאַלען פאַר ר, וואָס לוזען זיך קונסטאַטירען פאַר אַלע יידישע דיאַלעקטען, ווי אויך פאַר דער שריפטשפראַך:

a) ë, e און ä גייען-איבער אין a. — אַזוי: וואַרפן, שטאַרבם, האַרץ, באַרג, וואַרגן, דאַרבם, האַר [1]), קאַרש, פאַרבם, שפּאַרן, פאַרטיק, פאַרמעט, אַרבל [2]).

אַנמערקונג 1. — דער איבערגאַנג אין a קומט נישט פור, ווען נאָך דעם ר גייט איינער פון די דענטאַלע ד, ט, סט, אודער דער גאַזאַל נ [אויסנאַם: פאַרטיק]. —

אַנמערקונג 2. — דאָס געשטאַלט בערג איז פאַרבליבען אין די בײַנעמען: בערגאַיזן [3]) (הויכטון אַף מיטעלסטער זילב), בערגער [4]), גאָלדבערג, האָלבערג, ווײַנבערג, רוזענבערג, שטײַנבערג [5]) וכ׳. — די יידישע פאַמיליעננעמען צייכענען זיך איבערהויפּט אויס מיט זייער קאָנסערוואַטיזם. די איינצעלנע גלידער פון די אויבענגעבראַכטע קאָמפּאָזיטאַ ווערען אין אַלע יידישע מונדאַרטען, אַלס זעלבסטשטענדיקע וואָקאַבלען, מערסטענטיילס געברויכט גאַר אין אַנדערע געשטאַלטען: הויך (העיך), וואָגן (וואָגן), רויז (רעיז). —

אַנמערקונג 3. — אין מיטעלשלעזיע [6]): Barg.

b) i גייט-איבער אין e: — שטערן [7]), הערש [8]), ערגיץ [9]), אינערגיץ. —

---

[1]) זייער פאַרשפּרייט אין פוילען: „האַר-לעיבם" (וואַרשע, גריצע, גער, א. א. וו.). — [2]) מה"ד wërfen, stërben, hërze (hërz), bërc, wërgen, dërben, hërre, kërse (kirse, kriese), verwen (vär-wen), sperren (spirren), vertec (vertic), pergamënte (per-mënt, perminte, permint, permit), ermel (ermelinc, erblinc) [לעק׳ 375, 247, 99, 16, 375, 34, 98, 122, 337, 240, 334, 185, 53]. — [3]) אין וואַרשע, נאַציעלסק וכ׳. — [4]) קרעמעניץ. — [5]) אין פוילען, אין דרום-רוסלאַנד, אין ליטע. — [6]) „אם אור-קוועלל" III 20—21. — [7]) лобъ. — [8]) מה"ד stirne, hirz (לעק׳ 249, 102). — [9]) מה"ד iergen (irgen irgent, ieren

c) ü — אין e: טערקיש, ווערעמדיק[1].

c') אַמאָל — אין a: באַרשט, דאַר, גאַרטל, פאַר, דאַרפן[2].

d) u — אין o: — גורגל, וורם, וורצל, וורף, שוס, פער־דרוס[3], דורשט[4].

4) אין די מונדאַרטען פאַרלאָפען די דערשיינונגען אַ ברייטערען קרייז, און די קוואַליטעטענדערונגען פון די ווקאַלען גייען נאָך ווייטער.

a) מיר זייען a (אָנשטאָט e) אין לאַרנע[5]; זוגאַר אין אַזעלכע פורמען, ווי אַרט, וואַרט, דאַרף, וואַרעם (מ״צ צו אורט, וורט, דורף, וורים), שטאַרץ (דעמינוט. צו שטאַרץ), אַרגן [קומפּאַר. (דער פּאָזיטיווער גראַד אין יידישען נישט געבּרויכט)][6], פאַראַרגורן (ווערבּום פון אַדיעקטיוו אין קומפּאַראַטיווען גראַד). — [וואַרשע]. —

גובאַרניע[7] (טאַרטשין), גיבאַרניע[7] (ראַדים). —

אין דובּרי (קאָליש. ג., טורק. א.): אַרגער[8]. —

אין דער סלוואַקאַי, זוגאַר: וואַר (= ווער)[9]. —

לעק' 111]. — דאָס געשטאַלט אין אַלע יידישע מ״ם. אין ווישעגרוד: ערגיץ, נערגיץ. —

[1]) מה״ד türkisch, würmic (wurmec) [לעק' 276, 395]. — [2]) מה״ד bürste, dürre (durre), gürtel, vür (vüre), dürfen (durfen) [לעק' 32, 39, 87, 360, 39]. — [3]) מה״ד gurgele (gurgel), wurm, wurzel, wurf, schuż, ver-druż (ver-drież, ver-drôż) [לעק' 87, 395, 222, 318]. — זיי צו דעם פּונקט: גערוון 21 — 23. — [4]) אין פּיליוו: דורישט; אין וויערזשוו: דוכשטיק. דורשט — אין אַלע ייד. מ״מ [אין וואַרשע א. אַ. וו., אין קרעמעניץ א. אַ. וו., אין סלוואַקאַי („מיט״. 1906 58 — 62)]. — מה״ד durst (לעק' 39). ווערבּום: דאַרשטן (וואַרשע, וישעגרוד, יוזעפּוו), דאַכשטן (וויערזשוו). — [5]) מה״ד lërnen (lirnen, liernen) [לעק' 145] = לערנען (פון די ליטווישע און אַלע דרום־רוסלענדישע מ״ם). — [6]) פּליוראַל פון דעמינוטיוו (פון נומען), קומפּאַראַטיוו (פון אַדיעקטיו) געבילדעט מיט אומלויט פון שטאַמוואָקאַל, און אויך דער אומגעלויטער וואָקאַל דאָ פאַרטונקעלט אין a! — [7]) גובערניע. על פּי טעות איז דאָס וואָרט געבּראַכט אַף ז' 16 (4 דע שורה פון אויבען). — [8]) אין די ליטווישע מ״ם, אין אַלע דרום־רוסלענדישע און אין אייניקע פּוילישע (למשל, אין פּיליוו, וישעגרוד, וויערזשוו, סומפּולני): לערנען, ערטער, ווערטער, דערפער א. אַ. וו. — [אין וישעגרוד, אין פּיליוו: שטאַרץ — שטערצל]. — [9]) „מיט״. 1906 58 — 62. —

— ⁂ —

אין העברעישע ווערטער: טאַריץ[1] (וואַרשע), טאַרעץ [אויבער-
אונגאַרן [2]] [3].

אין סלאַווישע: סציאַרקע, פּיאַרג, צאַריווען[4] (וואַרשע). — אויך:
קאַרץ[5] (וואַרשע). —

אַנמערקונג. — אין די דײַטשישע מ"ם: אין נײשטאַדטל[6]:
har ,(her ==) haar ,(der ==) dar ,(kerle ==) karle
==) Baarenführer :[7]אין מיטעלשלעזיע — .(her ==)
war ,(Schäferstiech ==) Schaaferstiech ,(Bärenfürher
— .(der ==) dar ,(werden ==) warn ,(wer ==)

b) ע (אַנשטאַט י): פערצן, פערציק, פערטל[8] [אין די דרום-רוסלענדער
מ"מ (קרעמעניץ, בערדיטשעוו, טורטשין), אין ווישקאָוו, אין פּוילישע (איליזשע, ווישע-
גרוד[9]), קאָזיעניץ, פּיליוו, וויערושאוו, טאָמאַשאָוו)] ; — ווערטס[10], ווערטשאַפט
[ראַדזימין, נאַדאַרזשין, יעזיורני, וואָלי[11]), אָפּאָטשני, בודזאַנאָוו (פּלאָצק, ג.), וויערושאָוו,
ווישעגרוד[12])] ; — ווערקן[13]) [לענטשני, פּיליוו, וויערושאָוו], ווערקינג [מאַקיוו] ; —
שפּערטיס[14] [וואַ-שע, ריטשיוואָל, פּיליוו, וויערושאָוו[15])] ; — צערקל (וואַסליץ) ; —
צערקע[16]) (בודזאַנאָוו). —

אין ביאַלובזשעג הויב איך געהערט: בערנבוים (== דעם פאַמיליענאָמען
בירנבוים). —

אין העברעישע ווערטער: בעריע, טערכע[17]) (קרעמעניץ), בעריע,
טערכע (ווישעגרוד); — גווער[18]) (שפּולע), גווערטע (קליין-ביאַלע). —

---

[1]) תּרוץ. — [2]) „דער אורקוועלל" I 49-50. — [3]) אין די ליטווישע, דרום-
רוסלענדישע און אַ טייל פּוילישע (למשל, אין ווישעגרוד) מ"מ: טערעץ (טעריץ). —
[4]) פּויליש: ścierka, pierog (pirog), cerować (cyrować). — אין ווי-
שעגרוד: סציערקע. — [5]) == קרעמעניץ-בערדיטשעוו-טורטשינער קערץ [פּויליש: ko-
rzec (אַ מאָס)]. אין וויערושאָוו: קעכץ. — [6]) „אם אור-קוועלל" III 31—32. —
[7]) l. c. 20—21. — [8]) מה"ד vier-zëhen, vier-zëc (vier-zic), vier-
teil (viertel) [לעק' 341. — [9]) פערצעק (מיט זייער געשלאָסענעם ענדזילבוואָקאַל). —
[10]) מה"ד wirt (מיטעלדײַטשיש אויך wërt!) [לעק' 341. — [11]) גם. טשיסטע,
בײַ וואַרשע. — [12]) ווערט (אַף אַ ייד; אַף אַ קריסט: באַלבאָס!). — [13]) מה"ד wir-
ken (würken, wurken) [לעק' 389. — [14]) דײַטש: spiritus; פּויליש:
spirytus; רוסיש: спиртъ. — אין קרעמעניץ: שפּירט. — [15]) אין וויערו-
שאָוו אויך: בראָנ-שפּריט (ביידע גלידער גלייך אַקצענטירט). — [16]) טרוקעב (== לאַ-
טײַניש circa); איבערגעגאַנגען אין די ייד. שפּראַך פון גה"ד. — [17]) בריה, טרחה. —
[18]) גביר. —

אין סלאַוויִשע: סעריִסט[1] (בערדיִטשעוו). —

דער נאָמען פֿון דער שטאָדט זשיִראַרדוו ווערט אויסגעשפּראָכען (אין זשיִראַרדאָוו, גער, גריִצע, וואַרשע א. אַ. וו.): זשעראַרדוו (מיִט הויכטאָן אויף ערשטער זיִלב). —

אַנמערקונג. — אין דער מיִבּשטאַדטער מונדאַרט[2] (דײַטשלאַנד): korch (= kirche), wert (= wirt). —

b) נאָך ווײַטער: a אַנשטאָט i. — פּאַרצן, פּאַרציִק, פּאַרטל[3] [וואַרשע, גריִצי, קיעלץ, כמיעלניִק, סטאָיבניִץ, נײַשטאָט (סטאָיבניִצ. א.), וואָסליִץ[4] (פּיִנטש. א.), לאַגאָוויִץ, יוזעפֿאָוו (לוב. ג.)[5]]; — וואַרעט, וואַרטשאַפֿט [וואַרשע, איליִווי], וואַרטהאַנעסטן[6] [מיִירען[7]]; — וואַרקן, וואַרקלוך (וואַרשע); — אַרגיִץ, איִנאַרגיִץ, (וואַרשע, טאַרטשיִן); — האַרשקע[8] [לענטשיִץ (קאַליש. ג.)]; — צאַרקל[9] (וואַרשע); —

העברעיִשע ווערטער: באַריִי, טאַרכיִ (וואַרשע). —

אַנמערקונג. — אין די דײַטשיִשע מ"מ: אין ברעמען[10] (פּלאַטדײַטש): kark (= krche); — אין מיִטעלשלעזיִע[11]: warklich (= wirklich). —

c) ע אַנשטאָט ִי [= ü [12]]. — דערך[13] [קרעמעניִץ, בערדיִטשעוו, טורטשיִן, האָליִסקאָוו[14]]; קערץ[15] (קרעמעניִץ, בערדיִטשעוו, טורטשיִן); — דאַצערניִן[16] (קרעמעניִץ), דיִרצערנ– (וויִשעגראָד), דערצערנ– (וויערזשאָוו); — געבערטיִק[17] (וואַרשע, קיעלץ); — בערגעקאָמיִטעיט[18] (קאָזשעוואָניִצע). —

---

[1]) רוסיש: сырость. — [2]) „אַם אור־קוועלל" VI 97. — [3]) אין וואַרשע: פּאַרטו; אין יוזעפֿאָוו: פּאַרטל. — [4]) Wiślica. — [5]) אין מויל פֿון אַלטען דור. די יִנגע שפּעטען אָפּ פֿון דער אויסשפּראַך. זיי געברויכען: פּערצן, פּערציִק, פּערטל. — [6]) לויט׳ן טיִפּ: מחותנת׳טע. — [7]) „דער אורקוועלל" I 271. — [8]) דעמינוטיִוו צום אייגען־נאָמען: הערש. — [9]) מה"ד zirkel (לעק׳ 405); פּויליש: cyrkuł. — [10]) „אַם אור־קוועלל" V 68. — [11]) l. c. III 20—21. — [12]) אין די מ"מ, וואָס האָבען געווײַנטליִך ִי אַקעגען מה"ד u און ü (אין די ליִטוויִשע מ"מ ִי און ִי). — [13]) מה"ד durch (dur) [לעק׳ 37]. אין איִשומער: דיִרך. — [14]) דעריִך. — [15]) מה"ד kurz (מיִטעלדײַטש אויך: korz!) [לעק׳ 138]. אין איִשומער: קיִרץ. — [16]) מה"ד zürnen (zurnen, zornen) [לעק׳ 411]. — [17]) מה"ד ge burtec, ge-bürtet (לעק׳ 62). — [18]) אַ וואָרט, וואָס איז דערשיִנען אין דער יִדיִשער גאַס אין דער צווייטער העלפֿט פֿון יאָר 1914. — נה"ד Bürger. —

פּלאַוויש: טערמי [1] (קרעמעניץ, טורטשין, בערדיטשעוו, האָליסקאָוו, פּאָ-לעשטי). —

c) a אַנשטאָט י (= דעם טעורעטישען ü). — דזאַצאַרנע (וואַרשע); — טאַרק (וואַרשע), טאַרק [קראָאַציע-סלאָוואָניע [2])]. —

d) o אַנשטאָט י [3]) [וואָס אַקעגען מה"ד u]: — דורך, דורעך, אַדורעך [וואַרשע, ווילנע, טאַרטשין, מאָגילניצע, ראַדזימין, נאָוואָמינסק, גער. גריצע, בלאָנע, סאָ-כאַטשעוו, לאָוויטש, קיטנע, סרוצק, זוואָלין, פּשיטיק, פּיליוו, יוזעפאָוו, כמוצק, וולאָטשעוו, סובּפּולנע, ווישעגראָד, א. אַ. וו. (אַלץ פּוילישע מ"מ); ווישקאָוו; גאַליציע [4]); סלאָוואַ-קאַי [5])]; — קורץ [6]), קורץ (אפן גאַנצען געביט פון די פּוילישע מ"מ). —

העברעיש (אַנאַלאָגיע־בילדונג): מקוריק [7]) (סאָכאַטשעוו).

פּלאַוויש (אַנאַלאָגיע־בילדונגען): די שטשורי [8]) (איוואַנגאָראָד, פּיליוו); — דער פורמאַן [9]) (וואַרשע, סרוצק, ווישעגראָד א. אַ. וו.); — קוריוו (יידישער נאָמען פון שטעטעל Kurów, ליובּל. ג. פּילעוו. א.). —

15 § — [פאַרשווינדונג אָדער אָפּשוואַכונג פון ר נאָך קורצען שטאַמוואָקאַל]. —

ווי געזאָגט [10]) געשייט דאָס זעלטען.

1) אָפּפאַל פון ר אין פריַיען אויסלויט זעהען מיר אין „גע" (= גער) אַזוי רופען זייער שטאָדט די איַינוווינער פון Góra-Kalwaria. אויך אין וואַרשע און גריצע איז מיר אויסגעקומען צו הערען די פאָרם.

2) אַרויספאַל פון ר פאַר זילבענבילדענדיקען נ איז פאַר אונז אין ווערב „אוכן" (= הורכן), וועלכען מ׳קען הערען אין אוסטרי (וואָלין), אין ווישקאָוו (וואַרש. ג.). —

3) אַנטעקאָנסאָנאַנטישער ר פאַרשווינדט אין ווערב „דאַפן" [11]) (קרעמעניץ, האָליסקאָוו, טורטשין). — פּרעזענס: כ׳דאַף [12]), די דאַפסט א. אַ. וו.; פּאַרטיצ. פּערפ.: באַדאַפט. —

אָנמערקונג. — אַרויספאַל פון אַנטעקאָנסאָנאַנטישען ר נאָך קורצען שטאַם-וואָקאַל איז אַן אַלטע דערשיַינונג אין דער דיַיטשישער (און אין דער יידישער) שפּראַך.

---

[1]) רוסיש: тюрьма (אַף יידיש, אַלזאָ, וואָלט דאַרפען זיין: טיַרמי, טירמי). — [2]) „אַם אור-קוועלל" VI 33 — 34. — [3]) אין די ליטווישע מ"מ: ו (u). — [4]) „דער אורקוועלל" I 239 (מזרח-גאַליציע — I. c. 121). — [5]) „מיט" 1910 58 — 62. — [6]) אין וויערושאָוו: קורץ. — [7]) מקורב. — [8]) אין טיַיטש פון מייז. פּויליש: szczur. — [9]) פון פּוילישען furman (גענומען פון דיַיטשישען Fuhrmann). — [10]) אויבען ז׳ 22, § 14, 1. — [11]) = דאַרפן. — [12]) אין טורטשין פאַר׳ן פּ אַוואָלאַרישער געראַויש. —

פון אַלטהויכדײַטשישן wëralt — דאָס מה״ד welt, פון מה״ד quërder, kërder — דאָס נה״ד köder [1]).

לעבען forder‏n באַווײַזט זיך שוין אין 14 טען יאָרהונדערט: fodern, וואָס האַלט זיך ביז געטע און שילער [1]).—אין דער ייִדישער שריפטשפּראַך: פֿודערן [2]) (ליפשיץ 141, האַרקאַווי 247, הורוויץ 69, ביסקאָ 189); אין די איצטיקע פּויליש מ״מ: פעדערן [3]) [וואַרשע, גריצי, גוסטינין, קוטנאָ, לאָוויטש, סאָכאַטשעוו, ווישעגראָד, באָדזאַנאָוו, וויערושאָוו, סאָמפּאָלנאָ, פּיליוו, יוזעפאָוו (פּילעוו. א.), לענטשיצע].

ועלטענער, אין דער מה״ד שפּראַך, די פאָרמען [4]) voder לעבען vorder; födern און füdern לעבען [1]) fürdern [5]). — אַף ייִדיש: פעדער-חלק, פעדערשט [6]) (ליפשיץ 164), פעדערן זיך (ליפשיץ 164, האַרקאַווי 257, הורוויץ 75, ביסקאָ 198) [דרײַזין 415: אַ פֿודערצאָן, פֿודערשט].

אין די הײַנטיקע דײַטשישע מ״מ פאַלט ר אַרויס אין אַזעלכע ווערטער, ווי dorf, korb [באַזונדערס אין נידערדײַטשישן און באַיִרישן [7])]. — אין אַלטענ־ראַט [8]) קען מען הערן: schwaze (=schwarze), ווי אויך: wuesch, duesch, kueten (=wurst, durst, kurzen) [אַלזו, מיט „וואָקאַליזיר־טען״ ר]. —

4) ר-אָפּשוואַכונג: קעכץ, קוכץ, דוכשטיק, ס׳דאַכשט מעך (וויערושאָוו). —

§ 16 — [ר נאָך לאַנגען שטאַמוואָקאַל]. — מ׳דאַרף אונטערשײַדען ר אין אויס־לויט פון הויכטוניקער זילב וואָרט-אויס און וואָרט-אײַן.

§ 17 — [ר נאָך לאַנגען שטאַמוואָקאַל וואָרט-אויס]. — 1) צי אין פרײַען אויס־לויט, צי פאַר די דענטאַלע ט, ד (וואָס ווערט דערבײַ פאַרשאַרפט אין מילדערן t), סט, זש, ש, פאַרשווינדט דער ר — אין די מונדאַרטען פון די §§ 5 און 6 (אויסער דער טורטשינער); ווערט אָפּגעשוואַכט—אין די מ״מ פון § 8; פאַלט-אָפּ, אָדער ווערט אָפּגעשוואַכט (אין מויל פון אײן פערזאָן,— לויט דעם טעמפּ פון דער רעדע, ווי אויך לויט די אומשטענדען פון זאַצאַקצענט) אין דער סאָמפּאָלנער, אין דער פּילעווער, אין דער יוזעפאָווער (פּילעוו א.) מ״מ. —

---

[1]) ווילמאַנס I 141—142. — [2]) требовать. — [3]) „פעדערן צין רבי״, „פעדערן געלט״. — [4]) לעק׳ 350. — [5]) לעק׳ 361. — [6]) מה״ד vorderst (לעק׳ 350). — [7]) ווילמאַנס I 142. — [8]) „אם אור-קוועלל״ V 17. —

2) פאַר וואָקאַלישען אַנלויט פון פאָלגענדיקען וואָרט דערשיינט דער ר צוריק — נאַטירליך, נור אין פרייען אויסלויט.

3) מיר זעען די דערשיינונגען נאָך: â, ô, (און oe, ou), ê, î, û און oj. —

§ 18 —]ר וואָרט-אויס נאָך â[. — היסטאָרישׁ אונטערשיידען זיך אין די מונדאַרטען, פון וועלכע ס'איז די רייד, צווייערליי לאַנגע a.

1) איינער אַנטשפּרעכט דעם מה"ד קורצען a, — געוואָרען לאַנג נור אַדאַנק דעם ר, וואָס נאָך אים. — גענויער וועגען דעם וואָקאַל: „זאַמעלביכער" II 288 — 291 (דער aa פון די פּוילישע מ"מ), 292 — 293 (דער aa פון דער ווישקווער מ'), 284 — 285, 293 — 294 (דער â פון די דרום-רוס-לענד. מ"מ). —

מיר הערען: באַאַ, דאַאַ, נאַאַ; יאַך נאַאַ, די נאַאַסט, אַ נאַאַט (וואַרשע און די איבעריקע פּוילישע מ"מ פון § 5); — דאַאַר, נאַאַר; יעך נאַאַר, די נאַאַרסט, ער נאַאַרט (ווישעגרוד, וויערושוו, ווישקוו א. א. וו.); — באָ̂, דאָ̂, נאָ̂; עך (איך) נאָ̂, די נאָ̂סט, אַ נאָ̂ט (קרעמעניץ, לענטשני, וועגגערווי)[1].

2) דער צווייטער לאַנגער a אַנטשפּרעכט די מה"ד î, iu, ie[2]. ר נאָך אים הוט נור דער פּוילישער aa[3]. — אין וואַרשע: טאַאַ, האַאַ; — אין ווישעגרוד, אין סומפּאָלני, אין קאָליש: טאַאַר, פאַאַר, האַאַר[4]. —

§ 19 —]ר וואָרט-אויס נאָך ô, oe, ou[. — 1, a) דעם ô באַזיצט אַ געוויסער טייל פון די פּוילישע מ"מ (אַקעגען מה"ד û) (זע „זאַמעלביכער" II 214; אויך אויבען ז' 9, אַנמ. b אין טעקסט).

אין וואַרשע: פוּוֹ, מוּוֹ, זוּוֹ[5]; — יאַך מוּוֹ, בוּוֹ, טרוּוֹ, באַדוּוֹ, גיטרוּוֹ; די מוּוֹסט, בוּוֹסט, טרוּוֹסט, באַדוּוֹסט, גיטרוּוֹסט, אַ מוּוֹט, בוּוֹט, טרוּוֹט, באַדוּוֹט, גיטרוּוֹט[6]; — „די זאַך גידוּוֹ'[7] צי לאַנג". — אין פּיליזו, אין איוואַנגאָרוד: מוּוֹ, זוּוֹ, גיטרוּוֹסט, גידוּוֹט א. אַ. וו. —

---

1) אין קרעמעניץ: פאַדאָ̂פאָ̂ (פאַרדערפּער). — 2) „זאַמעלביכער" II 306 — 310. — 3) l. c. 310. — 4) אין קאָליש פאַרלירט דער ר קוים-קוים אין געוויכט (זע אויך אויבען § 8, פ. 1), אין סומפּאָלני — מער; אַם-מערסטען אין ווישעגרוד. —
5) פויער, מויער, זויער. — 6) איך כויער, בוי, טרויער, באַדויער, גיטרוי; די נ[illegible]רסט א. א. וו.; ער מויערט א. אַ. וו. — 7) געדויערט. —

b) אין ווישקווו ליגט דער ô קוואנטיטאטיווו צווישען קרעמע-ניצער לענג און ווארשעווער איבערלענג. ריכטיק אויסגעדריקט, איז עס: וָו.—ר נאך דער לענג פארשווינט, און דער וָו גייט-איבער אין וָהו (זיי אויבען ז' 9). —

2) סומפולני הוט אקעגען מה"ד û פארשידענע ווקאלען. די דורטיקע מונדארט איז, אין דער הינזיכט, אין קרייז פון די פוילישע ווי אב'-איבערגאנג פון דער oo-גרופע צו דער ou-גרופע. פאר ר ווייזט זי oə (געלייענט ו-ע). — אזוי: פוער, מוער[1]), זוער (דער ר מע נישט ווי א רודימענט פ'הערט אים, קען מען זאגען, אין רער אויסשפראך לגמרי נישט).

3) די ווישעגרודער[2]) מונדארט (ou אקעגען מה"ד û) באזיצט: פוער, מוער. — דאסאייגענע די קאלישער (נור דער פארלוסט אין געוויכט פון ר איז דורט קלענער). — אין וויערושווו[3]) (אויך ou): פוויר, זוויר. —

פורמעל זענען דאס צווייזילביקע ווערטער. אובער איך באהאנדעל זיי צווישען די איינזילביקע, ווארום דער ווקאל פארן ר איז בא זיי נישט קיין אורגאנישע דערשיינונג: ס'איז סוואראבהאקטיווקאל, וועלכען די דערמאנטע מונדארטען בילדען-אויס נאך דעם ou אויך פאר כ, ל, ס, ט (אלע דריי שטעט), פ (ווישעגרוד). —

§ 20 — [ר ווארט-אויס נאך ê). — 1) דער יידישער ê איז כמעט שטענדיק עי[4]). (אויסנאמען — ווייטער). —

2) אפפאלענדיק, ארויספאלענדיק, צי בלויז פארלירענדיק אין געוויכט, ציט דער ר אויס דעם ej: a) אין eje (די מ"מ פון די §§ 5, 7 און 8), — b) ejȃ [קרעמעניץ, לענטשני, ריעגערוווו], — c) e׳a [ליובלין], — d) ejo [ווארשע].

אזוי: a) לאמטעיע, מילעיע, עיע, פעיעט, יועיעט, העיעסט, עיעשט (העיעשט), אהעיע, נאכהעיע[5]); —

---

[1]) אין דער טייטש: שטיינערנע וואנט. — [2]) „זאמעלביכער" II 313.— [3]) l. c. 312. — [4]) „זאמעלביכער" II, 241 און פ"פ. — [5]) לאמטער, מילער (נומינא), ער (פרונ.), פערד (נומ.), ווערט (3 טע פערז. סינג. פרעז. אינדיק. צו ווערן), הערסט (2 טע פערז. ס. פ. א. צו הערן), ערשט (אדוורב), אהער (אדוורב; ענטפערט אף די פראגע: וואוהין?), נאכהער (== דערנאך). —

a) לאמיטעיער, עיער, קעיערסט, קעיערט [1], נאכעיער [ווישעגראד]; לאמ־עיער, עיער, בעיער, קלעיערסט, קלעיערט [2], העיערשט [וויערושווו, סומפאלני];—

b) מילעיאָ, עיאָ, פעיאָט, וועיאָט, העיאָסט, עיאָשט, אהעיאָ, נאכעיאָ; —

c) עיאַ, פעיאַט, וועיאַט, (ה)עיאַסט, עיאַשט; —

d) לאַמטעיו, מילעיו, עיו, פעיוט, וועיוט, העיוסט, עיושט, אהעיו, נאכעיו. —

אַנמערקונג. — ערשט האט אין פינסק די באדייטונג פון „אוקורשט", „דאָ נישט לאַנג". דער קרעמעניצער עיאַשט ווערט על פי רוב געברויכט אין אויסדריק: „עיאַשט נו וואָס" [ערשט נור וואָס = אט די מינוט, די רגע (ТОЛЬКО ЧТО)].

אין פוילען באנוצט מען דעם אדווערב אין דער טייטש פון „איצט",— נור מערסטענטיילס מיט א געוויסען ניואַנס. מ'דריקט דערביי אויס דעם געדאַנק: „דאָס און דאָס איז פארגעקומען. ווייטער וואלט דעריבער געדאַרפט זיין אזוי און אזוי. טוט זיך, אובער, פונקט פאַרקערט". מיט אנדערע ווערטער: „ערשט" אַקעגען „איצט" האט נאך, אלס פליוס, די אידעע פון אומקאנסעקווענץ. צום ביישפיל: „מיר האבען זיך אויסגעגלייכט. כ'האב אים באצאָלט דאָס גאנצע געלט, און ער האט מיר געוואלט ארויסגעבען די סחורה. אריבער א פאָר וואכען. ערשט זאָגט ער, כ'דאַרף אים נאך צוצאָלען". —

די פארם מיט ה אין אָנלויט איז אין פוילען פאפולערישער, ווי „עיעשט".— ס'קומט אויך אויס צו הערען א פארם אָהן דעם אויסלויט־ט: העיעש [אין דער נייערער ווארשעווער מונדאַרט, אין בולימוו (ווארש. ג.), אין קאָזמער (ליובלינ. ג.)]. ווען דער אדווערב איז שוואכער באטאנט, הערט מען: העיְשט (ווארשע), העיְשט (פיליוו), הערשט (ליובלין, פיליוו), הערש (ווארשע). —

דעם וואקאבעל זייען מיר אויך אין דעם אדווערב: ציִנ'עיעשט (גריצע, גער, בארטשין, ביאלובושעג). —

3) אין „זאמעלביכער" II (ז"ו 246, 256) באטראַכט איך דאָס דער־שיינען פון e, ả, a, o נאָך דעם ej, אלס וואקאליזירונג פון r. אזוי דעפינירט אויך בעהאַגהעל[3] דעם צוגעקומענעם וואקאַל אין wee (= wer) פון דער אַפענצעלער און עמסער (דייטשישע) מ"מ.

מיר זייען, אובער, די צוגאָבוואקאַלען אפילו אין די יידישע מ"מ, וואָס בלייבען באַם ר, וועלכער ווערט בלויז אָפגעשוואַכט. מיר דאַכט

---

1) קעמט, קערט (ווערב).— 2) קלערסט, קלערט (ווערב).— 3) l. c. 205.—

זיך, דעריִבער, ס'איז שווער צו קוקען אַף די דערמאַנטע ווקאַלען, אַלס אַף פונעטישען עקוויוואַלענט פאַר דעם בלויזען פאַרלוסט אין געוויכט פון ר.

דער שוואַכער ר (אַלזו, ריכטיקער וועט אפשר זיין צו פורמולירען: דער לגמרי-פאַרשווינדענדיקער, אודער דער אין-געוויכט-אַנווערענדיקער) הוט די איינגעשאַפּט אויסצוציִען דעם יידישען ej אין eje, ejâ, eja, ejo [1]).

ווערט דוך פון דעם מה"ד ê (וואָס שטאַמט פון אורדייטשען דיפטונג ai), אין איינזילביקע ווערטער, לויטגעזעצליך êe (אָהן ר!): מה"ד ê, êr — נה"ד ehe, eher [2]). —

§ 21 — [ר וורט-אוים נאָך î]. — דער î, נאָכ'ן פאַרשווינדען צי אָפּשוואַכען פון ר, ווערט אויסגעצויגען: a) אין îe, îi [3]) [די מ"ם פון §§ 5, 7, 8, — b) îâ [לובלין], — c) îa [קרעמעניץ, ווענגראָוו, לענטשנ] , — d) îo [וואַרשע].

אזוי: a) בִּיעַ, טִיעַ, פּאַפִּיעַ [4]), מִיעַ, דִיעַ [5]), פִּיעַ [6]), פִּיעסט, שפּאַצִיעסט, פִּיעט, שפּאַצִיעט [7]), הִיעזש [8]).

a') בִּיער, טִיער, מִיער, דִיער [9]), פִּיער, פִּיערסט, פִּיערט [ווישע-גרוד, סומפּולנ]; בִּיער, טִיער, מִיער, דִיער [10]), פִּיערסט, פִּיערט [וויערושוו].

אָנמערקונג. — אין סומפּולנער: פאַנִיער [די שמחת-תורה-פאָן פון די יידישע קינדער] איז îe — דער אַלטער מה"ד דיפטונג [panıer (לעק' 184)]. —

b) בִּיאָ, טִיאָ, בִּיפִּיאָ, מִיאָ, דִיאָ, פִּיאָ, פִּיאָסט, שפּאַצִיאָסט, פִּיאָט, שפּאַצִיאָט, הִיאָזש.

---

[1]) אין אייניקע פּוילישע מ"ם ציט אויך דער מ (אין פרייען אויסלויט) אויס דעם ej אין eje. ווישעגרוד: באַנ'עִיעם (כּאַ אִים). — [2]) בעהאַגהעל 150. — [3]) געלייענט, אַלס דיפטונגען: ִי-ע, ִי-י. — [4]) נומינאַ: בּיר, טיר, פּאַ-פּיר. — [5]) דאַט. פון פערז. פרונ.: מיר, דיר. — [6]) נומער: 4. — [7]) ווערב.: דו פירסט, שפּאַצירסט; ער פירט, שפּאַצירט. — [8]) נומען: הירזש. — [9]) דאַט. פון פערז. פרונ. פון 3 טער פּ. פעמינ.: אִיער; פערז. פרונ. פון 2 טער פּ. פּלוראַ: איר (עפּטער: עטך). — [10]) אִיער (דאַטיוו צו זִי), אִיר ופערז. פרונ. 2 טער פּ. פּלור. (זעלטען געברויכט)]. —

c) בלאַ, טלאַ, פאַפלאַ, מלאַ, דלאַ, פלאַ, פלאַסט, שפּאַצלאַסט, פלאַט, שפּאַצלאַט, הלאַזש [1]. —

d) בלו, טלו, פאַפלו, מלו, דלו, פלו, פלוסט, שפּאַצלוסט, פלוט, שפּאַצלוט, הלויש. —

§ 22 — [ר וואָרט-אויס נאָך û]. — 1) דער וואָקאַל, נאָך דער פאַרשווינדונג צי אָפשוואַכונג פון ר, ווערט דיפטאָנגירט: אין ue, ui [2]) [די מ"מ פון די פּאַראַגראַפן 5, 7, 8, אין די וואַרשעווער], — b) uå [ליובלין], — c) ua [3]) [קרעמעניץ, לענטשנע, ווענגראָוו].

אַזוי: a) יאָע, מ'טאָע, גאָע, באָעט, פאָעסט, פאָעט [4]).

a′) יאָער, באָערד, קאָערט, פאָערסט, פאָערט [ווישעגראָד]; טאָיר, גאָיר, באָערט, קאָערט, פאָערכט, פאָערט [5]) [וויערושוו]. —

אָנמערקונג. — פון קורצען הויכבאַטאָנטען o ווערט אין די פּוילישע מ"מ אַמאָל [6]) קורצער u [7]). דער ר נאָך אים פאַרברייטערט און דיפטאָנגירט אים, אַליין

---

[1]) אין טורטשין בלייבט נאָך ? דער r אָהן ענדערונג (ער איז בלויז קוים-קוים ווייכליך): בלר, טלר, פאַפלר, מלר, דלר, גבלר וכו' [אין אומבאַטאָנטער ענדונג פאַרשווינדט דער r יו (ווי אויבען ז' 10)]. — [2]) „זאַמעלביכער" II 289 — 291. — [3]) l. c. 294. בנוגע צו דער קרעמעניצער מונדאַרט וואָלט אפשר לייכטער געווען צו זיין אין a וואָקאַליזירונג פון ר, וואָרום דער קרעמעניצער û איז אַ מעסיקע לענג (קוואַנטיטאַטיוו גלייך דער פּוילישער קורץ). דאָך איז נישט אויסגעשלאָסען, אַז דער ua איז דיפטאָנגירטער û (טאַקי אונטער דער ווירקונג פון ר). —
[4]) יאָר (נומען). טאָר (ווערב; 3 טע פּ. סינג. פּרעז.), גאָר (אַדווערב), באָרד (נומ.), פאָרסט, פאָרט (ווערב, 2 טע און 3 טע פּ. סינג. פּרעז.). — [5]) r דאָך שטאַרקער ווי אין דער אומבאַטאָנטער ענדונג -er. — [6]) דערהויפּט פאַר די סאָנאָרלויטען און פאַר דענטאַלע. — [7]) למשל: מאָנאַט (נה"ד monat) [וואַרשע, יוזעפאָוו], מאָנהאַיט (וואָרקע); — מאָדי (ה"וו), מאָדיש (אַדווערב) [דאָס אוניווערסאַלע מאָדע] (וואַרשע, וויערושוו); — זאָדי (נה"ד soda, רוסיש: сода, פּויליש: soda) [וואַרשע, ווישעגראָד, סאָמפּאָלנע]; — טאָן (טאָן אין דער מוזיק) [וואַרשע]; — לאָזן (מ"צ) [נה"ד los גורל, לאָטעריעבילעט), פּויליש los (וואַרשע, קוטנע); — דראָען (נה"ד drohen) [וואַרשע, נאָוואָדוואָר]; — פּראָטאָקאָל (דער u אויסגעצויגען און דיפטאָנגירט אַראָנק דעם ;) [זשעלעכאָוו]; — מאָמענט (אַזוי רופט מען די יידישע צייטונג „מאָמענט" אין וואַרשע און אין דער גאַנצער כמעט פּוילישער פּראָווינץ); — מאָראַטאָריי (מאָראַטאָריום) [וואַרשע]. —

פאַרשווינדערנדיק (אורער בלויז אָנוועיענ יק אין געוויכט). — די מה"ד פרעפּוזיציע און פורזילב vor (vore) [1] וויט-אויס אין פּוילישען יידיש: פאָאַ, (פאָאָר) (פור-זילביק), פאָע (פאָער) (אדווערביאַלפרעפּוזיציגעל). „פאָאָשטעלן" [2], „יאַך שטעל פאָע", „שטעל דו פאָע" (וואַרשע). — דאָסאייגענע ווארט איז אַדווערביאַ-לער פונקציע: „פאָע [3] גוט און דאַנאָך די הוסט כוך גיראַטיוויט" (וואַרשע); „אוי וואַ! פאָר קלוטע, אין דאַנאָך ער אוטט מיר געהולפן"! [מזרח-גאַליציע [4]] [5]. — אין וואַרשע, אין שיעניצע: רעוויזאָע [6]; אין וויערושוו: רעוויזאָיר; — אין וואַרשע: טאָעט [7]) [אין וויערושוו: טאָערט], קאַנגאָע [8]. —

b) יאָאַ, מ'טאָאַ, גאָאַ, באָאַט, פאָאַסט, פאָאַט.
c) יאָאַ, מ'טאָאַ, גאָאַ, באָאַט, פאָאַסט, פאָאַט.

אָנמערקונג. — אין טולקעמיט [9] (פלאַטרייטש): Bua [10], Natua [11] א. אַ. וו. [12]. —

§ 23 — [ר וווט-אויס נאָך oj]. — צוויי וווקאַבלען פון די פּוילישע מ"מ גייען דאָ אַריין אין חשבון.

1) מה"ד vor, אַלס פורזילב, הוט אין די פּוילישע מ"מ û [13]; אַלס אַדווערב, דאַגעגען, קומט ער שטענדיק פור מיט oj [14], נאָך וועלכען דער ר פאַרשווינט, אודער ווערט אָפּגעשוואַכט, און ס'דער-שיינט אַנ' e.

אין סוכאַטשעוו, בלוני, גער, טאַרטשין, אַמשינוו, אין ראָדים, קוזיע-ניץ, בערזשין איז „פויע", אין דער טייטש „פריער" [15] (אין זין פון צייט-באַשטימונג), איינער פון די פּופּולערישסטע אַדווערבען.

אין וויערושוו, אין יאַנוו (פעלמ. ג., קונסטאַנט. א.): פויער. —

---

[1]) לעק' 350. אין נה"ד, אַלס אַדווערב, אָפּגעשטורבען. — [2]) פורשטעלען. — [3]) פריער. — [4]) „דער אור-קוועלל" 1 279. — [5]) אים אַלגעמיין. הוט דער אַדווערב אין די פּוילישע מ"מ גאָר אַנ'אַנדער געשטאַלט (זיי וויטער, פּאַראַגראַף 23 פ. 1), — [6]) רעוויזור. — [7]) טורט (פּויליש: tort). — [8]) נה"ד kontor; פּויליש: kan-tor. — [9]) ערמלאַנד. — [10]) Bûr (Bauer). — [11]) = Natur. — [12]) „אם אור-קוועלל" VI 99. — [13]) זיי שורה 2 פון אויבען. — [14]) מיט û — נור אין דעם רערענסאַרטליכען אויסדרוק, וואָס איז געבראַכט אויבען (שורה 5). — [15]) „יעך בין פויע גיקימען". —

גאַנץ אופט ווערט דאָס וואָרט געברויכט מיט דער עפּיטעזע פון t: פויעט [וואַרשע, פּשיטיק, נײַשטאָט (פּינטש. א.)].

אויך אין קאָמפּאָזיטיס: ציפּויע[1]) (נײַשטעטל); — דזפּויע[2]) (גער), דאַפּויע[3]) (ווירושאָוו). —

אַדווערביאַלער אַדיעקט: פּויעדיק[4]) (וויסקיט). —

אַנמערקונג 1. — אויבען, אין פּאַראַגראַף 5 (ס. 2, סיגנע a), איז דער אַדווערב שוין געבראַכט צווישען די ווערטער מיט דער אומבאַטאָנטער ענדזילב ‎-ər. פאָרמעל איז דאָס ריכטיק: איז אפילו e נאָך ו׳ סוואַראַבהאַקטיוואָקאַל — אַ זילב בילדט ער דאָך. נור טעאָרעטיש די זאַך גענומען, איז דאָס געשטאַלט פון דעם וואָרט איינזילביק: פּויר.

אַ ראיה: מיר איז באַקאַנט איין בײַשפּיל, ווען מה״ר פּורזילב vor קומט פאָר אין וואַרשע נישט מיט û, נור מיט ‎[o]: פּויראַנג; און אַט, אַ דאַנק דעם אַרויספאַל פון h, בלייבט דער r פאַר דעם וואָקאַלישען אַנלויט פון דער ענדזילב אומגעענדערט, — און מיר האָבען די געלעגענהייט זיך צו איבערצייגען, אַז דאָס אָרגאַנישע בילד פון וואָרט איז טאַקי איינזילביק. —

אין אָפּאָטשני האָב איך געהערט: פּויעזאָגן (= פאָרואָגען), — דאַרף, ווי דאָס וואַרשעווער „פּויראַנג“, באַטראַכט ווערען, אַלס אַנאַלאָגיע־בילדונג [דאָס נאָרמאַלע געשטאַלט פון דער פּורזילב איז אין די פּוילישע מ״מ, ווי געזאָגט: „פּאָר“[5])]. —

אַנמערקונג 2. — אין וואַרשע: דאַפּעיר; אין גריצי, גאָדאַרושין, סאָוויעוואָליע, ליקיווי, יאַניוו (לובל. ג.): דאַפּעיע; אין טשעביוו[6]) (לובלינ. ג. און א. גם. קאָנופּניצע): דאַפּעיר. [אַלזאָ, מיט ‎ej, נישט מיט ‎[i], אַלס שטאַמוואָקאַל]. —

2) אַקעגען מה״ד אַדיעקט ge-war[7]) (ווייער אופט אין פאַרבינדונג מיט werden האָבען איייניקע יידישע מ״מ, ווי די קרעמעניצער, די וואָלאָצלאַוועקער (וואַרשעוו. ג.), די יאַנאָוועער (לובלינ. ג.):

---

[1]) „יעך בין גיקימי מיט אַ שעה ציפּויע“ (אײַדער דאָס און דאָס איז געשיינען). — [2]) אין זין: אײַדער איין זאַך זאָל געטון ווערען, מוז פריער („דאַפּויע“) עפּעס אַנדערש פאָרקומען. — „איך בין גרייט דיך צוצונעמען אַף די שטעלע, נור פריער („דאַפּויע“) מוזטו איבערעדען מיט מיין פאָטער“. — [3]) הגם ווייניק געברויכט. — [4]) למשל: „פּויעדיקע וואָך“. — [5]) אָבער „פּויר“ איז לויטגעזעצליך ריכטיקער פון „פּאָר“. דער u (אַקעגען o) איז אין די פּוילישע מ״מ איינע פון די דערשיינונגען, וועלכע ווילמאַנס (I 285) רופט: „איינצעלנע שטערונגען פון וואָקאַליזם“. — [6]) יידישער נאָמען פון שטעטעל Wieniawa. — [7]) לעק׳ 78. —

„געוואָרע", — שטענדיק מיט דעם הילפווערב „ווערן": „געוואָרע־ווערין"[1]), — אַלזו: מיט לאַנגען u [לויטגעזעצליך ריכטיק[2])] און מיט אומבאַטאָנטער ענדזילב -rə.

אין קיערנוזיע (וואַרש. ג.) קען מען הערען: „גיוואָרווערין"[3]); אין ווירושאָוו: „גיוואָרווערין" (אובער: „ווער גיוואָער"); אין זשוראָמין (פּלוצק. ג.): „געוואָרווערין"; אין ראָדים, אין פּרושקאָוו, נאַשעלסק, סוכאַטשאָוו: „גיוואָווערין"; —אַלזו, מיט „געוואר"[4]), אַלס ערשט קאָמפּאָזיציעגליד. —

פּאַראַלעל עקזיסטירט אַ געשטאַלט מיט oj אַלס שטאַמוואָקאַל. אין קרעמעניץ, אין בערדיטשעוו: „גיווירעווערין" (ענדזילב: -re!). —
אין פּוילען: „גיוויעווערין" [פאַרנוטירט פאַר וואַרשע, מאָגילניצי, פּיאַסעטשני, אַפּט, קאָניצק, גוויטשאָוו[5]) (ראַד. ג., קונסק. א), ביאַלאָ־בזשעג, קיעלץ, כמיעלניק, נײַשטעטל (פּעטריק. ג.) א. אַ. וו.].
אין פּיליוו: געוויעווערין. — אין לובלין: „גיוויאָווערין".
די טעורעטישע פורם: „געוויר". מ׳קען אובער אויך אָננעמען „געוויער", אַזוי ווי אַקעגען די מה"ד ôr, tor הובען די יידישע מ"מ: אויער, טויער[6]) [אודער אײַער, טײַער[7])]. —

אַנמערקונג. — אין דער נה"ד שריפטשפּראַך אַנטוויקעלט זיך פון אויס־לויט r נאָך די דיפטונגען au, eu, ei — די ענדונג -er. (מה"ד bûr, fiur, lîr א. אַ. וו. — נה"ד Bauer, Feuer, Leier א. אַ. וו.). אין די דײַטשישע מונדאַרטען געשײַט דאָס אויך נאָך אײַנפאַכיקע וואָקאַלען. — ווילמאַננס[8]) דער־קלערט: „דער שוואַכאַרטיקולירטער קאָנסאָנאַנט הײַבט־אָן איבערצוגײַן אין אַ וואָקאַל, וועל־כער דערשײַנט נאָך די דיפטונגען אַלס זעלבסטשטענדיקע זילב". —

ער קוק פון באַקאַנטען דײַטשישען פילולוג געפינט זיך אַ געוויסע באַשטעטיגונג אין דער פאָלגענדיקער דערשײַנונג, וועלכע מיר קאָנסטאַטירען פאַר די יידישע מונדאַר־טען. אין קרעמעניץ: אויאַ (טעורעטיש: אויער), מ"צ — אוירן; מיט דער פאַרפעסטיגונג פון r (אַדאַנק דער פּליוראַלענדונג) פאַרשווינט דער סוואַראַבהאַקטיוואָקאַל! —

---

[1]) ליפשיץ 69: געוואָרעווערען. — [2]) „זאַמעלביכער" II 277 און ווײַ־טער. — [3]) האַרקאַווי 106, ביסקאָ 106: געוואָהר; הורוויץ 33: געוואָרווע־רען; דרייזין 762: גיוואָרווערין. — [4]) אָפּגעטײַלט פון הילפווערב: „גיוואָער". — [5]) ייד. נאָמען פון [illegible] Gawarczów. — [6]) „זאַמעלביכער" II 214, 216, 235. — [7]) l. c. 217, 219, 220, 237, 238. — [8]) I 358. —

אובער דערזעלביקער סוואראבהאקטיוואקאל דערשיינט דוך אין דער יידישער שפראך נאך איניקע דיפטאנגען (זיי אויבען ז' 30, פאראגראף 19) אויף פאר אנדערע, שטארקער ארטיקולירטע און קיינמאל נישט פארשווינדעניקע קאנסאנאנטען, ווי למשל, פאר כ. דעריבער בין איך נוטה צו געוויסער פארזיכטיקייט אין געברויך פון דעם טער-מין „וואקאליזירונג פון ר". —

§ 24 — [אפשוואכונג און פארשווינדונג פון סוואראבהאקטיוואקאל]. — 1) אין לוגיש שוואכער באטאנטע טיילען פון זאץ, און איבערהויפט אין שנעלען רע-דען, ווערט דער סוואראבהאקטיוואקאל, פון וועלכען ס'איז די רייד אין די §§ 20 און 21, שטארק רעדוצירט, אודער פארשווינט אינגאנצען.

אין גארארזשין: ע'ע (ער). — אין לוויוויש: הע' (ער). —

אין קרעמעניץ: גיפ^אט. — אין פיליוו: ט^עס (גענעטיוו פון טיר). — אין לובלין: צגיפט. —

2) ווען די פרעפאזיציע שטייט אדווערביאל, נאך דער ווערבאלער פארם מיט r אין אויסלויט פון דער הויכבאטאנטער ענדזילב, בלייבען ביידע טיילען באם הויכטון: „מ'פ רט-צ ".

דער לוגישער אקצענט ברענגט-אריין א אומגלייכקייט.

a) איז דער עיקר אין זאץ די אידייע פון ווערב, — ווערט דאס צייטווארט לוגיש שטארקער באטאנט און דערגרייכט דאדורך די פולסטע פאנעטישע אנטוויקלונג: מ'פ עט-צ [1] (סוכאטשעוו וכו'), מ'פ אט-צ (לובלין), מ'פ וט-צ (ווארשע), מ'פ אט-צ (קרעמעניץ וכ').

b) ליגט, אובער, דאס געוויכט אין דער פראזע אף דער אידייע, וואס שטעקט אין דער אדווערביאלפרעפאזיציע, פאלט אף די לעצטע אויך דער זאצאקצענט. דער ווערב ווערט נישט אן זיין הויכ-טון, נור קומט אויס אין א געוויסער מאס ווי אין שאטען, — און זיין שטעלונג רופט זיך אפ אף דעם פאנעטישען בילד זיינעם: דער סווא-ראבהאקטיוואקאל פארשווינט. „מ'פלט=צ " (נישט ארויס, נישט אהעק). —

3) אין דעם פראנאם. דעמאנסטראט. פון איניקע פוילישע מ"מ: „דער=דא" (די-דא, דאס-דא), הוט יעדעס גליד זיין הויכטון. הגם „דער" ווערט בדרך הטבע [2]) שטארקער אקצענטירט, אלס „דא", דוך

---

[1]) מ'פירט, נישט מ'טראגט. — [2]) מחמת אין „דער" אליין שטעקט שוין, איינגענטליך, דער גאנצער אינהאלט פון דעם פראנאמען. —

דאָס דאַנעבענשטײן פון צװײ הױכטאָניקע זילבען איז גורם, אַז דאָס ערשטע גליד פון דעם פּירװאָרט דערגײט זעלטען װען ביז צו פּולקאָ־מענער אַנטװיקלונג פון זײַן פאָנעטיש בילד. מערסטענטײלס קען מען הערען: „דעי־דאָ“ (נײַשטעטל), „דעיר־דאָ“[1]) (װיערושװו).

§ 25 — [ר נאָך לאַנגען שטאַמװאָקאַל אין קאָמפּאָזיטים].—די רייד איז פון אַזעלכע קאָמפּאָזיטאַ, װאָס האָבען אַלס ערשט גליד איינס פון די װערטער, װעלכע גייען־אַרײַן אין גדר: a) פון די §§ 20 און 21, b) פון § 22.

1) אַ װאָרט פון § 20 אָדער 21, אַלס ערשטער טייל פון אַ צוזאַמענגעזעצטען װאָקאַבעל, פאַרלירט דעם r (אָדער דער לױט װערט בלױז אַן אַ טייל פון זײַן געװיכט), אָבער דער סװאַראַבהאַקטיװאָקאַל, װען מ'הערט אים אפילו (לױט אַנאַלאָגיע מיט די זעלבסטשטענדיקע פאָרמען), איז זייער שװאַך. על פּי רוב איז ער אינגאַנצען נישטאָ. אַמאָל קומט דערביי זאָגאַר פאָר קװאַנטיטאַטיװע אייַנשרימפּונג פון שטאַמװאָקאַל גופא.

עטליכע צופעליקע ביישפּילען: אַהעירגעשיקט (פלוצק); אַהעיגיקימען (קערנאָזיע); אַהעגיקימע (נײַשטעטל); אַפּעגיליינט (קאָזיעניץ).

אָנמערקונג. — אין די לעצטע צװיי ביישפּילען — קורצער e אונטער'ן הױכטאָן! — אָדער ס'שנעלע טעמפּאָ פון דער רעדע איז דאָס גורם; אָדער ס'הגיש פון פּױליש פאַסט־אויף די װערטער, אַלס סימפּלעקסען, און שטעלט־אַװעק קורצען װאָקאַל אין אַ זילב, װאָס איז געשלאָסען מיט r, נאָך װעלכען עס גייט נאָך אַ קאָנסאָנאַנט — נישט קיין דענטאַלער (דער ר פאַלט, אָבער, דאָך אַרױס! די קראַפט פון אַנאַלאָגיע בנוגע צו אים שטאַרקער, װי בנוגע צום שטאַמװאָקאַל). —

2) אַ פאָרם אויס דעם § 22, אַלס ערשטער טייל פון קאָמפּאָזיטום, פאַרלירט דעם r (אָדער אַ שטיק געװיכט פון דעם לױט).

א) אונטערן זאַצאַקצענט װערט דער שטאַמװאָקאַל אױסגעשפּראָכען: a) אַלס אױסדריקליכע פּױלישע לענג, אַלזו מער־װייניקער פאַרטאָפּעלט (נור נישט דיפטאָנגירט!), — אין די מ"מ פון די §§ 5, 7, 8, און אין דער װאַרשעװער; b) דיפטאָנגירט, אָבער מיט זייער שװאַכען צװייטען גליד — אין קרעמעניץ, לענטשנע, װענגראָװ.

1) אַלזו, אָהן דעם סװאַראַבהאַקטיװאָקאַל. —

הייסט עס: a) גאָאָנישׁ[1], גאָאָרנישׁט[2], — b) גאָאָנישׁ.

ב) אין לוגיש שוואַכער באַטאָנטע טיילען פון דער פּראָזע ווערט דער לאַנגער u, אין אַלע דערמאָנטע מ״מ, פאַרקירצט: — גאָנישׁ גאָרנישׁט. —

§ 26 — [ר נאָך לאַנגען שטאַם־וואָקאַל וואָרט־אין]. — 1) די רייד איז דאָ פון סימפּלעקסען.

2) זיי פאַרלירען דעם r (אודער ער ווערט אָפּגעשוואַכט) צווישען û, î, ê און ט, סט, ל אַלס אָנלויט פון דער נאָכפאָלגענדיקער זילבע:

a) û ווערט דערביי אויסגעשפּראָכען: א) אַלס פּוילישע לענג — אין די מ״מ פון די §§ 5, 7, 8 און אין דער וואַרשעווער; — ב) מיט שוואַכען צוגאַב־a — אין קרעמעניץ, לענטשני, ווענגראָוו.

א) גאָאָטן, קאָאָטן, פּאָאָסטי, פאַשפּאָאָסטי, איבעגיפּאָאָטן, פּאָאָלעך[3];

א׳) גאָאָרטן, קאָאָרטן, פּאָאָרסטי, פאַרשפּאָאָרסטי, איבערגיפּאָאָרטן, פּאָאָרלעך (ווישעגראָד, וויערזשבאָוו);

ב) גאָאטן, קאָאטן, פּאָאסטי, פאַשפּאָאסטי, איבאַגיפּאָאטן, פּאָאלאַך. — [אין שנעלען רעדען פאַרשווינדט דער סוואַראַבהאַקטי־a].

b) î — דיפטאָנגירט אין: א) îe, îi — אין די מ״מ פון די §§ 5, 7, 8; — ב) îo — אין דער וואַרשעווער מ׳; — ג) îa — אין קרעמעניץ, לענטשני, ווענגראָוו.

אזוי: א) וואָס פוטעסטיעסטי?, וואָס ראַביעסטי?, דאַ ציגיפּיעטע, טיעלעך[4]; —

---

[1]) פאַרנאָטירט פאַר: וואַרשע, שיעניצע, בענדזשיקאָוו (גמ. יאַבלאָנע, אונטער וואַרשע), גער, איליזשע, פולטוסק, סאָכאַטשאָוו, וויסקיט, טאַרטשין, נײַשטעטל (פּעטריק. ג.), בערזשין, קליין־ביאַלע, נײַשטאָט (פּינטש. א.), כמעלניק, פשיטיק, ראַדושיץ, אָפּאָטשנע, ד. לאַגאָוויץ, מאַגנישעוו, ביאַלאָבזשעג, פיליזשע, יוזעפאָוו (פּילעוו. א.), קראַסנאָסטאַוו, גמ. טראַאַניוו (גאַ־וואָלינ. א.), א. אַ. וו. א. אַ. וו. — [2]) ווישעגראָד (לעבען גאָאָנישט!) ראַצוינזש (פּלאָצק. ג., שעפּס. א.). — [3]) גאָרטען, קאָרטען (פּל. פון קאָרט), פאָרכטע, פאַרשפּאָרסטע, איבערגיפּאָרטען (וואַרשע: איבו־), פּאָרלעך (וואַרשע: -לוך). — [4]) וואָס פּוטעסטירסטו?, וואָס ראַבירסטו?, דער צוגעפּירטער, טירלעך. —

א׳) וואָס פוטעסטיערסטי?, וואָס ראַבּיערסטי? — א. אַ. ו. (ווישע-גרוד); — וואָס פוטעסטייִרסטי?, וואָס ראַבּייִרסטי?, א. אַ. ו. (וויערושוו); —

ב) וואָס פוטעסטיוסטי?, וואָס ראַבּיוסטי? — א. אַ. ו.; —

ג) וואָס ראַבּיאַסטי?, דאַ ציגיפּיאַטאַ, טיאַלאַך. —

אָנמערקונג. — אין שנעלען רעדען פאַרשווינדען די צוגאָבּוואָקאַלען e, i, o, a. —

c) ê — אויסגעצויגען אין: א׳ eje, ej (אין שנעלען רעדען) — די מ״מ פון §§ 5, 7; — ב) ej — די מ״מ פון § 8; — ג) ejo (וועלטען), ej (עפּ-טער) — אין וואַרשע; — ד) eja (אין שטאַרק עמפאַטישען רעדען), עיאַ, עאַ, עאַ, עע, עע (אין בּינדיקען זאַץ) — אין קרעמעניץ, לענטשני, ווענגראָווי.

א) ווי: עיעשטע, עיעשטי, געיעשטן, בּעיעדל, גיפּעיעלעך[1] [און עישטע, עישטי, געישטן, א. אַ. ו.];

ב) עירשטער, עירשטי, געירשטן, בּעירדל, גיפּעירלעך; —

ג) עיוֹשטו, עיוֹשטי, געיוֹשטן, בּעיוֹדל, גיפּעיוֹלוֹך; —

ג׳) עישטו, עישטי, געישטן, בּעידל, גיפּעילוֹך; —

ג״) עעשטו, עעשטי, געעשטן, בּעעדל, גיפּעעלוֹך (אין שנעלען רעדען)[2]; —

ד) עיאַשטאַ, עאַשטאַ, עיאַשטאַ, עאַשטאַ, עעשטאַ, עעשטאַ (זוגאַר: עירשטאַ!) א. אַ. ו.[3]. —

אָנמערקונג 1. — לאַנגען e אין געשלאָסענער זילבּ (פאַר רט, רשט, רל) וואָרט-אין זייען מיר (אין די ייד. מ״מ, וועלכע ווערען דאָ בּאַהאַנדעלט) אין אַ בּאַשטימטער גרופּע ווערטער, וועלכע מ׳קען איינטיילען אין דריי קאַטעגאָריעס:

א) פלעקטירטע פאָרמען, וואָס האָבּען ê לויט אַנאַלאָגיע מיט די נישטפלעקטירטע (אין וועלכע די ענדזילבּ איז אונטער׳ן הויכטאָן). — אַזוי: „עיעשטע" (עיוֹשטו, עיאַשטאַ) — נאָך „עיעשט" (עיוֹשט, עיאַשט) וכ׳;

ב) פאָרמען מיט e אַקעגען שטאַמפאָרמען מיט אַ׳אַנדער וואָקאַל (דערבּיי אַ לאַנ-גען). — ווי: „געיעטל", („געיאַטל") — נאָך „גאָאָטן" („גאַאַטן"), וכ׳;

ג) קוואַזיסימפּלעקסען, ד. ה. קאָמפּאָזיטאַ, אין וועלכע דאָס צווייטע גליד איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען, אַזוי אַז מיט דער צייט איז פאַרלוירען געגאַנגען די ריכטיקע

---

[1]) ערשטער, ערשטע, גערשטען, בּערדל, געפערלעך. — [2]) „זיי אויך „זאַמעל-בּיכער" II 246 — 247. — [3]) l. c. 256. —

פורשטעלונג פון זייער נאַטור [1]. — פונוואַנען די הויכטוניקע זילב אין אַזעלכע ווער־טער הוט ê (פאַר r מיט דענטאַל), דאַרף דערקלערען דאָס ערשטע [2] גליד (איִן זיין זעלבסטשטענדיִקען געשטאַלט) פון קומפּויִטום [3]. —

אַנמערקונג 2. — די §§ 13 — 26 זענען גילטיִק אויך פאַר די מ"מ פון די שטעדט: אַמשינוו, נאַדאַרזשין, יאַבלונע (אונטער וואַרשע), ביאַלו־בזשעג, טאַרלווו, ראַדושיִץ, סקאַריִשעוו, סוכעדניוו, ליקוון, קראַסנו־סטאַוו [באַלאַנגען אַלע צו דער גרופּע פון § 5]. — [4]

Varia.

§ 27 — r] אַלס היִאַטוסבאַזייטיִקער]. — 1) איִן די ייִדישע מ"מ איִז באַקאַנט איין פאַל, ווען דער ר-לויט טרעט-אויף איִן דער רולע: נאָך דער קוניונקציִע „בּאַ".

מיִר הערען איִן וואַרשע: בּאַר איִנץ, בּאַר עים [5]), בּאַר עינק, וכ'.

ענליִך — איִן גרוכווו (אונטער וואַרשע), ווולויע, איִלווו, גריצי, גער, ליובלין, פיִליִוו, יוזעפּווו, וויִשעגרוד, וויערושווו, א. אַ. וו. (אפ'ן גאַנצען געביִט פון די פּויליִשע מ"מ). —

איִן קרעמעניִץ: בּאַר אים, בּאַר אַ, בּאַר איִנץ, בּאַר אָך, זכו'. —

---

[1]) למשל, ווער פון בריִיטען פּובליִקום ווייסט היינט, אַז איִן אַזעלכע אַדיעקטען, ווי (לִיטעראַריִש אויסגעלייגט): גליקליִך, שרעקליִך, פריינטליִך, געפערליִך, זורגליִך וכ', איִז דער -ליִך (מ'רופט די זילב „סופיִקס") — דער אַלטער מה"ד סובסטאַנטיִוו lîch (== דאָס לייב, דער גוף) [בעהאַגהעל 173; II 149]? — [2]) אויב רעדוציִרט איִז דאָס צווייטע. — [3]) ווערטער, וואָס גייען ניִשט אַריין איִן איינע פון די 3 קאַטעגוריִעס, הובען איִן די בעהאַנדעלטע מ"מ (פאַר רט, רד א. אַ. וו.) קורצען e: — פערדער (נומ. אורדיִנ.), פערטל, וכ'. — [4]) די §§ 13 — 26 זענען חל אויך אַף די מ"מ פון אוסיעצק, סטוצק, טיִשעוויִץ, גרוים־ביאַליִ, זשעלעכוו, גניִוויִשוו, ריִטשיִוול. דער ר איִן די מ"מ פון די אויסגערעכענטע שטעדט פאַרשוויִנט איִן אַלע פאַלען, וואָס זענען באַשפּרוכען איִן די דערמאַנטע §§. מכח דער טונפאַרב פון די צוקומענדיִקע ווקאַלען דאַרפען נאָך געמאַכט ווערען גענויערע פורשונגען. — [5]) אובער: בּאַנ'ים. —

2) r, אין די אָנגעוויזענע מ"מ, קומט אויך צווישן „באַ" און דעם זילבענבילדענדיקען נ, וואָס שטעלט זיך אין זיי אָפּ פון דעם וואָרט „דעים" (דאַטיוו פון באַשטימטען אַרטיקעל מאַסקולינו און נעוטרו).—אַזוי: „באַרן טיש"[1]) (== באַ דעם טיש).

דאָ פאַרמייט דעם r hiatus צווישן a (אין „באַ") און דעם סונאַנטישען טייל פון זילבענבילדענדיקען n.

אויסער דעם: אָהן דעם r ווולט דער n אָנגעווירען זיין זילבענבילדענדיקען כאַראַקטער.

אָנמערקונג. — די מה"ד שפּראַך ווייזט עטליכע ביישפּילען, ווי r ווערט באַנוצט אַלס הילפסמיטעל נישט צו דערלוזען צו קיין היאַטוס[2]).

זייער ברייט איז דער געברויך פון ר צו דעם צוועק אין די באַיירישע מ"מ[3]). דורט איז r אַלס היאַטוספאַרמיידער אַזוי פאַרשפּרייט, ווי אין אַנדערע דייטשישע מ"מ (און ווי אין די פּויליש-יידישע) דער n. —

§ 28 — [ניטאָרגאַנישער r]. — מונדאַרטליך דערשיינט אַמאָל r אין וואָרט אָהן היסטאָרישער רעכטפערטיגונג.

1) אַזוי, זאָגט מען אין ווישעגרוד: יאָאָרנקיפּער (יום-כפּור), — ווי ס'זייט-אויס לויט, אַנאַלאָגיע מיט „יאָאָרן" [מ"צ פון יאָער (יאָר)].

2) אין ווישעגרוד קען מען אויך הערען: פּאַרטשוילי[4]) (== פּאַטשעילע).

אָנמערקונג. — גערזון (87) ברענגט (אויס הומעל): פּאַטשעלע. און ווייזט-אָן, אַז דאָס וואָרט געפינט זיך אין „דייטשען ווערטערבוך"[5]) אין אַזעלכע געשטאַלטען: facenetlein (== sudarium, נאָזטיכעל), facilet, fatzenet, fatzilet — א. בערנשטיין אין זיין „גלאָסאַר"[6]) ציט-צו דאָס איטאַליענישע facciola. — קיינער פון די וואָקאַבלען האָט נישט קיין r. —

3) אין קרעמעניץ זאָגט מען: איבאַיפּאַרן (אַ בלעטעל אין בוך, אַ וואָרט אין דאַווענען); אין וויערושוו: פּערהיפּערן; אין סומפּולנו: איבערהיפּערן[7]). —

---

[1]) געהערט: אין וואַרשע (און אין דער גובערניע); אין לובלין, פּיליוו, יאַנוּוו, א. א. וו.; אין ווישעגרוד; אין ראַדים, ביאַלובושעג א. אַ. וו.; אין קרעמעניץ, אין ווישקווו. — [2]) בעהאַגהעל 205. — [3]) ווילמאַננס I 203. — [4]) דעמינוטיוו: פּאַרטשאַילאַכל, פּאַרטשאַילכע. — [5]) פון יאַקוב א. ווילהעלם גרימם, שטראַסבורג 1899. III 1218, 1226, 1365. — [6]) ז' 20. — [7]) אין פּינסק: איבערהיפּם! —

דער ווערב לאָזט זיך צוריקפירען צום מה"ד[1]) hupfen, hüpfen (hopfen, hoppen). אָבער אויך נה"ד איז פאַראַן אַ פאָרם מיט r: hüpfern (טיאַנדער 656).

אָנמערקונג. — אין אַנדערע יידישע מ"מ, ווידער, טרעט דאָס צ"וו אויף מיט ניטאָרגאַנישן |. אין ווישקוּת: איבערלפּלען; אין מישיניעץ: אַרל-בערלפּלען. — אויך נה"ד: hüpfeln (טיאַנדער 655). —

§ 29 — (מעטאַטעזיס). — 1) די דערשיינונג, וועלכע איז באַקאַנט אויך אין דער דייטשישער שפּראַך, איז צו זיין על פּי רוב בײַ פרעמדע ווערטער. ווען אַ וואָרט האָט אַ „אומבאַקוועמע לויטגרופּע", ווי בעהאַגהעל[2]) רופט עס, ד. ה. עטליכע לויטען אין אַזאַ אָרדנונג, צו וועלכער דאָס פאָלקסמויל איז נישט געוויינט, קומט-פאָר אַן איבערשטעלונג, — „אין דעם זין, אַז די אַרטיקולאַציעשטעלען לייגען זיך אויס אין איין שורה, וואָס גייט אין מונדקאַנאַל פון אונטען צום פאָרנט צו"[3]).—

2) איבערשפּרינגונג פון r איז פאַר אונז: a) אין נאָמען „בערזשלין" (אַזוי רופען זייער שטאָרט די יידישע איינוווינער פון Brzeziny (פּעטריק. ג.), און אַזוי הייסט זי בײַ אַלע פּוילישע יידען]; b) אין סובסטאַנטיוו „גראַניטיר" [וואַרשעווער געשטאַלט פון פּוילישן garnitur (נה"ד Garnitur)]; c) אין ווערב „גראַניטירן" [וואַרשעווער פאָרם פון נה"ד garantiren]. —

3) אין די אַלע ביישפּילען שפּרינגט דער r איבער פאַר אָדער נאָך קורצען וואָקאַל (אין ערשטען — פאַר e, אין די איבעריקע — נאָך a); דער נאָענטסטער קאָנסאָנאַנט נאָכ'ן r איז אַ דענטאַלער לויט (אין ערשטען וואָקאַבעל — זש, אין די לעצטע צוויי — נ). —

אָנמערקונג. — ענליך אין מיטעלדייטשישען, נידערדייטשישען און עלזעסישען[4]). —

[1]) לעק' 109. — [2]) 196. — [3]) בעהאַגהעל l. c. — [4]) ווילמאַננס I 208, בעהאַגהעל 206. —

II.

דער ליקוויד ל אין די יידישע מונדאַרטען.

רייִנער און פּאַלאַטאַליזירטער l.

§ 30 — [רייִנער l]. — 1) דער יידישער l-לויט ווערט אַרויסגעבראַכט אַזוי: דער שפּיץ-צונג לייִנט זיך אָן אָן די וואָרצלען פון די אייִבערשטע שנײַדציין, די לופט ברייִנגט אין באַוועגונג די שטימבענדער און גייט דערנאָך אַרויס דורך די צוויי שפּאַרעס, וואָס צווישען די צונגרענדער און די באַקציין.

2) אין די פּויליש ע און אייניקע דרום-רוסלענדישע מונדאַרטען (אין דער קרעמעניצער, בערדיטשעווער וכ') איז דער ל זאַפטיקער און ווייכער ווי אין די ליטווישע. דער שפּיץ פון דער צונג רירט אָן אָהן אָנשטרענגונג דעם סאַמע וואָרצעל פון די פעדערשטע ציין און דאָס שמאָלע פּאַסיקעל פון האַרטען גימען איבער אים.

3) דער ליטווישער ל איז מערסטענטייִלס טרוקענער און האַר- טער. דער שפּיץ-צונג דריקט זיך פעסטער צו צו די צייִנוואָרצלען, נישט אָנרירענדיק דעם גימען, און די צונג ווערט מער אויסגעוועלבט אַראָפּ-צו-צו צו די אונטערשטע שנײַדציין.

דער ליטווישער ל איז גלײַך דעם רוסישען אין стол, דעם פּוילישען אין wół. —

§ 31 — [פּאַלאַטאַליזירטער l]. — 1) איך באַצייכען אים: לי (אודער לְ, לי). ער איז גלײַך דעם רוסישען ль, דעם פּוילישען l.

2) אַלס צופעליקע דערשײַנונג אין דעם אודער יענעם אייִנ- צעלנעם וואָרט, באַגעגענען מיר פּאַלאַטאַליזירטען ל אין אַלע, קען מען זאָגען, אָהן אויסנאַם יידישע מ"מ.

3) אַלס אָרגאַניִשע (אַלס געזעצמעסיקע) דערשיינונג זייען מיר איִם נור אין געוויסע מ"מ, על פי רוב בלויז נאָך די פּאַלאַטאַלע עקספּלאָזיוולויטען.

ספּוראַדישע פּאַלאַטאַליזירונג.

§ 32 — [אַרטיקולאַציע]. — באַ דער ספּוראַדישער פּאַלאַטאַליזירונג פון ל ענדערט זיך זיין אַרטיקולאַציעשטעלע: דער שפּיץ פון דער צונג דריקט זיך צו צו די אייבערשטע שניידציין — פון זייער שפּיץ ביז צו די וואָרצלען — און צום האַרטען גימען איבער זיי. —

§ 33 — [סלאַווישער איינפלוס]. — 1) על פי רוב איז לʼ מיטגעבראַכט אין די יידישע שפּראַך מיט סלאַווישע ווערטער, אָדער מיט אַנדערע פרעמד־ווערטער, וואָס זענען אַריבערגעגאַנגען אין די יידישע גאַס דורך די סלאַווישע לשונות.

2) ליפשיץ 113 ברייננט: ליאַדע[1], ליאָכטע[2], ליאַלʼקע[3], ליאַמיווקע[4], ליאַמיווען[5], ליון[6], ליאַפּ, ליאַפּען[7], ליאַרעם[8], ליאַרעמען.

האַרקאַווי 184 — 185: ליוד[9], ליאַדע, ליאַליע[10], ליאַלקע, ליאַמעווען, ליאַמקע[11], ליאַפּען[12], ליוקאַי[13], ליאַרווע[14]. —

3) אין די יידישע מונדאַרטען קען מען הערען:

ריבלʼ [גריצי, איליווי, טאַרטשין, גייִשטאָרט (פּיגטש. א.), ביאַלובושעג,

---

1) פּויליש lada. — 2) פּ' luft (=נה"ד luftloch) [מה"ד (דהיינו ניִדערע־רייניש) איז פאַראַן אויך די פורם lucht (לעק' 151)]. אין דרום־רוסלענדישען וואָקאַבעל איז דער ch ווערשיינליך קליינרוסישער איינפלוס. — 3) פּ' lalka. — 4) אויך אין וואַרשע. פּ' lamówka. — 5) פּ' lamować. — 6) רוסיש: ленъ (אויך קליינרוסיש). — 7) רוסיש: ляпъ, ляпать. — 8) פּ' larmo, larum, larma (נה"ד lärm, allarm). — 9) רוס' ледъ. — 10) אין אויסדריק: „ער איז אַ שטומע ליאַליע" (פּ' lala). — 11) = ליאַמיווקע. — 12) האַרקאַווי זעצט־איבער: to botch (ד. ה. לאַטען, פאַריכּטען ווי אַ פּאַרטאַטש), to smear (ד. ה. באַשמירען, באַשמוצען). — 13) פּ' lokaj (נה"ד lakai). — 14) פּ' larwa (נה"ד larve). —

ווישעגרוד, ליקווין], רִיבִּילִי [לושיץ [1]), טראַנוּוו [2]), פּאַרצעוו [3])], רִיבּעלִי (קוויעניץ), רִיבּבּעלִי (פּולטוסק) == פּוילישען rubel;

פּוליצִי [4]) (נווידיוור) == פּויל׳ polica;

בראַנזִילִיעט (סומפּולנו) == פּויל׳ bransoletka;

בִּילִיון, בּליון („אַ בּליון, זאַדיוואַסו״) [וואַרשע] -- פון פּויל׳ balon;

קאַנצעליאַריאַ (בּערושין), קאַנצעליאַר (מאָגילניצי, נאַדאַרושין) == פּויל׳ kancelarya;

„מ׳ ליִקִיוִוצע״ (מ׳היילט זיך) [בּערושין] — פון פּויל׳ lekarzyć;

קאַטופּליי (קאַטאָפּליִם), קאַרטופּליִ [5]) (ס.), גִיטופּליִ [6]) [ווי אויבּען ז׳ 15] — פון פּוילישען kartofel;

קליאַפּ (סומפּולנו) [איז טופּעלער טייטש: א) לאַץ בּאַ אַ מלבּוש, ב) אַ דייל מיט וועלכען מ׳פאַרמאַכט דעם קיימען] — אַקעגען פּוילישען klapa [איך אַה צווייערלייקער באַטייטונג];

גאַליער: (ווישעגרוד) — „אַ געמיינערע בּערליִנקע. אַ פּוסטע אַ קליינע, צוזאַמענגעקלאַפּט אַזוי ווי אַ פּרים״ == פּויל׳ galera (נה״ד galeere);

פּאַטליקי (ווישעגרוד) — „זייער פלאַכע בּערליִנקע, וועלכע מ׳לאָדנט מיט אויבּס״, — ווי ס׳שיינט פון פּוילישען patela [וואָס הויסט די טייטש „אַ פלאַכע קיכענפּאַן״]!;

שאַנעל (פּיליוו) == רוס׳ шинель;

ליעכטיִן (ווישעגרוד) == פּויל׳ lechtować [7]);

---

[1]) Łosice (קוגסאַ. א., בּעלם. ג.). — [2]) Trojanów (גאַרוואָלין. א.). — [3]) בּעלם. ג., וולודאַווו. א.. — [4]) אין קרעמעניץ: פּוליִ.׃ (מיט טרוקענעם ו). — [5]) אפילו אין וויִשקוּוו קומט דער וואָקאַבּעל מיט בּאַלאַט. (הגם קוים-קוים). — [6]) אויך אין יוזעפוּוו (לובּל. ג.): גיטופּליִס. — [7]) אַ ווישעגרודער שניידער הוט מיר אַמאָל דערציילט: ...„יעך הו געליעכטיִעט“...; בּאַמערקענדיג, אַז איך פאַרשטיי נישט, הוט ער מיר איבּערזעצט אַף פּויליש: „lechtowałem“. מיט מאַטעריאַל נישט בּין איך דערגאַנגען, אַז דער ווערב באַטייט: איבּערלייגען משא פון איין בּערלִינקע אַף אַן אַנדערע. ווי ס׳שיינט, איז דאָס פּוילישע ציישוואָרט אַ טעכנישער אויסדרוק, גענומען פון דייטשישען ווערבּום טראַנז׳ leichten (גרינגער מאַכען). —

קולעיו, קאוואלעיו[1] (ווארשע) — אקעגען פויל' kolor, kawaler[1];

קונטוראלי[2] [פּשיסבע (ראָד. ג., אופּאטשנ. א.)] == פויל' kontrola;

סאלי[3] (ווארשע) — „א) גרויס צימער; ב) לוקאל, וואו מ'אורדנעט־איין שמחות (דערהויפּט חתונות)" == פויל' sala;

קרעל[4] (וויערזשאוו) — נאָכ'ן פּויליִשען koral;

ליאמקי (מישיניעץ) — „ווײַנגלעזעל" == פויל' lampka;

מענדאל (קרעמעניץ, ווישקאוו) == רוס' медаль (פויל' medal). —

אנמערקונג. — ל (נאָכ'ן סלאווישען) הובען מיר אין נעמען פון שטעדט: נאשעלסק, מוגילניצי, קולביעל, קעלץ, כמעלניק, אולקיש, קולני (לומז. ג.) א. א. וו.; אויך אין די נעמען פון ווארשעווער גאסען: נאלעווקים (Nalewki), שליסקי (Slizka) וכ'. —

§ 34 — [שפּונטאנע פּאלאטאליזירונג]. — 1) פאראן, אובער, אזעלכע פאלען, וואו ס'איז שווער צו געפינען די אנזייעוודיקע סבה פון דער פּאלאטא־ליזירונג.

2) ליפשיץ ברייננגט[5]: „ליאשטשען זעך", „ליאג"[6] — אקעגען די פּויליִשע: łaszczyć się, ług!

הארקאווי: „ליאכענע"[7] (גרויסע שיסעל) — ווי ס'שיינט אקעגען лохань.

אלזו, אין יידישען פאלאטאליזירטער ל — אקעגען סלאווישען ריינעם! —

3) אין קרעמעניץ, טורטשין, פּולונקע, בריסק־דליטא זאָגט מען: „אינלי"[8] — דאָ קען מען אײַנזעהן דעם אײַנפלוס פון רוסישען нуль.

---

[1]) די באטונונג פון די ווערטער אין יידישען איז אפילו נישט ווי אין פּויליִשען, נור ווי אין פראנצויזישען (couleur, kavalier). — [2]) וועגען u זעה אויבען ז' 33 (אנמ. אין טעקסט). — [3]) „דאָס ליד פון ראבאניק" 22: „פון דיא פיינסקע גאס די סאליע"... [4]) איין פורם פאר סינגולאר און פּלוראל. „איין קרעל" און „א שנור קרעל". — [5]) ז' 113. — [6]) מה"ד louge (לעק' 151), נה"ד lauge. — [7]) 184. —

אובער פונוואַנען נעמט זיך די אויסשפּראַך אין ביאַלובזשעג, פּיליוו, לענטשני, וויערושוו, ווישקוו, מישיניעץ, ווו מ׳רעדט קיין רוסיש נישט?

אין לובלין: „אולי”, אין סוכאַטשוו: „אילי”.

4) אין ראַדין (לובל. ג.), אין וועגנערוווי: ליעכט, ליעכטיק (ליכט, ליכטיק); — אין פּראַשניץ: שליאַכט (מלחמהשלאַכט); — אין סקערניעוויץ: וואַליגערן; אין לובלין: וואַליגאַרן. —

זול אין די ביישפּילען די פּאַלאַטאַליזירונג פון ל זיין רעגרעסיווע אַסימילאַציעווירקונג פון די גימענלויטען כ, ג?

אין „שליאַכט” איז אפשר אויך מעגליך איינצוזיין אַנאַלאָגיעבילדונג צום פּוילישען szlachtować (קוילען)? —

לויטגעזעצליכע פּאַלאַטאַליזירונג.

§ 35 — [דאָס פיזיאָלאָגישע וועגען קל, גל]. — די וויכטיקסטע דערשיינונגען פון לויטגעזעצליכער פּאַלאַטאַליזירונג זענען פאַר אונז נאָך k, g. די פּאַלאַטאַליזירונג פון l ווערט נאָך די דערמאַנטע עקספּלאָזיוולויטען אַרויסגערופען דורך דער אַרט פון זייער אַרטיקולאַציע. —

1) באַ בילדונג פון k, g פּרעסט זיך דער מיטעלער טייל פון דער צונג צו צום האַרטען גימען (פּאַלאַטאַלע עקספּלאָזיוולויטען), אודער דער טיפערער טייל פון דער צונג צום ווייכען גימען (וועלאַרע ק, ג). דער שפּיץ-צונג רירט דערביי זייער לייכט אָן די וואָרצלען פון די אונטערשטע שניידציין. שנעל צונעמענדיק די צונג פון גימען, לוזט מען די לופט אויסשיסען דורך דעם אופענעם מונדקאַנאַל.

2) אין גרעסטען טייל פון די פּוילישע מ״מ און אין אייניקע דרום-רוסלענדישע ליגט די אַרטיקולאַציעשטעלע פון ק און ג ווי אַף דער גרענעץ פון ווייכען און האַרטען גימען, מער אַפ׳ן האַרטען. אַף אַרויסצוגעבען אין דידוזיקע מ״מ ריינעם ל נאָך k אודער g, וואָלט די צונג געמוזט, גלייך נאָך דער פאַרענדיגונג פון דעם גימענלויט, אינגאַנצען אָפּטיילען זיך פון האַרטען גימען און איבערטראָגען דעם שפּיץ אַף די אייבערשטע שניידציין.

דאָס איז, אובער, נישט אַזוי גרינג, און צוליב באַקוועמליכקייט פון דער אויסשפּראַך ענדערט דער ל זיין אַרטיקולאַציעשטעלע, אַסימילירענדיק זיך, אויב מ׳קען דאָ געברויכען דעם אויסדרוק, מיט׳ן ק או-

דער ג. די נייַע אַרטיקולאַציע פֿון ל איז כמעט די־אייגענע, וואָס פֿון די עקספּלאָזיוולויטען, נאָר עטוואָס מאָדיפֿיצירט: די צונג באַרירט מיט'ן רוקען דעם האַרטען גימען אַף אַ גרעסערן שטח — צו די אייבערשטע שנייַדציין צו, — און דער שפּיץ אירער דריקט זיך שטאַרקער צו צו די וואָרצלען פֿון די אונטערשטע שנייַדציין.

א נ מ ע ר ק ו נ ג. — דער שפּיץ פֿון דער צונג, בײַם אַנטשטיין פֿון לי נאָך ק, ג, מ ו ז בלייַבען אַף די אונטערשטע ציין, ווייַל אַנדערש וואָלט פֿאַרשטעלט געוואָרען דער מונדקאַנאַל, און די לופֿט, וואָס בילדט די דערמאַנטע גימענלויטען וואָלט נישט געקענט ווי געהעריק פֿרייַ אויסשיסען.

3) די געענדערטע אַרטיקולאַציעשטעלע פֿון ל נאָך די גימענעקספּלאָזיוולויטען איז, אַלזאָ, אַ נ אַ ט י ר ל י כ ע פֿ אָ ר ט ז ע צ ו נ ג פֿון זייער אַרטיקולאַציעשטעלע. די פֿאַרבינדונגען קלי, גלי ווערען, דעריבער, אויסגעשפּראָכען אייגענטליך, קען מען זאָגען, ווי א י י ן צוזאַמענגעזעצטער לויט, שלאַנק און ווייך.

א נ מ ע ר ק ו נ ג. — מענטשען, וואָס רעדען שלעכט, ברענגען אַרויס ל נאָך k, g, אַריבערטראָגענדיק דעם שפּיץ־צונג אַף די אייבערשטע שנייַדציין. דער מונדקאַנאַל ווערט אַזוי אַרומער פֿאַרשטעלט, נאָך איידער דער עקספּלאָזיוולויט איז אינגאַנצען פֿאַרענדיקט. די לופֿט מוז אַרויסגעשטופּט ווערען דורך די שמאָלע שפּאַרעס צווישען די צונגרענדער און די אייבערשטע באַקציין. דערצו איז נייטיק אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג פֿון גורגל און פֿון די צונגרענדער, און צווישען ק אָדער ג און ל לאָזט זיך דערהערען אַ דייטליכער קנאַק, אַ הילכיקער צווישענרויש. דאָס מאַכט די אויסשפּראַך נישט עסטעטיש.

אַזאַ אויסשפּראַך איז מיר אויסגעקומען צו הערען פֿון עטליכע ג ר ו י ס ב י א ל ע ר[1]. נאָר צי איז דאָס זייער אינדיווידועלער פֿעילער אָדער אַלגעמיינע אייגענשאַפֿט פֿון דער גרויסביאַלער מונדאַרט, דאַרף נאָך נאָכגעפֿאָרשט ווערען. —

§ 36 — [די געאָגראַפֿישע גרענעצען פֿון קלי, גלי]. — 1) אין וו אַ ר ש ע ווערט ל נאָך ק אָדער ג פּאַלאַטאַליזירט אין יעדער שטעלונג:

a) וו אָ ר ט - א י י ן: קליוץ, קליאַמקע, קלייפּע[2], קליאַין, קליאַע[3], קליעמע[4], קליעיבם, קליעירן; גלייק, גליאָעס, גליוק, גליאַך, גליאַט, גליעיבם, גליאַנצן, גליוצן; —

---

[1]) Бѣла, Biała (בעלמער ג.). — [2]) ה ע ב ר ע י ש: קליפּה. — [3]) קלאָר. — [4]) קלעמען. —

b) ווארט-אויס: פעקלˡ, רעקלˡ, פלעקלˡ, גליעקלˡ, שטעקלˡ, זעקלˡ, העקלˡ, דעקלˡ, פיסקלˡ, ביסקלˡ [1]); שפיגלˡ, פויגלˡ, גורגלˡ, טעיגלˡ [2]), דעיגלˡ, רעיגלˡ [3]); —

c) ווארט-אין: פעקליוך, רעקליוך, פלעקליוך, גליעקליוך; עינגליאַנד [4]). —

2) דאַסאַיגענע — אין גרעסטען טייל פון די פּוילישע מ״מ — אין סוכאַטשאָוו, וויסקיט, ניישטעיטל, בערזשין, ווישעגרוד, לובלין, פּי-ליוו, יוזעפאָוו, ליקיווי, קאַליש, וויערושאָוו א. א. ה., — און אין געוויסע דרום-רוסלענדישע — אין וועגנערוווי, גרויס-ביאַלי, סוקעלווי, טורטשין, קרעמעניץ, בערעזדיוו (נאָוואָגראַדוואָלינ. א.). —

אַנמערקונג. — אין די מ״מ, וואָס פּאַלאַטאַליזירען ל נאָך ק, ג, בלייבט ער פאַר דירוזיקע גימענלויטען אָהן ענדערונג. —

3) נישט פּאַלאַטאַליזירט נאָך די גימענעקספּלאָזיוולויטען איז דער ɫ:

א) אין גרעסטען טייל פון די ליטווישע מ״מ — למשל, אין לומזע, סטאַוויסק, אוסטראָווי, קוליני, מישיניעץ (לומז. ג.), וואָלקאָווישקי (סוואַלק. ג.), טשעריקוו, זולוטונושי, א. א. וו.; —

ב) אין איינִיקע דרום-רוסלענדישע — אין אוסטרע, סטע-פּאַנצי, אַלשומער, ריזשאַן;

ג) אויס די פּוילישע — אין דער סומפּולנער, אין דער מאַקאָ-ווער (לומז. ג.);

ד) אין דערווישקעווער מ׳. —

4) אין איינִיקע מ״מ, דערהויפּט ליטווישע: — למשל, אין סקידל, אין פּולונקע, — איז דער l נאָך k און g ווי קוים-קוים פּאַלאַטאַליזירט. אובער טאַקי נישט מער ווי קוים-קוים. ער איז נאָנ-טער צום פּוילישען ł ווי צו l, נור דוך גערירט מיט דער ווייכקייט פון לעצטען. די אַרטיקולאַציעשטעלע זיינע: צווישען דער, וואָס אין 2-טען פונקט פון § 30, און דער, וואָס אין § 32 אָנגעוויזען. —

§ 37 — ɫל פאַר׳ן סופיקס -כען. — 1) אין סומפּולני, ווו ɫ נאָך ק או-דער ג בלייבט, ווי געזאָגט, ריין [5]), ווערט פאַר דעם אולטראַפּאַלאַטאַלען

---

[1]) ערהערב (פון ביז). — [2]) דעמינ. פון טאָג. — [3]) העברעיש: רֶגֶל, רֶגֶל. — [4]) אובער: לאַנד. — [5]) לויט דער רוסישער טערמינולוגיע: „האַוט״. —

ch פון דעם דעמינוטיווסופיקס =כע דער ליקוויד יו פּאַלאַטאַליזירט[1]:

a) צווישען g און ch — שטענדיק, — שפּיגילכע, באַי-גילכע [ווי „זאַמעלביכער" II 320];

b) אין אַנדערע פאַלען — ווי אַמאָל, — „אַרבילכע", אָבער „טרענדעלכע"; עס עקזיסטירען אויך פּאַראַלעלע פאָרמען: „זע-מעלכע, טיכעלכע" און „זעמעלכע, טיכעלכע". —

2) די אַרטיקולאַציעשטעלע פון סאָמפאָלנער לי פאַר =כע: צווישען דער פון § 30 (פ. 2) און דער פון § 32. —

זילבענבילדענדיקער l

§ 38 — 1) אין אַלע יידישע מ"מ בילדט l (דער רייינער און דער פּאַלאַטאַליזיר-טער), אָהן וואָקאַל פאַר זיך, אַ זילב (אַ אומבאַטאָנטע וואָרט-אויס). מ'באַצאַי-כענט דעם זילבישען l: ל̥ (l̥).

אַזוי[2]: אַרבל̥, שפּיגל̥, דרעידל̥, רעיוול̥[3], הייזל̥, היטל̥, לעכל̥, קעמל̥, פּיסל̥, קעפּל̥, לעפל̥, קעצל̥, רעקל̥, פּאָרל̥, טישל̥.

2) זילבענבילדענדיקער l קען נישט קומען: נאָך j, l און n.

אָנמערקונג. — דערפאַר, אין די מ"מ[4], וואָס בילדען דעמינוטיווא מיט דעם סופיקס -ל, קומט צווישען אויסלויט-נ פון נומען און דעם -ל אַ ד, אודער דער נ פאַלט לגמרי אַרויס. — אַזוי, אין קרעמעניץ, לומיר אָנכאַפּען: קענדל̥, פּענדל̥, שפּעינדל̥, צעינדל̥, פּעינדל̥, עינדל̥, אינדל̥, רעיגנדל̥ — און: קעסטל̥, פלעקל̥, קיכל̥, שטעקל̥[5].

---

[1]) לויט דער רוסישער טערמינאָלאָגיע: „פּאַרוויכט". — [2]) די ביישפּילען זענען געבראַכט אין ליטעראַרישער אויסלייגונג. — [3]) דעמינ. פון „רב". — [4]) וועגען גאַליציע זעה: „Das deminutivum der galizisch-jüdischen Mundart", Von A. Landau [„Deutsche Mundarten"... B. I, H. I, s. 47]. — דעם דעמינוטיווסופיקס -ל הובען די מ"מ פון די שטעדט: קרעמעניץ, בערדיטשעוו, קריוואָזיר, לוצק, טורטשין, גרויס-ביאַלי, וועגנערווי, ריזשאַן, וויש-קוו; וואַרשע, לובלין, פּיליוו, יוזעפאָוו, וויערושאָוו, ווישעגראָד א. א. וו. — אין ווישע-גראָד פאַראַן ווערטער, וואָס בילדען פּאַראַלעלע דעמינוטיווא מיט -ל און מיט -כע; אַנדערע בילדען דאָרט די פאַרקלענערונגספאָרם בלויז מיט -ל אודער בלויז מיט -כע. —

[5]) פון: קאַן (צו וואַסער), פּאַן, שפּאַן, צאָן, פּאָן, אָן (האָן), לן (הון), רעיגן, קאַסטן, פלוקן, קיכן (קוכן), שטעקן. —

3) אויך אין העברעישע ווערטער איז ל (אין פרייען אויסלויט נאָך קאָנסאָנאַנט) זילבענבילדענדיק.

ווי (אין דער קרעמעניצער אויסשפּראַך): מאַזל, מוילל, מאַכל, מעכל, דעיגל, רעיגל [1]) וכ׳. —

4) וועגען סאָנאַנטישען טייל פון זילבישען l לוזט זיך זאָגען דאָסאייגענע, וואָס וועגען דעם סאָנאַנטישען עלעמענט פון זילבענבילדענדיקען r (זיי אויבען § 2, פ׳ 4).

5) l בלייבט זילבענבילדענדיק, אפילו ווען ס׳ווערען נאָך אים צוגעזעצט צום וואָרט כלערליי ענדונגען, אודער אַ צווייט קאָמפּאָזיציעגליד, נאַטירליך — מיט קאָנסאָנאַנטישען אָנלויט.

אזוי (אין דער קרעמעניצער מ׳ געגנטען): מיידל — דעים מעידלס (געניט. סינג.); פויגל — פויגלדיק (אדווערב); מזל — מזלדיק; יפל (אדווערב) — דעיאַ יפלטאַ (אדווערביאַלער אדיעקט); עך קיצל — די קיצלסט — עיאַ קיצלט; קנובל — קנובלריה, וכ׳. —

6) אַ צוגעקומענע ענדונג מיט וואָקאַלישען אָנלויט נעמט צו באַם l זיין זילבענבילדענדיקע רולע.

למשל (אין וואַרשעווער טראַנסקריפּציע געגנומען): מיידל—מיידלוך (מ״צ).

7) זילבענבילדענדיקער n נאָך זילבענבילדענדיקען l גיט-צו דעם ליקוויד און נעמט אויך אַליין אָן קאָנסאָנאַנטישע פונקציע.

אין קרעמעניץ (אַלס ביישפּיל): עך קיצל, אובער — קיצלין (אינפינ.), קיצלינדיק (פּאַרטיציפּ. פּרעז.); פידל (נומען) — פידלין (ווערב).

אָנמערקונג. — אַ טיפער אונטערשיד צווישען דעם יידישען און דעם דייטשישען. נה״ד: [2]) fiedeln, [3]) kitzeln א. אַ. וו. — אַקעגען דער דייטשישער אומבאַטאָנטער זילב -el- פון די געבראַכטע און ענליכע ביישפּילען — אין דער יידישער שפּראַך תמיד: -לע- (עווענטועל: -לי-).

אין דעמדוזיקען -לע- קען מען אפשר איינזיין דערשיינונג פון מעטאַטעזיס [4]) (§ 29, פ. 1): וואָקאַל (אודער סאָנאַנטישער טייל פון ליקוויד) און קאָנסאָנאַנט (אייגענטליך, סאָנאָרלויט) זיך געביטען מיט די ערטער —

---

[1]) מזל, מוחל, מאכל, מיכל (אייגענ.נאָמען), דגל, רגל. — [2]) מה״ד (לעק׳ 341): Videlen. — [3]) אויך מה״ד (לעק׳ 124). — [4]) אין ברייטען זין. אין ענגען זין באַצייכענט מען מיט דעם טערמין דאָס בייטען זיך מיט די ערטער פון קאָנסאָנאַנטען [למשל, אין ושיבלין הוב איך געהערט: שחד אַנשטאָט חשד]. —

8) פאַר'ן דעמינוטיוו־סופיקס ־כע פאַרלירט דער סומפּולנער לֿ טייל וואָס זיין זילבנבילדנדיקן כאַראַקטער (זיי „זאַמלביכער" II 320). —

9) די ווערבאַלע פאָרם „זו עלֿ" [1]) פאַרלירט אין גרעסטן טייל פון די פּוילישע מ"מ און אין אַ סך דרום־רוסלענדישע דעם אַנלויט־w. ענקליטיש, נאָך אַ וואָרט מיט קאָנסאָנאַנטישן אויסלויט (געוויינטלעך, איז עס פערזענלעכ. פּראָנ. פון 1־טער פּ.) ווערט די זילב „עלֿ" אָן אויך דעם וואָקאַל, און ן בילדט אַ זילב מיט'ן פריערגייענדיקן וואָרט.

אזוי: „עכ' ל [2]) גען", „כ' ל [2]) עסן" (קרעמעניץ); יעכ' ל [2]) טאָן (לובלין), וכ'. —

אָפּשוואַכונג און וואָקאַליזירונג פון l.

§ 39 — [ל—לייכטער לויט]. — 1) די ליקווידע ווערן פאַרעכנט צו די לייכטסטע קאָנסאָנאַנטן [3]).

2) אַמלייכטסטען איז דער יידישער ן־לויט אין די פּוילישע מ"מ.

3) אַמווייניקסטן שטאַנדהאַפטיק איז דער ן פון אייניקע ליטווישע מ"מ (אין צפון־טייל פון לומזער גוב').

דער פּויליש־יידישער l.

§ 40 — [אַלגעמיינס]. — 1) דער פּויליש־יידישער ן האַלט זיך אים אַלגעמיין פעסט, ווערט אַרטיקולירט בולט און דייטלעך, הגם זיין אויסשפּראַך איז מילד (§ 30, פּ. 2).

2) אָפּגעשוואַכט, אָדער וואָקאַליזירט ווערט נור דער ריינער, ד. ה. דער האַרטער לֿ, און נור אין אויסלויט פון וואָרט.

3) דערביי עקזיסטירט אין דער הינזיכט אַ אונטערשייד צווישן נישטזילבנבילדנדיקן און זילבישן ן:

a) דער ערשטער ווערט בלויז אָפּגעשוואַכט, אי דאָס נישט שטאַרק, און נור אין אַ באַגרענצטער צאָל פּוילישע מ"מ;

b) דער צווייטער ווערט אויך וואָקאַליזירט, און אין אַ ברייטערן קרייז מ"מ. —

[1]) ערשטע פּערזאָן סינגולאַרים פוטורי פון הילפסווערב „זיין". — [2]) איך וועל. — [3]) זיי ווילמאַננס I 298. —

§ 41 — [דער פוילישער נישט־זילבנבילדענדיקער ל]. — ער ווערט אפגעשוואכט:
1) אין קאליש, אלס אויסלויט פון אומבאטאנטער ענדזילב, וואס איז געבילדעט דורך א סווארא־באהאקטי־וואקאל, וועלכער הוט זיך אנט־וויקעלט נאך דיפטונג, — ווי: מ ו ע ל, ק ו ע ל [ווי „זאמלביכער" II 312];
2) אין פ י ל י ו, ווארט־אויס נאך דער איבערלענג ô, — ווי צ. ב.: מ ו ל, ק ו ל [דער ל איז נאך „קאנסאנאנטיש", אובער זייער לייכט און דורכזיכטיק, קוים צו פארנעמען מיט'ן אויער]. —

§ 42 — [דער פוילישער זילבישער ל]. — 1) אין ווי ע ר ו ש ו ו איז ער דייט־ליך קאנסאנאנטיש, נור שוואכליך, מיט פארלוסט אין געוויכט. אמלייכט־סטען, ווי אף דער העלפט שוין וואקאליזירט, איז ער נאך אלע לאביאלע, דערהויפט נאך m.
2) אין מ א ק ו ו (לומז. ג.) זענען די פארהעלטענישען אזוי:
a) אמשטארקסטען האלט זיך דער ל̥ נאך די ד ע נ ט א ל ע, נאך וועלכע ער פארלירט בלויז קוים־קוים אין פולקייט. — טווי[1]: אאטל̥[2], ענטל̥[3], מאידל̥[4], אאזל̥, טאאזל̥, מאאזל̥[5];
b) נאך די ג ו ט ו ר א ל ע און נאך r איז ער א סך שוואכער: פ א א ק ל̥[6], י א א נ ק ל̥, פ א א ר ל̥[7]. — אלס דריטע זילב נאך דעם הויכטון — גאר אויפגעלייזט, כמעט וואקאליזירט (אין u): מ א א ל ע כ ו[8], מ י ל ע כ ו[9], ק א א ל ע כ ו[10], ש פ י ל ע כ ו;

---

[1]) די ביישפילען געזעצט מיט ק ו ל ו נ ע ל; בלויז די ל־לויטען מיט צ י צ ע ר ו, וואס איז אף א האר קלענער פון דער ערשטער שריפט. — [2]) דעמינ. פון ווט (הויט); אימינוטיוו: אאטעלו. — [3]) דעמינ. פון אנט (האנט); מ'זאגט אין מאקוו: „א קליין ע נ ט ל", אובער „א קלאינטשיק ע נ ט ע ל ו". — [4]) וווּלגאר געברויכט מען: מווט. — [5]) דעמינ. פון ווס, טווס, מווס (הויז, טויז, מויז); אימינוטיווא: אאזעלו, טאאזעלו, מאאזעלו. — [6]) דעם. פון פווק (פויק); אימינ.: פאאקעלו. — [7]) דעם. פון פוור (פויער); פעמינ.: פוורטי. — [8]) דער פעטיט־] איבערן ו — אויסצודרוקען די נישט פולשטענדיקע אויפלייזונג. — [9]) דעם. פון מוול (מויל), מיל; מ"צ פון דעם': מאאלעכלעך, מילעכלעך. — [10]) דעם. פון קוול [א) קויל צום שיסען; ב) קוגעל (דאס לעצטע ווארט אין מאקוו אומבאקאנט)]; דער סינגולאר פון דעם' זעלטען געברויכט; עפטער דער פלוראל: קאאלעכלעך; אלס סינגולאר פאפולערער אין מאקוו: קאאלטיע. —

c) כמעט וואָקאַל, בלויז מִיט אַ פִּינטעל פון ן, הערען מִיר אויך נאָך אַלע לִיפּענלויטען: קעפּוֹ[1], שאַאַבוֹ[2], שראַאַפּוֹ[3], זאַאַנוֹו. — אַמנאַנטסטען צו u אִיז דער לויט נאָך דעם לאַבִּיאַלען נאַזאַל: באַימוֹ[4]. —

3) אִין דער סוֹמפּוֹלנער מונדאַרט, וועלכע אִיז אִיבּערהויפּט זײער סובטעל, אִיז דער ן בכלל באַזונדערס לינד, פֿײַן, — דער ל̥[5], דערִיבּער, נוך שוואַכער און לײַכטער:

a) לִיקווִיד, הגם זײער גרִינגער און דורכזִיכטִיקער, הערט זִיך נאָך דִי צאָנלויטען און נאָך r: — שלִיסל̥, פּעירל̥, וכו׳;

b) נאָך דִי לאַבִּיאַלע עקספּלוזִיווען און ספִּירַאַנטען אִיז ער שוין וואָקאַלִיזִירט אִין גרעסטען טײל פון זײַן קוואַנטִיטעט, נור זײַן נאַטור, אַלס „קוֹנסוֹנאַנט“, שפִּירט זִיך נוך. רִיכטִיקער וועט, דערִיבּער, זײַן אויסצולײגען: אַרבוֹ, קנוֹבוֹ. — אִין דרִיטער זִילב נאָכ'ן הויכטוֹן וועט שוין גִישט רִיזִיקאַלִיש זײַן צו שרײַבען: שוואָרצאַפּוֹ (הגם אויך שוואָרצאַפּוֹ וועט נִישט זײַן נִישט געוויס);

c) נאָך ג און מ — u; דער סִימן-הגזע שפִּירט זִיך נִישט מער, ווִי קוים-קוים: — גוֹרגוּ, שפִּיגוּ, הִימוּ, זעמוּ[6]. —

4) ווײַטער נוך, אִין אַ געווִיסער מאָס, גײט דער פּרוֹצעס פון אָפּשוואַכונג און וואָקאַלִיזִירונג באַם יוזעפוֹווער (לובל. ג.) ל̥:

a) אויך דאָ האַלט זִיך דער לִיקווִיד אַמפעסטסטען נאָך דִי דענטאַלע, נאָך וועלכע ער אִיז דײַטלִיכער זוגאַר, ווִי אִין דער סוֹמ-

[1]) דעמ׳ פון קופּ. — [2]) דעמ׳ פון שוופּ (מ״צ שווּבּם); אִימִינג.: שאַאַבּעלוֹ. — [3]) דעמ׳ פון שרוֹף (מ״צ שרוופן); אִימִינג.: שראַאַפּעלוֹ (מ״צ שראַאַפּעלעך). — [4]) דער סִימן-הגזע שפִּירט זִיך פורט אִין דער אויסשפּראַך. אִימִינג.: באַימעלוֹ (פון בוים). — [5]) דער זִילבִּישער ן אִיז דורט, זול דאָ אָנגעמערקט ווערען, אײגענטלִיך נִישט שטאַרק פאַרשפּרײט, מחמת דער דעמִינוטִיווסופִיקס -ל אִיז אִין סוֹמפּוֹלנער לגמרי נִישט באַקאַנט. — [6]) דִי נאַטור פון ו (אויס ל) דרִיקט זִיך אויס אִין אַ באַזונדער מין רויקײט (האַרבקײט) פון דעם וואָקאַל, וועלכער אִיז נִישט אַזוי פלִיסִיק ווִי אַ „סאַמוֹרוֹדנע“ u. —

פּוילנער מונדאַרט; אַזוי: בראַיטל, רעידל, העינדל, פּעסל, האַזל, פּלעשל, קאַישלן[1], פּישל, טעצלן[2], פּלעצל; —

b) נאָך די לאַביאַלע, אובער, און נאָך ch און r איז דער ל פולשטענדיק שוין וואָקאַליזירט, הגם אין דעם רויען u, וואָס דער-שיינט אַף זיין אורט, שפּירט זיך מער-ווייניקער אַ פּינטעלע פון אויפ-געלייזטען l; — צ. ב.: קנעפּו, קעפּו, טאַאבו, שאָפּו[3], רעי-וו[4], פלאַאמו[5], באַאַכו, יאַאַכו[6], מאַאַלעכו[7], טירו[8], וכ'. —

אַנמערקונג. — אין יוזעפּוו: קנאַפּעלי ll פאַלאַטאַליזירט און נישט ווילביש, מיט e (רוסיש э פאר זיך). —

5) אין פּילוו:

a) נאָך די דענטאַלע איז ל פּיל שוואַכער, ווי אין דער יוזע-פאָווער מונדאַרט. ער הוט בלויז קוים-קוים קאָנסאָנאַנטישע נאַטור: ס'הערט זיך u, און וועלכען ס'שפּירט זיך נישט מער ווי אַ פּינטעלע פון l. אַמשוואַכסטען איז דער ווילבישער ליקוויד נאָך ש. — אַזוי: וועלטו, העלטו, נאַאַדו, בעעדו, רעידו, בעידו, העינדו[9], שפּעינדו, פעסו, האַאַזו, מאַאַזו, טעצו, פּלעשו, נאַאַדוטעשו, וכ';

b) נאָך די לאַביאַלע און נאָך כ און ר — פולשטענדיקער u (אירעאַלער, אובער ווילבערער). — הייסט עס: קעפּו קנ‧עפּו, קנ‧ובו, טאַאבו, שיפּו, וולווו[10], וועלווו[11], קנ‧עכו, ביכו[12], פאַארו, טירו, וכ'. —

6) אין וואַרשע — ווי אין פּילוו[13]. —

---

[1]) אייגענטליך זעלטען געברויכט. עפטער: קויבערו (פון קויבער). —

[2]) блюдце. טאַץ: א) подносъ; ב) קלעזמערישער אינסטרומענט. — [3]) העבר': שפל [„ס'איז שאָפּו" == ס'איז שלעכט]. — [4]) דעמינ' פון ראָאָף (רב). —

[5]) דעמינ' פון פלוום. — [6]) דעמינ. פון בווך, יווך. — [7]) „ פון מוול. —

[8]) ... פון טיע, טיע (טיר). — [9]) דעמ' פון פּאָעט (באָרד), ראָגט (ראָד), באָיט (באָד), האָין (האָן). — [10]) די אָפּשוואַכונג פון l אין אויסלויט פון דער ערש-טער זילב — ספּוראַדישע דערשיינונג. — [11]) דעמינוטיוו פונ'ם נאָמען וולף. —

[12]) דעמ' פון ביך. — [13]) אין „זאַמעלביכער" II, אין די „דיאַלעקטאָלאָגישע פּאַראַלעלען

קאָלינער l.

§ 43 — [געאָגראַפישעס]. — 1) אין איבעררישטען טייל פון לומזער גוב' ליגט אַ פּאַס, אין וועלכען די יידישע מ"מ (געגענדען אין קרייז פון ליטווישען דיאַלעקט) האָבען כמעט נישט קיין נאָרמאַלען l. דאָס געביט ציט זיך פון דרום-מערב קיין צפון-מזרח, און זיינע גרענעצען דאַרפען ערשט אונטערזוכט ווערען. פאָרלויפיג קען איך בלויז אָנווייזען, אַז מישיניעץ ליגט אויסערהאַלב דעם פּאַס; קאָלנע, שטוטשין[1]— אין איהם.

2) אַמנאָגסטען איז מיר אין דער הינזיכט באַקאַנט די קאָלינער מ', און פון איר וועט עס ווייטער גערעט ווערען. —

§ 44 — [נאָרמאַלער l-לויט אין קאָלנע]. — ער איז אַ זעלטענע דערשיינונג.

1) דייטליך, אָהן פגימות, אין אַלע שטעלונגען איז אין קאָלינע בלויז דער פּאַלאַטאַליזירטער l.

אָנמערקונג. — אויך אין די פּוילישע מ"מ, אין וועלכע ל' ווערט אָפּגעשוואַכט, אָדער וואָקאַליזירט, בלייבט ל' אין דער גאַנצער קראַפט, אָהן שינוי[2]. —

2) דער ריינער l ווערט אין קאָלינע נאָרמאַל (הגם עטוואָס בלאַסליך) אַרטיקולירט בלויז אין צוויי שטעלונגען:

א) צווישען וואָקאַל און ch; — צ. ב.: וועלכער, אַזעלכער, פעלכעלי, שטעלכעלי[3];

ב) צווישען ch און וואָקאַל; — למשל: ביכלאַך, טיכלאַך, קיכלאַך, שיכלאַך. —

§ 45 — [קאָלינער l']. — 1) אין דער קאָלינער מ' באַגעגענען מיר בלויז ספּאָראַדישע פּאַלאַטאַליזירונג פון l.

און באַמערקונגען", האָב איך אין וואַרשעווער דעמיגנוטיווא געשריבען: אויך נאָך רעגטאַלע: צוליב טעכנישער באַקוועמליכקייט (וועגען גענויקייט אין דעם כרט איז דורט נישט געגאַנגען, מחמת די הויפּט-טעמעס פון יענע נאָטיצען זענען געווען אַנדערע). —

[1] Szczuczyn. — [2] זיי אויבען § 40, פ' 2. — [3] עט' פון פעלשטאַל. —

ביישפּילען: ליאַליקי, פּליאַץ [1], פּ‏ליומפּ [2], בליומבי [3], בליונד [4], פליאַסטער [5], פליעיט [6], קליאַמקי [7], קליעי [8], פּאַליטאָ [9], פּוליצי, פּליוי [10], שאַל [11]. —

2) אַנ׳ אַרט פּאַלאַטאַליזירונג פון l (און פון אַנדערע קאָנסאָנאַנטען) קומט-פאָר אין די יידישע מ"מ פּאַר ? (i), וואָס באַלאַנגט, ווי באַקאַנט, צו די פּאַלאַטאַלע לויטען (באַ זיין בילדונג לעיגט זיך דער פאָדערשטער טייל פון דער צונג צו פון ביידע זייטען צום האַרטען גימען, דער שפּיץ פון דער צונג שטעלט זיך אָפּ אַף דער אינערליכער זייט פון די אונטערשטע שניידציין, און אין מיטען פון דער צונג לענג-אויס שניידט זיך איין אַ רינוועלע). דידוזיקע דערשיינונג װעלען מיר רופען: „קוואַזי־פּאַלאַטאַליזירונג”: די ווייכקייט פון וואָקאַל טראָגט זיך איבער דורך באַרירונג אַפ׳ן קאָנסאָנאַנט פאַר אים, און ס׳ווערט באַשאַפען די אילוזיע, אַז אויך דער קאָנסאָנאַנט איז ווייכליך. — דער קוואַזי־פּאַלאַטאַליזירטער l אין דער קולינער מ׳ געניסט נישט פון דער פּריווילעגירטער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך דורט דער l׳, און טיילט אים אַלגעמיין דעם גורל פון האַרטען l מיט אַלע זיינע דעפאָר-מירונגען און מעטאַמאָרפאָזען. —

§ 46 — [קולינער האַרטער l]. — 1) אויסער ווי פאַר און נאָך ch (§ 44, פּ׳ 2),

---

1) מיט l׳ — אַקעגען פּויליש plac (דייטש׳ Platz). —

2) אויך אין סקידל (גרודנ. ג.) מיט ווייכען l: פּל׳ומפּ. — אין וואַרשע, אין לובלין: פּלימפּ (ליפּשיץ 163, הורוויץ 75: פּלימפּ; האַרקאַווי 241, ביסקאָ 185: פּלומפּ; דרייזין 300: פּלומפּע). — אין קרעמעניץ — אָהן l: פּומפּי (הורוויץ 75, דרייזין 300: פּומפּע; ביסקאָ 185: פּומפּע און פּומפּ; האַרקאַווי 241: פּומפּ). — מה"ד (לעק׳ 189): pompe, pomp (לאַטייניש: pompa). — נה"ד (קלוגע 305 a): Pumpe. נעבענפאָרמען (אין די מורח-מיטעלדייטשישע ט"מ): plumpe, plumpfe (זיי גערזון 97). —

3) אויך אין סקידל: בל׳ומבי. אין וואַרשע, אין קרעמעניץ: בלומבי. אין לובלין: בלומבי. נה"ד (לאַטיינ., פראַנצ.) plombe (ט׳ 967); פּויל׳: plomba; רוס׳: пломба. — 4) l׳ — אַקעגען פּויליש blondyn [נה"ד blond (אַדיעקט׳)]. — 5) l׳ — אַקעגען פּויליש flaster. אין קרעמעניץ: פלאַסטאַ. — 6) l׳ — אַקעגען פּויל׳ flet (אָדער רוסישען флейта?). — 7) פּויליש: klamka. — 8) פּ׳ klej. — 9) אין קרעמעניץ: פּאַלטי; אין וואַרשע: פּאַל׳טן. פּויליש: palto, paleton. — 10) רוסיש: пуля. — 11) פּויל׳: szal. —

וועט איר אין קולינע דעם ל אין נורמאַלען, ד. ה. קלאָר אַרטיקולירטען און זיכערן געשטאַלט נישט הערען (אָהן אונטערשיד, צי איז דאָס וואָרט אַ יידישעס, אַ לשון-קודשס, צי אַ סלאַווישעס).

2) די סבות פון דער דערשיינונג דאַרף מען געוויס זוכען אין דער אַנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע פון די שפּראַכאָרגאַנען באַ דער יידישער באַפעלקערונג פון יענעם קאַנט (וואָרשיינליך, ווי מיר דאַכט זיך, לויט מיינע באָאָבאַכטונגען: אין געביי פון דער צונג).

אָנמערקונג. — אינטערעסאַנט: די קולינער יידישע פרויען רעדען בעסער אַרויס דעם l, ווי די מאַנסבילען [1]). —

3) די דעפאָרמירטע אויסשפּראַך פון קולינער האַרטען l לוזט זיך נישט כאַראַקטעריזירען אין איין פאָרמעל. זי איז פאַרשידען — לויט דער שטעלונג פון ליקוויד אין דער לויטגרופּע, ד. ה. אין וואָרט, זייענדיק שטאַרק אָפּהענגיק פון milieu, דערפון, צי שטייט דער l: —

a) צווישען וואָקאַלען;

b) אין פרייען אַנלויט (דערביי בלייבט נישט אָהן איינפלוס די פאַרב פון וואָקאַל נאָך אים);

c) אין פרייען אויסלויט (סוף-וואָרט);

d) אין געדעקטען אַנלויט וואָרט-איין (אין גרויסער אָפּהענגיקייט פון קאָנסאָנאַנט, וואָס פאַר'ן l);

e) צווישען קאָנסאָנאַנט און וואָקאַל וואָרט-איין;

f) אין געדעקטען אויסלויט פון זילב וואָרט-איין (נישט זילביש);

g) אין געדעקטען אויסלויט וואָרט-אויס (נישט זילביש);

h) אין געדעקטען אויסלויט, זילביש;

i) אין פרייען אויסלויט, זילביש. —

§ 47 — [קולינער ל צווישען וואָקאַלען]. — 1) דאָס איז אַ קאַטעגאָרישער l, אָבער עס פעלט אים דאָס רעליעפקייט, אויסדריקליכקייט, שלאַנקייט און דער גלאַנץ פון נאָרמאַלען ליקוויד. ער איז ווי צוגעפּלאַטשט אַביסעל און פאַרנעפּעלט. אַנדערש אויסגעדרוקט: ער איז נישטפאַרענדיגט און

[1]) אַזוי האָט מיך פאַרזיכערט ה' אל. לעוו אויס קולינע. —

אומגעלומפערט עטוואָס. — מיִר הערען איִם איִן אַזעלכע ווערטער, וויִ [1]):
כאַליִ, קאַליִ [2]), קעיליִם [3]), מאַילער, מאַיעכליִ [4]), געלעגען, וועליִשיִניִ [5]) (גיִס), עינדעליִ, איִנדעליִ [6]).

2) איִן דער אָנגעוויִזענער שטעלונג איִז דער קוליִנער ליִקוויִר אַמנאָנטסטען צום נורמאַלען ן, כוטש, וויִ געזאָגט, זייער פאַרשיִדען פון איִם. דערבייַ קען מען דוך באַ אויפמערקזאַמען אייַנהערען זיִך כאַפּען אויך איִן דעם ן צוויִשען ווקאַלען אַ געוויִסע (הגם זייער-זייער שוואַכע) נטיה אויפצולייזען זיִך איִן האַלבוואָקאַל וָ. —

§ 48 — [קוליִנער ל איִן פרייַען אַנלויט]. — 1) זיַין קוואַנטיִטאַטיִווע שטאַנדהאַפטיִקייט איִז שוואַכער, וויִ באַ דער שטעלונג צוויִשען ווקאַלען, און שטאַרקער עטוואָס איִז איִן איִם דיִ טענדענץ צו וואָקאַליִזיִרונג. דיִ ן-נאַטור פון דעם לויט הערט זיִך, אובער, נוך גענוג דייַטליִך, הגם ס'איִז דערבייַ שווער צו אונטערשיידען: ציִ איִז עס בלויז אָפּגעשוואַכטער, צושווימענער ליִקוויִד, ציִ „גל״ — אַ לויט איִן איִבערגאַנגסצושטאַנד (האַלב — קורצער ליִפּענ-u, האַלב — דעפורמיִרטער ן; ן, וואָס זיַין אָנלויט איִז שוין איִבערגעגאַנגען איִן ווקאַל, — זיַין אויסלויט, דאַגעגען, הוט נוך אייַנגעהאַלטען דיִ קונסונאַנטיִשע נאַטור).

2) ניִט אָהן אייַנפלוס, וויִ געזאָגט, בלייַבט אויך דיִ קלאַנגפאַרב פון ווקאַל, וואָס נאָכ'ן ן. פאַר דיִ ליִפּענווקאַלען (o, u) קען שוין באַם הערער קיין ספק ניִשט זיַין, אַז דער לויט, פון וועלכען ס'איִז דיִ רייד, הייבט זיִך אָן אַלס u; זיַין אויסלוזטייל (l) איִז, אובער, שוין שוואַכער. וויִ פאַר a, e, i.

3) צ. ב.: לאַנק — גלאַנק, לאַמעד — גלאַמעד, לעבם — גלעבם, לעיפן — גלעיפן, ליִביִ [7]) — גליִביִ;

---

[1]) דיִ בייַשפּיִלען געזעצט מיִט קולונעל; דיִ למוד'ן — מיִט ציִצערן: a) אָנצוּווייַזען דעם ניִשט גרויסען פאַרלוסט איִן געוויִכט פון ליִקוויִד; b) אויסצוטיילען דעם ל צוויִשען ווקאַלען פון דיִ ן-לויטען אויס דיִ וויַיטערדיִקע §§ און דערמיִט אונטערצושטרייַכען דיִ גראַדאַציִע, איִן וועלכער עס גייט דיִ דעפורמיִרונג פון ן. — [2]) חַלָה, כַּלָה. — [3]) פלוראַל פון העברעיִשען „קול״. — [4]) מ״צ און דעמ' פון מול (מויל). — [5]) איִן קרעמעניִץ: וועלטשיִניִ. [ליִפשיִץ 92, 132: „וועלטשן ניִסל״]. — [6]) דעמ' פון און (האָן) און און (הון). — [7]) = ליִבע. —

אובער: וֹלוזן, וֹלונגען [אִין אָנלויט — אַנטשידענער ו, נאָך וועלכען עס הערט זיך נִישט מער ווי אַ שטאַרק פִינטעל פון l]. —

3) דער קוואַנטִיטאַטִיווער אונטערשיד צווִישען l פון § 47 און l פון § 48 לוזט זיך גראַפִיש אַזוי מער ווענִיג פאָרשטעלען: לאַיאַך — לאַיאַך. —

§ 49 — [קולִינער ל אִין פרײַען אויסלויט]. — 1) ער אִיז אַף אַ האָר לִינדער פון l, וואָס צווִישען ווֹקאַלען, און די טענדענץ זִיך צו פאַרוואַנדלען אִין i̯ (נאָך i, e), אודער u̯ (נאָך a, o, u) אִיז אִין אִים עטוואָס בולטער, דערהויפט נאָך די טונקעלע ווֹקאַלען.

2) ווען מִיר שרײַבען: ווִיל, פעל, קרעל, שטאַל, מול, קול, פול, שול, שטול, — גִיבען מִיר די גענויע אויסשפראַך פון דעם שלוסלויט, אײַגענטלִיך, נִישט אִיבער: עס בלײַבט אומפאַרצײַכענט דער דראַנג פון l לגמרי צו בײַטען זײַן נאַטור.

3) אויסלעיגען, ווִידער: ווִי̯, פעי̯, קרעי̯, שטאַו̯, מוּו̯, קוּו̯, פוּו̯, שוּו̯, שטוּו̯, — וואָלט געווען נוך מער נִישט גענוי, וואָרום נִישט קוקענדִיק אַף די צורִיבענקײַט פון l, נִישט קוקענדִיק אַף די דײַטלִיכע סימנים פון אינִיווײַנִיקסטער אומוואַנדלונג אִין אִים, שפִירט זִיך נוך, אִין דער שטעלונג, זײַן נאַטור, אַלס לִיקווִיד, מִיט גענוגער קאַטעגורִישקײַט. —

§ 50 — [קולִינער ל אִין געדעקטען אָנלויט וורט-אײַן]. — l אָנהײב-ווארט נאָך אַנ'אַנדער קונסונאַנט הוט נִישט אִין קולִינע אײַן באַשטִימטען רעפרע-זענטאַט. דאָס בִילד ענדערט זיך נאָכ'ן קונסונאַנט נאָך, וואָס פאַר'ן לִיקווִיד, נִישט אָהן געווִיסער אָפּהענגִיקײַט אויך פון ווֹקאַל, וואָס נאָך אִים.

1) נאָך די דענטאַלע אִיז l מערסטענטײלס אויסדרִיקלִיכער, ווי נאָך אַנדערע קונסונאַנטען.

---

[1]) ערשטע און דרִיטע פערז' סִינג' אִינד' פרעז' פון „חעלן". — [2]) דער ו— פוילִישע קורץ. (מויל, קויל, פויל). —

a) די פאַרבינדונגען טל־, דל־, סל־, זל־, צל־ [1]) קומען גאָר
נישט פֿאָר אין קולינער יידיש. ווען איינע פון זיי וואַרפט זיך אין

---

[1]) די ערשטע צוויי פאַרבינדונגען זענען פרעמד דער גאַנצער יידישער שפּראַך, אין אַלע אירע דיאַלעקטען. האַרקאַווי 166 ברענגט: טלומאַטש, טלומאַטשען, — זענען דאָס פּויליש ע ווערטער: tłumacz, tłumaczyć, וואָס ווערן ווייניק געברויכט; פּאָפּולערישער זענען די פֿאָרמען, וועלכע מיר געפינען בא דעם וועלביקען אויטאָר: טולמאַטש (אויך בא ליפשיצן 102), טולמאַטשען, — ביידע מיט מעטאַטעזיס, ווי אין נה"ד Dolmetsch, dolmetschen (אויך גענומען פון סלאַווישען!) [דער מעטאַטעזיס לוזט זיך טאַקי דערמיט דערקלערען, וואָס די יידישע צונג (און די דייטשישע אויך) איז נישט געוויינט צו די פאַרבינדונגען טל, דל אָנהייב־וואָרט]. — בא ליפשיצן (104) קיין איין וואָרט מיט טל־. — ליפשיץ 76 נאָטירט: דליבעניגע („скучное дѣло“); אין קרעמעניץ זאָגט מען: דליבין (...„דעם עפּעל“, ...„דאָס הולץ“, ...„מיט'ן פינגער אין דער נאָז“); — פון די פּוילישע dłubanina (צווישען אַנדערע, אויך אין דער טייטש: „לאַנגוויליקע אַרבעט“), dłubać. — בא האַרקאַווין 118: דלוט, דלוטעווען [ליפשיץ 74: דולוטע; אין קרעמעניץ: דולוטו: (רוסיש: долото)]. — אויך מה"ד און נה"ד זענען די פאַרבינדונגען אומבאַקאַנט (לעקסער 267, 35; טיאַנדער 1259, 294 — קיין איינציק וואָרט, וואָס זול זיך אָנהייבען מיט tl-, dl-). —

אויך די פאַרבינדונגען סל־, זל־ זענען פרעמד דער יידישער שפּראַך (און דער נייהויבדייטשישער). sl- ווערט אין נה"ד געלייענט ווי schl- און הוט אַקעגען זיך אין דער יידישער שפּראַך של־. סל־ באַגעגענען מיר נור אין יענע יידישע פּיעסע (ליטווישע), וואָס הובען ס אַנשטאָט ש. — ליפשיץ 136: סלוי (פּויליש słoj), סלומבון [פון פּוילישען ślaban (אויס דעם דייטשישען Schlagbaum)?], סליוטע (פּ' słota), סליד (קליינרוסיש slid), סליגע (פּ' ślina), סליגען (פּ' ślinić), סליעדסטווע (רוסיש слѣдствiе), סליפ (פּ' słup), — אַלץ סלאַווישע ווערטער, ווי מיר זעען. — ליפשיץ 96: זלידניע (פּויליש złydzien, רוסיש злыдень). — האַרקאַווי 220: סלוי, סלוזשבע (רוס' служба, פּויל' służba), סלוזשען (רוסיש служить, פּויל' służyć), סלופּ, סלושען (= „סלוזשען“, נור מיט פּעציעלער טייטש), סליאַד (פּויל' ślad), סליוכּוטע (פון רוס' слякоть?) סליחה (העברעיש), סלימאַק (פּויל' ślimak, קליינרוסיש און ווייסרוס' слимакъ), סליגע, סליעפּאַק (פּויל' ślepak). — מיט זל־ בא האַרקאַווין (154) קיין איינציק וואָרט. — אינטערעסאַנט: אין לובלין: שלומאַק (= ślimak) מיט יידישען של־ אַקעגען פּויל' śl. —

דער מונדאַרט אַמאָל יי דורך — איז עס אין אַ העברעיִשען אָדער סלאַוויִשען וואָקאַבעל; אין אַ גרונטייִדיִש וואָרט — קיינמאָל ניִשט. — צ. ב.: סליִכע (סליחה), סלוי, סלופּ, זלאָב[1]), צלומיִם. — דער ל אין די ווערטער — קאַטעגאָריִשער ליִקוויִד, אַף אַ האָר בלויז אומקלאָרער, ווי צוויִשען וואָקאַלען (§ 47). פאַר o און u ווייזט ער אַרויס אַ טענדענץ (אַ שוואַכע, אפילו) איבערצוגיין אין ו̑.

b) מער דעפאָרמיִרט איז און אַ בולטערע נטיה אויסגעשפּראָכען צו ווערען אַלס ו̑ ווייזט-אַרויס דער קוליִנער ל אין דער פאַרביִנדונג של-. עס הערט זיִך נאָך ש אַ אומבאַשטיִמטער לויט, עפּעס ווי צוויִשען צוריִבענעם ל און אומדייטליִכען ו̑, פאַר די העלע וואָקאַלען — מיִט דעם איִבערגעוויִכט פון דעם ל-עלעמענט, פאַר די טונקעלע — מיִט דעם איִבערגעוויִכט פון דעם ו̑-עלעמענט. — ווען כ׳לעיג-אויס: פאַרשליִסן, שליִסו, שליִטן, שלעכט, שלעפּם, שלעיף, שלאַיִען, שלאַף, שלוגן, שלופּן, שלוקערצן, — גיִט דאָס גראַפיִשע ביִלד, נאַטיִרליִך, ניִשט איִבער די גענויע פיִזיִאָנאָמיִע פון דעם לויט, מיִט וועלכען מיִר באַשעפטיִקען זיִך דאָ. צו באַטאָנען די טענדענץ אויפצולייזען זיִך אין ו̑, וואָלט מען געקענט איִבער דעם פעטיִט-ל אַניִדערשטעלען אַ פעטיִט-ו̑; נור דאָס איז טעכניִש שווער, און מער ווי אַ אָנצוהערעניִש וואָלט עס אויך ניִשט געווען, ווייל די וויִרקליִכע אויסשפּראַך פון קוליִנער ל קען איִבערגעבען נור אַ פאָנאָגראַף: דאָס פאַפּיִר איז מער ווי אַ באַשרייבונג ניִשט איִמשטאַנד צו דערלאַנגען. —

2) נאָך די גוטוראַלע זענען די פאַרהעלטעניִשען אַזוי:

a) נאָך ג אָנהייב-וואָרט הערט זיִך דער ל קען מען זאָגען כמעט איִנגאַנצען אַזוי ווי נאָך ש: קאָנסאָנאַנטיִש נוך, אָבער שטאַרק אומדייטליִך, אין אַ צושטאַנד, וואָס קען כאַראַקטעריִזיִרט ווערען אַלס שוועל פון וואָקאַליִזיִרונג. די אומדייטליִכקייט שטייגט אין דער ריִכטונג פון גל- צו גלו-. — ביישפּיִלען: גליִטשן, גליִען, גלעיבם, גלעקו, גלאַיִך, גלאַנץ, גלוס, גלוק, גלוסטן.

דער אָנלויט צל- אומבאַקאַנט אין דער ייִדיִשער שפּראַך, אין דער טה״ד (לעקי 406), אין דער נה״ר (טיִאַנדער 1493), אין דער רוסיִשער און אין דער פּויליִשער (אין דער לעצטער איין וואָרט מיִט דער פאַרביִנדונג: cło). בא ליִפּשיִצן (179) און האַרקאַוויִן קיין איין וואָרט מיִט צל-.

1) פון פּויליִשען żłób, אָבער מיִט ספּעציִעלער באַטייטונג: אַ גרויסער יונג.

b) ווײַטער גײט די דעפורמירונג פון ליקוויד אין דער אַגלויט-פאַרבינדונג קל-. פאַר די העלע וואָקאַלען פאַרלירט ער פון אַ דריטעל ביז אַ העלפט, אויב ס'איז דערלויבט אַזוי צו מעסטען, פון זײַן געוויכט: קלינגען, קלעזמער, קלעידער, קלעינער, קלעצער, קלערן. — פאַר a וואָלט מען שוין געקענט אויסלײגען: קוֿאַפּם, קוֿאַפּטער, — ווען נישט דאָס פּינטעלע ל, וואָס לוזט זיך דוך נוך פאַרנעמען אין דעם לויט. — פאַר די טונקעלע וואָקאַלען הערט זיך וֿ אין אַ לײַכט הײַטעלע פון ל —: קוֿוּבם, קוֿוּץ, קוֿוּג, קוֿוּנג[1]. —

3) אַ ראַדיקאַלער אונטערשיד עקזיסטירט צווישען דער אויסשפּראַך פון קולינער ל נאָך די לאַביאָדענטאַלע און די בילאַביאַלע.

a) נאָך פּ איז ו מער ווי אַף די העלפט וואָקאַליזירט. די נאַטור פון דעם ליקוויד איז נישט אינגאַנצען נוך אָפּגעווישט, אובער דײַטליכער הערט זיך אין דעם לויט דער וואָקאַלישער עלעמענט. דער לעצטער לוזט זיך אויפּאַסען אַלס u אין אָנהײב פון איבערגאַנג אין u, אודער, אַנדערש דעפינירט: אַלס זײער לײַכטער וֿ-לויט (מיר וועלען פאַר אים געברויכען אַ פּעטיט-אות). — פּוֿלג, פּוֿלגו, פּוֿלען, פּוֿיקן, פּוֿעי[2], פּוֿעיש, פּוֿעק, פּוֿעשו, פּוֿאַך[3], פּוֿאַם, פּוֿאַנצן, פּוֿאַקס, פּוֿוּום, פּוֿוּקן.

---

1) די פאַרבינדונג כל- קומט אין יידישען כמעט לגמרי נישט פור. מיר זײען זי אין דער אינטעריעקציע „כלעיבם!‟ (ליפשיץ 100), וואָס איז, קענטיק, אַ קאָמפּאָזיטום (פון „כ' זאָל אַזוי לעיבם‟ — ?), און אין אײניקע ווערטער, וואָס זענען גענומען פון סלאַווישען אודער פון אַנדערע שפּראַכען, ווי (בײַ ליפשיצן 99—100): כליאַנען (?), כליאָפּען (רוסיש хлюпать), כליפּען (פּויל' chlipać, chłypać, רוס' хлипать); און (בײַ הארקאַווין 177): כלופּ (פּויל' chłop), כלופּוטע (רוס' хлопота), כלופּוטשען (רוס' хлопотать), כלופּסקע (אַדיעקט צו כלופּ), כלורופּורם, כלורופּורמירען (גריכ'-לאַטײַנ'). מה״ד קומט די פאַרבינדונג hl- נישט פור (לעק' 103), נה״ד — די פאַרבינדונג chl- (טיאַנדער 262 — 263). — ווען איר בעט אַ קולינער אײַך צו זאָגען אַ פרעמדוואָרט מיט כל- (כלופּ, כלורופּורם, למשל), הערט איר דעם ו (ווײַל נאָך ch אַלס גורמאַלען ליקוויד [הגם קוים-קוים בלײַבער, ווי אין דער פאַרבינדונג -כל- (ווי § 44, פּ' 2, סיגנע ב')]. — 2) סינגולאַר. — 3) פלאַכער טעלער, פלאַכע שיסעל, פלאַך וואַסער. —

נאָך w קומט אין קולינע | פאָר אין איין וואָרט: וולוטש-קי¹), — און איז מער נאָך אָפּגעשוואַכט, ווי נאָך f. —

b) פיל קאַפּריזישער איז די אויסשפּראַך פון קולינער l נאָך די בילאַביאַלע:

א) נאָך פּ הערט זיך אַ לויט צווישען ו און י (אייגענטליך, נאָענטער צו u, בלויז מיט אַ נייג צו u): מיט אַ פּינטעלע | — פּאַר a (דאָ וועלען מיר עברויכען, אַלס גראַפישען צייכען, דעם פּעטיט-u, איבערלאָזענדיק דעם |-מיטקלאַנג אָהן פאַרצייכנונג); מיט אַ זייער לייכט פּינטעלע | (נעמענדיק אַלס גראַפישען צייכען אַ פּעטיט-u, וועלען מיר דאָס פּינטעלע | נישט איבערגעבען אין גראַפישען בילד פון וואָרט) אָדער מיט אַ לייכטען ציטער פון r (שרייבען וועלען מיר: „רו") — פּאַר o; מיט אַ דייטליכען ציטער פון r (איבערגעבען וועלען מיר: „רו") — פּאַר u. — ווי צ. ב.: פּואַטשיק²), פּואַנקען³), פּואַצן; פּוידערן — פּרוידערן⁴), פּוטקי — פּרוטקי⁵); פּרוצ-לונג⁶) [זוגאַר: פּרוצלונג (באַם איבערחזרן דעם וואָקאַבעל עטליכע מאָל)].

---

¹) ליפשיץ 60, דרייזין 81: בליטשקע; האַרקאַווי 85 און 146: בלוצקע און וולוטשקע. (פּ' włóczka). — ²) פלאַטשיק. — ³) „פלאַנקען" [זיי אויך האַרקאַווי 240) ═ דעם קרעמעניצער פלויט (זיי אויך ליפשיץ 162, דרייזין 127, הורוויץ 74) און פאַרקן (ליפשיץ 155; האַרקאַווי 236, דרייזין 127, הורוויץ 71: פּאַרקאַן) [פּ' płot] [פּ' parkan]. מה"ד (לעק' 188): מ"צ פון planke (מיטעל-לאַטייניש: planca). — ⁴) פלאַצען, פלוידערן. — ⁵) „פלוטקי" (מ"צ: -יס) [אויך האַרקאַווי 240] ═ פּויליש płotka. אין קולינע — נעבנפאָרם: פּוטש (מ"צ: -יס) — פּרוטש [דרייזין 443: פלוטשקע] (נה"ד plötz). אין קרעמעניץ: פלוטיצי (ליפשיץ 162, דרייזין 443: פלוטעצע) ═ רוס' пл тиц [ס' איז אַ קליין ווייס פישעל: Cyprinus erythrophthalmus. — ⁶) פלוצלונג (אויך ביסקאָ 185). אין סקידל (גרודנ. ג.): פלוצלינק (האַרקאַווי 241: פלוצלינג). מענדעלי-מוכר-ספרים („פישקע דער קרומער" 67) געברויכט: פליצלינג (הורוויץ 74, דרייזין 64: פליצלונג!) און פלוצלים (אויך האַרקאַווי 241). אין קרעמעניץ: פליצים, פליצינג (ביידע בײַ ליפשיצן 163), [האַרקאַווי 241, ביסקאָ 185: פלוצים]. אין וואַרשע: פליצטהאַלבם, אין בערזשין: פליצטאַלבם [האַרקאַווי 241, ביסקאָ 185: פלוצטהאַלבען]. אין ראַדין (לובלינ. ג.): פליצניק [מעטאַטעזיס: -ני- אַנשטאָט -ין-]. גערזון (129) ברענגט פון „דײַטש. וו"ב" (VII, 1938): plözlingen, plötzling, plützling, plötzlich. —

ב) די פאַרבינדונג מל= קומט אין קוליִנער יידיש [ווי אין דער גאַנצער יידישער שפּראַך] פאָר נור אין העברעישע און אַנדערע פרעמדע ווערטער [1]. דער ל נאָך דעם לאַביאַלען נאַזאַל ווערט דאַן אויסגעשפּראָכען אַזוי, ווי נאָך p, מיט דעם איינעם אונטערשיד, אַז די נטיה איבערצוגיין אין ו לאָזט זיך אין דעם u (וואָס דערשיינט אַנשטאָט דעם ליקוויד) כמעט נישט קאָנסטאַטירען. — מואַמעד [2] (רעדוציִרטער u מיט פּינטעלע ל, מרוּכי [3]) [זוגאַר: מרוכי (מיט לינדען געכורכעלטען r)].

ג) נאָך קאָמפּליציִרטער איז די אויסשפּראַך פון ל נאָך דעם שטים-האַפּטיקען עקספּלאָזיוולויט. פאַר די העלע וואָקאַלען און פאַר a איז עס אַ לויט צווישען u און u [4], אין וועלכען ס'איז אַריינגעמישט נאָך אַנ'עלעמענט, וואָס לאָזט זיך אויפנעמען אי אַלס פּינטעלע I, אי אַלס פּינטעלע r (ווען נאָכ'ן שטאַמוואָקאַל גייט אַ צאַנלויט — איז עס גיכער אַ ל-אָפּקלאַנג, ווען אַ לאַביאַלער אָדער גוטוראַלער קאָנסאָנאַנט צי אַ וואָקאַל—איז עס דײַטליכער אַ r-אָפּקלאַנג): — בוינט, בולען, בויץ, בועך, בואַיבם, בואַט, בואַי, בואַס, בואַנק [5] [זוגאַר (בײַ קרעפטיקער אַרטיקולאַציע):

---

[1]) אויך אין דער מה"דײַטשישער (לעק' 167) און נה"דײַטשישער (טיאַנדער 873) שפּראַך איז די פאַרבינדונג ml, אַלס אַנלויט (וואָרט-אײַן), אומבאַקאַנט. — [2]) מְלַמֵד. — [3]) מְלוּכָה. — [4]) אייגענטליך u, אובער אויסגעשפּראָכען מיט קוים-קוים מורקפּיציִרטער האַלטונג פון די ליפּען. צו דער בילדונג פון ו ווערען די ליפּען לײַכט אויפגעשטעלט און פאַרמאַכט, אַזוי אַז עס בלײַבט צווישען זיי בלויז אַ קליינינקע עפענונג, אַ קײַלעכיק לעכעל, נישט גרעסער פון אַ אַרבעס (גוטמאַנן 87). u קומט-אַרויס, ווען מיר פאַרשמעלערן דעם מוילקאַנאַל, און מאַכען מער צו די ליפּען, ביז זיי באַגעגענען זיך לײַכט מיט דער הויט, און עס אַנטשטייט דאַדורך אַ גרינגער רײַבונגסגערויש (ווילמאַננס I 4). דער קוליִנער לויט, פון וועלכען מיר רעדען דאָ, איז אַ ו, אויסגעשפּראָכען אַזוי, אַז די ליפּען זענען מער צוגעמאַכט, ווי געוויינטליך (נישט אַף אַזוי פיל, עס זאָל אַנטשטיין דער רײַבונגסגערויש, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם u, נור אַף אַזויפיל, אַז דערדוזיקער רײַבונגסגערויש זאָל זיך שוין אָנהייבען צו פאָרמירען, ד. ה. עס זאָל זיך שוין אָנפאַנגען די אומוואַנדלונג פון וואָקאַל אין אומאָרגאַנען האַלבוואָקאַל). איך באַצייכען דעם לויט, ווי שוין פריער, מיט פּעטיט-u. — [5]) בלינד, בליען, בליץ, בלעך, בלײַבען, בלאַט, בלאַי, בלאַס, בלאַנק (רוסיש: бланкъ; בויגען פּאַפּיר מיט געדרוקטען טעקסט צו געוויסען ספּעציעלען געברויך). —

בּוּ̄לען, בּוּ̄נעך, בּרוּ̄אַיבּם, בּרוּ̄אַין]. — פאַר די טונקעלע וואָקאַלען הערט זיך: ṛ (באַ אָנגעשטרענגטער אויסשפּראַך מיט דער באַמיִונג ארויסצוגעבּן אַ נאָר־מאַלען ל), שוואַכער r (באַ נאַטירליכער ניטאָנגעשטרענגטער אויסשפּראַך). דאָס געגויִע פוֹנעטישע בּילד פון דעם לויט באַ פליסיקען רעדען: „רוּ̑". באַ קרעפטיקער אַר־טיקולאַציִע, אודער באַם איבּערחזרן דורכאַנאַנד עטליכע מאָל איין וואָרט, הערט זיך בּלויז מילדער געכוֹרכעלטער ṛ (שוואַכער פון קוליִנער אורגאַנישען r־לויט, אובער דייטליכער אומצווייִ־עלהאַפטיקער r): — בּוּזן — בּרוּזן — בּרוּ̑זן — בּרוּזן [1], בּוּטי — בּרוּטי — בּרוּ̑טי — בּרוּטי [2], בּרוּטער — בּרוּטער — בּרוּ̑טער — בּרוּטער [3], בּוּי — בּרוּי — בּרוּ̑י — בּרוּי [4], בּוּנדזשען — בּרוּנדזשען — בּרוּ̑נדזשען — בּרוּנדזשען [5], בּוּט — בּרוּט — בּרוּ̑ט — בּרוּט [6], בּוּמען — בּרוּמען — בּרוּ̑מען — בּרוּמען [7]. —

אָנמערקונג. — אין אייניקע דייטשישע מ״ם גייט ḷ איבּער אין ṛ (ווילמאַננס I 143). —

§ 51 — [קוליִנער ל אין געדעקטען אָנלויט וואָרט־אין]. — 1) ווען מ׳זאָגט דאָ: „געדעקטער אָנלויט", דרוקט מען דערמיט אויס, אַז בּיידע קאָנסאָנאַנ־טען — דער ליקוויד און זיין צודעקער — באַלאַנגען צו איין זילבּ, הענגען, אַזויצוזאָגען, אַף איין וואָקאַל, און ווערען, דעריבּער, אין רע־דען ענג צונויפגעפּרעסט, אַזוי אַז דער נישטליקוויד, אַלס שטאַרקערער, מוז צודריקען דעם ḷ, אַלס שוואַכערען לויט.

2) געדעקטען אָנלויט וואָרט־אין באַגעגענען מיר הויפּטזעכליך אין צייטווערטער מיט פאַרטיקלען, אין פאַרטיציפּיום פּרעטעריטי און אין כלערליי קאָמפּאָזיטאַ, — הייסט עס, אין אַזעלכע ווערטער, ווי [8]: פאַר־שלעפּם, צופלאַקערן, פאַרבּלייבּם [9], — געקלאַפּט, גע־גלייבּט, געפלאַצט, געבּליבּם, געפלאַקערט, געשלעפּט [10], — האַרצקלאַפּעניש, המנקלאַפּער, וואַנטשפּיגל, בּיר־פלאַש [11], וכ׳.

[1]) בּלוּזן (ווערבּ). — [2]) בּלוטי. — [3]) בּלוטער. — [4]) בּלוי. — [5]) בּלונ־זשען. — [6]) בּלוּט. — [7]) בּלוּמען. — [8]) אין אַלגעמיינער אויסלייגונג. — [9]) גע־לייענט: פאַר־שלעפּם, צו־פלאַקערן א. א. וו. — [10]) געלייענט: גע־קלאַפּט, גע־גלייבּט א. א. וו. — [11]) געלייענט: האַרץ־קלאַפּעניש א. א. וו. —

3) די אויסשפּראַך פון קוליִנער ן אין געדעקטען אָנלויט וואָרט-אין איז דיִאייגענע, וואָס אין געדעקטען אָנלויט וואָרט-אין (ווי § 50).—

§ 52 — [קוליִנער ל אין אָנלויט פון זילב וואָרט-אין נאָך קאָנסאָנאַנט]. — 1) דער קאָנסאָנאַנט געפינט זיך אין אויסלויט פון איין זילב און לייגט זיך צו אַן איר וואָקאַל (אפילו ווען ס׳ טיילט אים פון דעם וואָקאַל אָפּ אַנ׳אַנדער קאָנסאָנאַנט); דער ל עפענט די נאָכפולגענדיקע זילב. צווישען דעם ל און דעם קאָנסאָנאַנט, וואָס פאַר אים, איז אַזויאַרום נישטאָ די ענגע פאַרבינדונג, וואָס צווישען ל און זיין צודעקער אין די §§ 50—51. אַרויסצורעדען דעם ל אין אָנלויט פון אַ זילב וואָרט-אין נאָך אַ קאָנסאָנאַנט, וואָס שליסט די פריערדיקע זילב, איז, דעריבער, אָהן אַ פאַרגלייך גרינגער, ווי אין געדעקטען אָנלויט. דער שווערערער קאָנסאָנאַנט דריקט כמעט גאָר נישט, אַלענפאַלס זייער ווייניק, אַף דעם]¹).

2) דער ל אין דער שטעלונג, פון וועלכער ס׳איז די רייד אין דעם §, ווערט אים-אַלגעמיין אויסגעשפּראָכען אַ סך אויסדריקליכער, ווי אין געדעקטען אָנלויט (אין אַ סך פאַלען מער-ווייניקער נאָנט, קען מען זאָגען, צו דער אויסשפּראַך אין פרייען אָנלויט).

אַלזו:

a) אינגאַנצען ווי אין פרייען אָנלויט קלינגט דער ן נאָך r —:

ט יִ ר ל אַ ך — ט יִ ר וּ ל אַ ך, פּ וּ ר ל אַ ך — פּ וּ ר וּ ל אַ ך, פּ וּ ר ל אַ ך — פּ וּ ר וּ ל אַ ך, שׁ נ יִ ר ל אַ ך — שׁ נ יִ ר וּ ל אַ ך.

אָ נ מ ע ר ק וּ נ ג. — אומדייטליכער איז דער ל אין נומען בערלין (ס׳ הערט זיך אַ צוריבענער ליִקוויד אַף דער שוועל פון פולשטענדיקער אויפלייזונג אין ן): צוליב דעם, וואָס דער הויכטאָן פאַלט אַף די ענדזילב, דריקט דער r גענוג שטאַרק אַף דעם ל. --

b) נאָך די דענטאַלע איז די אויסשפּראַך פון ל נישט גלייך.

א) אַמדייטליכסטען איז דער ליִקוויד נאָך שׁ (אַ דאַנק דעם ch-עלעמענט,

---

¹) דעם קל, לומיר אָנכאַפּען, צי דעם פל איז, פאַרשטענדליך, שווערער אַרויסצורעדען אין קלאַ-פּם, גע-קלאַ-פּערי, פלאַ-נקען, גע-פלאַצט, ווי אין בענק-לאַך, ברעק-לאַך, קעפּ-לאַך, טעפּ-לאַך, וכ׳. —

וואָס שטעקט אין לעצטען ?) ; ער איז אין דער שטעלונג בלויז קוים-קוים אָפּגעשוואַכט אַקעגען דעם נאָרמאַלען, און קיין טענדענץ צו וואָקאַליזי-רען זיך לוזט זיך אין אים נישט באַמערקען: — טישלאַך, פלעשואַך, קעישלאַך (פאַרגלייך § 47, פ׳ 1) ;

ב) עטוואָס שוואַכער איז דער ל נאָך די איבעריקע ספּיראַנטען און נאָך ביידע אַפריקאַטען: — ביקסלאַך, געסלאַך, ניסלאַך, פעסלאַך, קעסלען, שיסלען, שליסלען, — גלעזלאַך, נעזלאַך, עיזלאַך, עיזלען, — טעצלאַך, פּועצלאַך, קליצלען, קעצלאַך, עודזלאַך ;

ג) אַמשוואַכסטען הערט זיך דער ל נאָך די עקספּלאָזיוולויטען (דער-הויפּט נאָך דעם שטימהאַפטיקען) . אין דער שטעלונג פאַרלירט ער, אין ציפערן אויסגעדריקט, ניין חלקים פון זיין געוויכט און לוזט זיך גי-כער אויפאַסען אַלס (נישט גענוג דייטליכער) ל (נאַטירליך, מיט אַקצענטיק פונטע-לע ל): בועטואַך, ברעטואַך, ווענטואַך, ענטואַך, רעשט-ואַך, — בערדואַך, דרעידואַך, מעידואַך, פודואָגי (מיט יִדִישער באַטאָנונג), פענדואַך, פערדואַך.

c) נאָך די גוטוראַלע עקספּלאָזיוולויטען איז ל זייער שוואַך מיט נטיה צו ו (דערהויפּט נאָך ג): — ברעקלאַך, גליקלאַך, גלעקלאַך, — פוגלען, שפּיגלען.

d) נאָך די לאַביודענטאַלע איז ל דייטליכער, ווי אין געדעק-טען אַנלויט וואָרט-איין, אָבער זייער שוואַך ; נאָך די בילאַביאַ-לע — נאָך שוואַכער (הגם אייך בולטער, ווי אין געדעקטען אַנלויט וואָרט-איין) : — שראַיפלאַך, — קנעפלאַך, קעפלאַך, קרעפלאַך, — בעב-לאַך, הייבלאַך, טייבלאַך, — קעמלאַך. —

§ 53 — [קולִנער ל אין געדעקטען אויסלויט וואָרט-איין]. — 1) מ׳דאַרף וואָרט-אין אונטערשיידען : a) ל אין ווירקליך-געדעקטען אויסלויט, און b) ל אין קוואַזי-געדעקטען אויסלויט.

2) ל אין ווירקליך-געדעקטען אויסלויט הובען מיר, ווען דער ליקוויד און דער קאָנסאָנאַנט, וואָס נאָך אים, געהערען צו איין זילב, וועלכע זיי שליסען. וואָרט-אין איז דאָס נור דאַן מעגליך, ווען די נאָכפאָלגענדיקע זילב הייבט זיך אָן קאָנסאָנאַנטיש, — מיט אַנדערע ווער-טער, ווען נאָכ׳ן ל קומען צוויי קאָנסאָנאַנטען : איינער, וואָס הענגט, איבער אים, אַף דעם וואָקאַל, וואָס פאַר׳ן ל, און נאָך איינער, וואָס

עפענט די צווייטע זילב.— אין קולינע ווערט דער ל אין אזא שטע-לונג איינגאנצען דערדריקט אלס קונסונאנט און הערט זיך אלס לייכטער ו:— וועודלאך, וועוטלאך, עודזלאך, שפעוטלאך[1].

3) ווען נאך ן געפינט זיך בלויז איין קונסונאנט, וואס געהערט אפילו צו דער שטאמזילב, און צו דערדרוזיקער זילב קומט-צו נוך איי-נע, מיט וואקאלישען אנלויט, גייט דער ל איבער פון ווירקליך-געדעק-טען אויסלויט אין קוואזי-געדעקטען: די נייצוגעקומענע זילב ציט-איבער דעם קונסונאנט, וואס נאך ל, צו זיך און ער ווערט איר אנ-לויט. דאס ברייגט דעם ל א באפרייונג פון דער דריקונג, וואס ער הוט גע-ליטען, כל זמן זיין שכן הוט, איבער אים, געקלעבט צום שטאמוואקאל. זיין אויסשפראך איז דאן אין קולינע גרינגער, ווי אין ווירקליך-געדעק-טען אויסלויט, נישט ווייט, קען מען זאגען, פון דער אויסשפראך אין פרייען אויסלויט (§ 49).— עס הערט זיך א לויט צווישען ו און ו [נאך די העלע וואקאלען — נאענטער צו (זייער לייכטען) ו, נאך די טונקעלע — צו ו]; דעם לויט באגלייט א גענוג-שטארקער קונסונאנטישער מיטקלאנג (אמשטארקסטען — פאר דענטאלע) — איבערבלייבעכץ פון דעפורמירטען ן. צ. ב.: שלוטן[2], געוטן[3], עוטער, קעוטער, קאוטער, קווטן[4], געשוווטן — וועודער, פעודער, — פאושער, — שמעוצן, עודזער[5], — קעונערו[6]; — מעוקן, פעוקער, וווקן, געמווקן, בווקי[7], — פווגן; — קעובער, זאובעדרוט, — עופן[8], בעופער, עופטער, — וועווועלער, כאווו,— פאומיסן, קאומען[9]. —

§ 54 — [קולינער ל אין געדעקטען אויסלויט וורט-אויס]. — 1) ער ווערט אויסגע-שפרוכען: ו (אייגענטליך, איז ער כמעט ו, בלויז מיט א העלע רייבגערויש, וואס ווייזט-אן אף אנהייב-איבערגאנג אין ו).

---

[1]) וועלדלעך, וועלטלעך, העלדזלעך, שפעלטלעך. — [2]) ליפשיץ 217, הורוויץ 98, דרייזין 570: שעלטן. הארקאווי 332, 339 ברייגגט דעם ווערב מיט י און מיט ע. — [3]) מ"צ פון געלט. — [4]) קולטן. — [5]) העלזער. — [6]) קעלנערל. — [7]) בגל-קע. — [8]) העלפן. — [9]) קלמן (מאנסבילשער נאמען).

2) שפור פון ל-קוואַליטעט לוזט זיך אין דעם האַלבוואָקאַל פאַר-נעמען בלויז פאַר ט און צ (קוים-קוים, אפילו) און פאַר כ (עטוואָס שטאַר-קער):—ער בלוט, אַלך (ער) שלוט, געוט, וועוט, דערצעיוט, געקוועוט, אַוט, קאַוט, וווּט, געוווּט,—אַוטס, זאַוטס, שמאַוטס, אווטס[1];—מלוך, קאַוך[2].

3) פאַר שטימהאַפטיקע דענטאַלע עקספּלאָזיוולויט (אפילו ווען ער איז פאַרשאַרפט (אין אויסלויט)) און פאַר די איבעריקע דענטאַלע, ווי אויך פאַר די גוטוראַלע און לאַביאַלע, הערט זיך אין ו קיין סימן פון ל-אָפּשטאַמונג שוין נישט:—וויוט, פעוט, וואַוט, גווט[3],—דו בלוסט[4], דו שלוסט;—פווק;—קאַופּ,—עופּט[5], וואַוף.—

4) פאַר נ איז דער לויט, וואָס דערשיינט אָנשטאָט דעם l, נאָך נאָענטער צו ו (דער u איז אַ איבערקורצער רעדוצירטער וואָקאַל). איך וועל דע-ריבער אויסלייגען: בלון, וועון, קוועון, עונט, געשוואון, טשוונט[6] (אַ לייכטינקער רייבגערויש באַלייט אויבער דעם ו דוך).—

§ 55 — [קולינער ל אין געדעקטען אויסלויט].— ער גייט-איבער אין ו, אַרום וועלכען עס שפּירט זיך נאָך גענוג דייטליך דאָס הייטעל פון זיך וואָקאַ-ליזירענדיקען ליקוויד.—צ. ב.: מאַזודיק, דו קלצוסט, ער קלצוטט[7].

אָנמערקונג.— אין שנעלען רעדן פאַרשווינט דער l-מיטקלאַנג, און ס׳הערט זיך אַ ריינער (אירעאַלער) ו.—

---

[1]) הולץ.— [2]) אין דער קולינער מונדאַרט אַקטוויקעלט זיך נישט (ווי דער פאַל איז אין די פוילישע מ״ם, למשל) קיין סופּראַבהאַקטיוואָקאַל צווישען דעם אויסלויט-ch און דעם קאָנסאָנאַנט, וואָס פאַר אים. די פאַרבינדונג -לך איז בכלל שווער אַרויסצורע-דען, און דערהויפּט נאָך דער קולינער צונג,—ווערט טאַקי: דער ל אין קולינע אויפגע-לייזט, אויבער, ווי מיר האָבען שוין אָנגעמערקט, די ל-קוואַליטעט פילט זיך אין דעם ו פאַר ch דוך. אַנדערש איז אין דער פאַרבינדונג -לכ-, ווען פון ביידע זייטען אירע גייען וואָקאַלען: דעמאָלט געהערט דער ליקוויד צו איין זילב, דער גוטוראַלער לויט צו דער צווייטער, און דער l ווערט אַרויסגערעדט אין קולינע גאָר נאָרמאַל (זיי § 44, פ׳ 2 סיגנע א).— [3]) ווילד, פעלד, וואַלד, גולד.— [4]) בילכסט.— [5]) קאַלב, העלפט.— [6]) בילן, וועלן, קוועלן, עלנט, געשוואָלן, טשולנט.— [7]) מולדיק; דו קיצלסט, ער קיצלט.

§ 56 — [קוליִנער ל̥ אין פריִען אויסלויט]. — דאָ איז ער שוין פולשטענדיק וואָקאַ־ליזירט און טרעט־אויף אַלס איבערקורצער אומצווייפעלהאַפטיקער ו, אין וועלכען עס שפּירט זיך מער נישט דער מינדסטער סימן פון ליקוויד. — אַזוי:

1) נאָך דענטאַלע: וועָנטו[1], ענטו[2], וועסטו, רעשטו, — דרייִדו[3], מעידו, נודו[4], ענדו[5]; — געסו, ניסו[6], פעסו, קעסו, רוסו[7], שיסו, שליסו, שניפּסו[8], פּו֯עשו, — אַ־זו[9], טאַיזו, מאַזו[10], באַיזו, נעזו[11], עיזו, — טעצו, קעצו, אייִך קלִצו, גענדזו, עודזו[12].

2) נאָך גוטוראַלע: רעקו[13], שטעקו, — בעיגו, פויגו, שפּי־גי; — באַיכו, ביִכו, טיִכו, מאַיכו, מעיכו, סעיכו[14], ציִכו, קיִכו, שיִכו.

3) נאָך לאַביאַלע: טעפּו, קנעפּו, קעפּו, — ווייַבו, קנובו, רובו; — שיפו, שראַיפו, — וואָ֯ווו, וועְ֯ווו, טווו, שטלִווו; — אימו[15], זעמו[16], קעמו.

4) נאָך r: טיִרו, טעירו, מאַיערו, עיערו, פּורו, פּורו[17], קעו֯נערו, שניִרו. —

אָנמערקונג. — די פּויליִשע שפּראַך[18]) פאַרמאָגט אַ סך מונדאַרטען, אין וועלכע דער ł[19]) ווערט אַזוי לייַכט אַרויסגערעדט, אַז עס הערט זיך כמעט אודער לחלוטין u (קורצער). אין אַנדערע פּויליִשע מ״מ ווערט דער ł לגמרי נישט אַרויסגע־רעדט. בא דער פּויליִשער פּאָלקסמאַסע זענען די דיאַלעקטאָלאָגיִשע דערשייַנונגען באַקאַנט מיט׳ן נאָמען podwałczenie. —

---

[1]) וואַנט—וועַנטו—וועַנטעלי. — [2]) אַנט (האַנט)—ענטו—ענטעלי. — [3]) אַף חנוכּה. — [4]) נאָדל. — [5]) און (האָן)—ענדו—ענדעלי. — [6]) אין קוליִנע: אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל־ביס (=פּיסטאַשקעס). — [7]) פּויליִש rosół [אין קוליִנע: דער סוס פון ווייערע אוגערקעס, זויער קרויט וכ׳ (זיי אויך ליפשיץ 203)]. — [8]) אין קוליִנע געברויכט מען אויך: ביִנדזי (=קראַוואַט). — [9]) הייזל. — [10]) מול. — [11]) פון נוס (נאָז). — [12]) דעמי פון האַלדז. — [13]) אין קוליִנע אויך: מאַראַנאַרקי. — [14]) מאכל, מוחל, שכל. — [15]) הימעל. — [16]) קוליִ־נער געבעקס: מאַשלִאַנקעס (קופּיקענע זעמעלעך, גלאַטע, אַף פּוטער אודער אייל געבאַקען), זעמו (גלאַטע, אָהן פּוטער אודער אייל), קעיזערקעס (קופּיקענע, מיט 4 שניטען פון אויווען), רוגאַליעס (אין פורם פון אַ האַלבער לבנה). — [17]) טויערל, מויערל, אויערל, פּאָרל, פּורל. — [18]) זיי „ווִיסלאַ" 1888 ז״ז 166 179, דאָס אַרטיקעל פון סט. ציִשעווסקי. — [19]) אַלזו, דער האַרטער ליקוויד. דער ווייכער ווערט אין דער פּויליִשער שפּראַך שטענדיק נורמאַל אויסגעשפּראָכען (פאַרגלייך אויווען § 44 פּ׳ 1 און § 45). —

ניטאָרגאַנישער l.

§ 57 — ניטאָרגאַנישער l דערשײַנט אַמאָל אין יידישען, מונדאַרטליך, אַלס ספּאָראַדישע אָדער לויטגעזעצליכע דערשײַנונג.

§ 58 — [ספּאָראַדישער ניטאָרגאַנישער l]. — אין קולינע זאָגט מען: סקליסוקי[1]; אין ווישעגראָד: צאַלימאַינסט[2] [אַנאַלאָגיעבילדונג נאָך צי לאַכיס (= צו לְהַכְעִיס) ?]; אין ווישקאָוו, ווענגראָווע[3], וויערושאָוו[4]: פּולק (נומע), פּולקן[5] (ו ערב) [צונויפגעמישט מיט'ן רוסישען ПОЛКЪ (= רעגימענט) ?]; אין ווענגראָווע: מאַנישלאַך[6].

האַרקאַווי 297 ברײַנגט: קאַראַבעלניק[7], דרײַזין 208: קרעבעלניק (= רוסישען коробейникъ). —

§ 59 — [לויטגעזעצליכער ניטאָרגאַנישער l]. — מיר זײַען אים אין דער זילב lo, וואָס דערשײַנט אין אײַניקע יידישע מ"מ אַקעגען מה"ד הויכבאַטאָנטען û:

1) אין סטאַוויסק קומט דער lo פאַר אַלע לויטען, אויסער פאַר ל, מ און ע (זיי „זאַמעלביכער" II 236 — 238);

2) אין ריזשאַן[8] (לומז. ג., מאַקאָוו א.) — בלויז פאַר די דענטאַלע עקספּלאָזיוולויטען און פאַר די לאַביאַלע און גוטוראַלע קאָנסאָנאַנטען: — אולט[9] (הויט), קרולט[10], טולפּ[11], שרולף[12], פּולק, פּולקן[13], בולך, יולך[14].

---

[1] האַרקאַווי 296: קוסאָ-אוקע, קאַסוקע; דרײַזין 209: קאַסיאַקע; אין קרעמעניץ: קיסוקי; רוסיש: косоокій. — [2] ליפשיץ 122: מײַנסטענס (אַדוערב); הורוויץ 61: מײַסטענס (אַדוו.); האַרקאַווי 201: מײַסט, מײַסטענס (אַדוו.); מה"ד (לעק' 159) meiste, meist (אַדוו.); נה"ד meist, meistens (ט' 857), zumeist (ט' 1501). — [3] „זאַמעלביכער" II 234. — [4] l. c. 311. — [5] פּויק, פּויקן. [לויטגעזעצליך וואָלט דאַרפען זײַן: פּוק, פּוקן (אין ווישקאָוו); פּווק, פּווקן (אין ווענגראָווע און וויערושאָוו)]. — [6] מְמָה־נַפְשָׁךְ. אין קרעמעניץ: מאַנישאַך. — [7] בײַ ליפשיצן און הורוויצן איז דער וואָקאַבעל ניט פאַרצייכענט. — [8] אין סטאַוויסק איז דער o אין lo קורץ און אָפען, אין ריזשאַן — קורץ און עטוואָס געשלאָסען, ווי פאַרדומפּען. — [9] דעם l קוים צו פאַרנעמען מיט'ן אויער. — [10] קרויט. — [11] מ"צ טולבם (דעם b קוים צו פאַרנעמען). — [12] דעמ': שרײַפּל. — [13] פּויק (נומע), פּויקן (ווערב). — [14] אַלס אויסנאַם: ברוכן (מיט קורצען o) = ברויכן. —

אָנמערקונג 1. — פאַר דעם דענטאַלען ספּיראַנט ז הוט די ריִשאַנער ס׳, אַקעגען מה״ר û, קורצע, עטוואָס געשלאָסענעם און פאַרדומפּענעם o אין באַליִיטונג פון א מטושטשען קאָנסאָנאַנטישען נאָכקלאַנג, וועלכען כ׳באַצייכען מיט „?” — : אוֹ?ז[1], טוֹ?ז, טוֹ?זנט, מוֹ?ז.

מיט דעם „?” דריק איך אויס א לויט, וואָס ווערט אין דער ערשטער מינוט אויפגענומען פון אויער, אַלס עפּעס אומפאַרעמדיקס; ערשט נאָך גוטען אונהערען זיך פאַרנעמסטו, אַז דער לויטעמבריָאָן קען אַזוי גוט זיין l, ווי u.

ס׳ איז, אַלזוֹ, א לויט אין דעם צושטאַנד, ווען אין אים זענען פאַרבונדען צוויי, פון וועלכע ס׳ הוט זיך נאָך נישט אויסגעבונדען איינער א קלאָרער.

ס׳ שפּירט זיך, אובער, אין דעם „?” א טענדענץ, דאָס אויסבינדען זיך זאָל אַמאָל געשייען לטובת דעם l. אין טוֹ?זנט הערט זיך שוין כמעט א פולשטענדיקער l, און מ׳קען דאָס וואָרט, אייגענטליך, אויסלייגען: טולזנט. —

אָנמערקונג 2. — פאַר e, l און m קומט אין ריִשאַ׳, אַקעגען מה״ר û, — קורצער (עטוואָס געשלאָסענער) o: — פוֹער, מוֹער[2] מוֹערן, זוֹער, בוֹען, טרוֹערן, באַדוֹערן[3], מוֹל, קוֹל, פוֹל, פוֹלן, רוֹמען (די שטוב), איינרוֹמען[4] (א סוד).

Varia.

§ 60 — [שווערער ל]. — דער קריוּוּזירער l אין פריִען אָנלויט איז זייער שווער: ללערנין, ללונג. —

§ 61 — [ספּוראַדישער ל-פאַרלוסט]. — מונדאַרטליך קענען איינצעלנע ווערטער אָנווערען דעם ל. — דער ליקוויד קען פאַרשווינדען:

---

[1] הויז (פאַרשפּריִיטער: שטוּב). — [2] פאַרשפּריִיטער איז: קאַמעניצע. — צווישען o און e אין די אַלע ווערטער שפּירט דאָס אויער עפּעס, וואָס לוזט זיך כאַראַקטעריזירען: אַלס שוואַכער שאָטען פון u. אינדערזאַמת׳ן איז עס נישט מער, ווי אַבעראַציִע פון געהער: די מעשה דערפון איז, אַז o און e בילדען אין דעם פאַל נישט קיין דיפטונג; ס׳זענען צוויי זעלבסטשטענדיקע וואָקאַלען, וואָס בילדען צוויי שבנגת׳ דיקע זילבען; אין דער אויסשפּראַך ווערען זיי שאַרף אָפּגעטייִלט: פוֹ-ער, מוֹ-ער; דאָס אויער ליידט, אובער, נישט די פּויזע און דערהערט אין איר עפּעס א נאָכקלאַנג אין געשטאַלט פון לייכטען ו-הויך. — [4] אובער: קאַם (קוים). —

1) אין אויסלויט פון הויכטוניקער זילב; ווי למשל: זוםט (=זולסט) [וואַרשע, סובאַטשוו, קרעמעניץ, הוליסקוו]; ווֹוט (=וואלט) [גער, בוקווינע[1], מזרח-גאַליציע[2])]; וויִםט (=ווילסט) [קרעמעניץ].

אַנמערקונג. — אין אַלעמאַניש[3]): ich wott, ich sott (=ich wollte, ich sollte), du witt (=מה"ד du wilt); גידער דייטש (אין ליבעק, למשל[4]) sast (=זולסט). — בעהאַגהעל ווייזט-אָן, אַז די פאַרקירצונג פון די געבראַכטע ווערבאַ פיניטאַ שטייט אין פאַרבינדונג דערמיט, וואָס זיי קומען מערסטענטיילס פאָר אין אימבאַטונטער (פּראָקליטישער) שטעלונג. —

אויך: מאַיכעלי[5]) (קאָלינע); קיפּן[6]) (ווערב), קיף (נומען) [וואַרשע]. —

2) אין אַנלויט פון הויכטוניקער זילב; צ. ב.: קוויוו — אַזוי הייסט בײַ די פּוילישע יידען דאָס שטעטעל Kiwów (ראָדעם. ג. און א.).

3) אין פאָרהויכטוניקער זילב: — מיכומי[7]) (וואַרשע, טאַרטשין, מאַקוו, גאַרוואָלין, דרילטש); ביבאָים (וואַרשע), באַבאָים[8]) (גוויזדאָוו); מאַלבישים[9]) (סובאַטשוו); קונאַלגישעפט[10]) (קאָלינע).

אַנמערקונג. — צווישן די פאָרמען מיט ן און אָהן ן זענען פאַראַן אין בערגאַנגסגעשטאַלטן מיט אָפּגעשוואַכטן ן אָדער מיט ן̥: באַלבאָים (ווישעגראָד), באַןבאָים (טאַרטשין, גלינאָוויץ); כּיוכומי (וואַרשע, זאַקראָטשין). —

4) אין נאָכהויכטוניקער זילב; צ. ב.: פּליצים, פּליצינג (ווי אוי. בעז ז' 65, אַנמ. 6 אונטערן טעקסט); — זאַפּיקים[11]) (לובלין). —

§ 62 — [איבערגאַנג פון ל אין אַנדערע לויטן]. — דאָס איז אַ ספּוראַדישע דערשײַנונג אין די יידישע מ"מ. —

---

[1]) „דער אורקוועלל" I 344. — [2]) l.c. 277: וואָט. — [3]) בעהאַגהעל 281. —
[4]) „דער אורקוועלל" I 243—244. — [5]) דעמ' צו מויל (מויל). — [6]) ליפּשיץ 187: קיפּלען = מה"ד kifelen (לעק' 123); נה"ד (ט' 704) keifen. — [7]) מִלְחָמָה. — [8]) בַּעַל־הַבַּיִת. — [9]) מַלְבּוּשִׁים. — [10]) = קאָלאָניאַלגעשעפט. נה"ד (ט' 739) Kolonial geschäft און, עלטער, (ט' 519) Gewürzkram [מה"ד: würz-krâm (לעק' 396)]. אין וואַרשע: בְּשָׂמִים-געוועלב, בְּשָׂם-געוועלב (אין „דאָס ליד פון ראַבאַניק" 24: „בשאָם געוועלב" און „בשמים געוועלב"). האַרקאַווי 98: בשמים־געשעפט, בשמים־קראָם [ליפּשיץ 55: באַקאַליע (бакалейный товаръ); באַקאַלייניק (бакалейщикъ); האַרקאַווי 78, דרייזין 9: באַקאַלייע = ר' бакалея, פּ' bakalia. — [11]) פּ' zapałki (שוועבעלעך). —

1) ל גײט-איבער אין ר אין װאָרט: רעװאָרװער[1]) (מאָקװו): דאָס איז אַ פאַל פון פּראָגרעסיװער (אָדער רעגרעסיװער?) אַסימילאַציע: דער אַנלויט-ר פון דער פאָרהױיכטאָניקער זילב (אָדער דער אױסלױט-ר פון דער נאָכהױיכטאָניקער?) גלײַכט-צו צו זיך דעם אױסלױט-ן פון דער הױיכטאָניקער.

2) אין װאַרשע קען מען אָפט הערן: „עב[2]) יאַך..., יאַך עב..., עבם[3]) אינץ..., אינץ עבם..., זײַ עבם..., עבם זײַ...; — אין נײַשטעטל (פּעטריק. ג.) האָב איך געהערט: „כ'עב"...; — אין סקאַרזשיסקאָ (ראָד. ג.): „עב יאַך..., עבם מיר"...; — אין לענטשנע (לובלינ. ג.): „עבם זײַ"...; — אין אַ מעשהלע אױס מזרח-גאַליציע[4]) געפונען מיר: „די מיכיטאָנים[5]) װעבם אַװעק גאַין" || איבערגעגאַנגען אין b.

3) n אַנשטאָט ן האָבען מיר אין װאָרט שניפּס, װעלכעס מ'געברױכט אין קרעמעניץ, אין קאָלינע[6]). — אין קרעמעניץ, אין בערדיטשעװ, אין װיערושאָװ עקזיסטירט אױך דאָס געשטאַלט שליפּס[7]). — מה"ד (לעק' 234): slupf (צװישען אַנדערע באַטײַטונגען האָט אױך די טײַטש: שלײַף, שטריק אַרום האַלז)[8]). —

[1]) פאָלקסעטימאָלאָגיע פון רעװאָלװער. זײ אױך אױבען ז' 21, אַנמערקונג צו § 12). — [2]) װעל. — [3]) װעלען. — [4]) "דער אָרקװעלל" I 122. — [5]) מהוגתנים. — [6]) מיר באַגעגענען עס אױך בײַ ליפשיצן 217, בײַ הורװיצן 98 (דעם דעמינוטיװ), בײַ האַרקאַװין 338 (בײַ ביסקאַ 252). — [7]) געבראַכט אױך בײַ ליפשיצן 215, בײַ הורװיצן 97. — [8]) נה"ד (ט' 1099): Schluppe=Schleite. —

III.

דער יידישער לאַבּיאַלער נאַזאַל.

§ 63 — [דאָס פיזיאָלאָגישע]. — m אַנטשטייט אַף אַזאַ אופן: דער מויל-קאַנאַל ווערט געשלאָסען אַף די ליפּען, וואָס מאַכען זיך אײַנגאַנצען צו; דאָס גומענפאָראַנגעל לאָזט זיך אַראָפּ און עפענט פאַר דער לופט, וואָס ברײַנגט אין באַוועגונג די שטימבּענדער, דעם וועג אין דער נאָז אַרײַן [1]. —

§ 64 — [ווילבּענבּילדענדיקער m]. — 1) m, וואָס דערשײַנט אין אַלע יידישע מונדאַרטען אַנשטאָט n̥ נאָך די לאַבּיאַלע עקספּלאָזיוולאָיטען (ווי אין פאָלגענדיקען עטיוד), נעמט-איבּער פון דעם דענטאַלען נאַזאַל דעם סאָנאַנטישען כאַראַקטער. —

2) אין „צולִבּם̥" [2] (צ. ב.: „צוליבּם ווינט"...) איז דער לאַבּיאַלער נאַזאַל, רעשטעל פון „דעם" [3] (דאַטיוו פון באַשטימטען אַרטיקעל מאַסקולינום און נעוטרום), סאָנאַנטיש לויט אַנאַלאָגיע מיט'ן n̥ פון § 67. —

3) אין בּײַמען [4] ווערט „אַף דעים" שטענדיק פאַרקירצט אין „אַפּם̥",— צ. ב.: „ע שטאָט אַפּ'ם מים אין ע האַוז אַפּ'ם בּית-חיים", „...אַפּ'ם חימיש" [5]; אין קרעמעניץ — בּלויז פאַר בּילאַבּיאַלען אַנלויט פון נאָכפאָלגענדיקען וואָרט, — אַזוי: „אַפּם̥ פּלויט, אַפּם̥ בּוידעם, אַפּם̥ מאַרק" (וועגען m̥ — זיי פ' 2 פון דעם §).

---

[1]) זיי ווילמאַננס I 6. — [2]) אין די ליטווישע מ"ם; אין די פּוילישע און דרום-רוסלענדישע: ציליבּם̥. — [3]) אין די ליטווישע מ"ם; אין די פּוילישע: דעים; אין די דרום-רוסלענדישע: דעים (אין אײַניקע), דים אין אנדערע. — [4]) „דער אורקוועלל" I 173. — [5]) חומש. —

4) אין די פּוילִיש-יִידִישע מ"מ ווערט דאַטיוו און אַקוזאַ-טיוו פון פּערזענלִיכען פּראָנאָמען דריטער פּערזאָן מאַסקולינִי סינגולאַריס, נאָך ווערבום פינִיטום מיט בילאַביאַלען אויסלויט, פאַרקירצט אין m,— צ.ב.: כאַפּם („כאַפּ עים"), כ'ובם („כ'הויב עים"), געבם („געב עים"= גיב אים).

5) אויסער די אָנגעוויזענע פאַלען, קען m אין די יידישע מ"מ בילדען אַ זילב אָהן אַ וואָקאַל פאַר זיך בלויז אַלס ספּוראַדישע דערשיינונג [1].— אַזוי, למשל, הערען מיר אין קריוואָזיר: וואָרם, ל'אָרם [2].—

איבערגאַנג פון m אין דענטאַלען נאַזאַל.

§ 65 — [שטאַמהאַפּטיקער אויסלויט-m]. — 1) אַלטנידערדייטשיש און אַלט-הויכדייטשיש גייט דער אויסלויט-m אין נײַנטען יאָרהונדערט לויטגע-זעצליך איבער אין n, נור, ווי בעהאַגהעל [2] באַמערקט, בלויז אין פלעקסיִענדונגען. דער m, וואָס געהערט צום שטאַם פון וואָרט, בלײַבט, אַלטהויכדייטש אַלענפאַלס, אומגעענדערט,— אַזוי: heim, fadem — צום סוף פון מיטעלהויכדייטשישען פּעריאָד דרינגט-אַרײַן דער פּראָצעס אויך אין געביט פון שטאַמהאַפּטיקען m, און מיר באַגעגענען שוין די פאָרם hein- אָנשטאָט heim-, אַלס צווייט גליד פון אייגען-נעמען.— נה"ד שטעלען זיך איין: Besen, Faden,— אַקעגען מה"ד beseme, vadem.—

2) יידיש האַלט פעסט איין דעם שטאַמהאַפּטיקען אויסלויט-m; צ.ב.: בעיוִנים, פּאָדים [4].— בלויז אַלס אויסנאַם עקזיסטירט אין די פּויליש-יידישע מ"מ די פאָרם: האַין (=היים).

3) אין קינפּטיקען יידישען שפּראַכאַטלאַס וועט דאָס וואָרט פאַר-נעמען אַ באַזונדער בלאַט. לעת-עתה קען איך נור אָנווייזען, אַז אין איינִיקע פּוילישע שטעדט [ווי: וואַרשע [5], סקערניעוויץ, אילווו, זשיבלין, אָפּאָטשנִי, נײַשטעטל (פּעטריק. גוב.)] הויב איך די פאָרם געהערט:

---

[1]) אין דעם זין דאַרף מען „זאַמעלביכער" II 279 (אַנמ. 15 אונטערן טעקסט) פאַרשטייִן דעם אויסדרוק, אז „די יידישע שפּראַך ווייסט נישט פון קיין זילבנבילדענ-דיקען m".— [2]) „זאַמעלביכער II 295.— [3]) 207.— [4]) אין קרעמעניצער טראַנסקריפּ-ציִע; אין ליטווישער: בעזעם, פּודעם.— [5]) אין וואַרשע, אפילו, זעלטען.—

a) אין די אַדווערבען: אַהאַ́ין [1] (=אַהײַם), אינגדיהאַ́ין (אינדער־הײַם);

b) אַלס ערשט גליד אין קאָמפּאָזיטיס (דאָס צווייטע גליד — אַ צײַט־וואָרט), צ. ב.: אַהאַ́ינגיקימע, אַהאַ́ינציפאָרן, אַהאַ́ינגעמע. —

אין אַנדערע שטעדט, ווידער, האָב איך קאָנסטאַטירט די פאָרם פאָרלויפיק בלויז אין צוזאַמענזעצינג מיט אַ ווערב: אַהאַ́ינגיקימע (נאָווידוואָר, בלאָניע, קליין-ביאַלע, קאָזשעניץ), אַהאַ́ינקימען (פּיליוו), אַהאַ́ינגיקימע (ווישעגראָד), אַהאַ́ינגיגאַנע (טשענסטאָכאָוו), אַהאַ́ינ־גיפאָרן (גער, מאָגלניצע, נאַשעלסק), אַהאַ́ינלויזן (גראָדזיסק), אַהאַ́ינ־שיקן (דרילטש). — דאָס שליסט, נאַטירליך, נישט אויס, אַז אויך אין זעלבסטשטענדיקער שטעלונג זאָל דאָס וואָרט אין די אָנגעוויזענע שטעדט קענען פאָרקומען מיט n: די פראַגע וועגען דעם דאַרף נאָך גענויער נאָכגעפאָרשט ווערן.

אין טאָמאַשאָוו (פּעטריק. ג., ראַווער א.) האָב איך געהערט: אַהאַ́ינ־ציין [2], אָבער — אַהאַים.

אָנמערקונג. — „מיט". 1910 ז' 152, אין אַ פאָלקסליד אויס גאַליציע: „דאָס וואַב נעבעך אין דער האַין"... —

4) איבערגאַנג פון אויסלויט-m אין n איז פאַר אונז אויך אין יידישען נאָמען פון דער שטאָדט Zakroczym (וואַרשעווער גוב., פּלאָנסק. א.): זאַקראָטשין (הייכטאָן אַף ענדזילב). אַזוי רעדען-אַרויס דאָס וואָרט די יידישע איינוואוינער פון דער שטאָדט; אַזוי רופט מען זי אין ווישקאָוו, גאָמבין און בכלל אין גאַנץ וואַרשעווער גובערניע. — פּאַראַלעלע פאָרם: זאַקריטשין. —

§ 66 — [איבערגאַנג פון אויסלויט-m אין n̥]. — 1) גאַנצע — איינזילביקע, געוויינליך, — ווערטער מיט אויסלויט-m̥ קענען, אין אומבאַטאָנטער שטעלונג, פאַרקירצט ווערן אין איין n̥.

2) דאָס קען געשעהן אודער נאָך קאָנסאָנאַנטישען אויסלויט פון

---

[1] אויך אין וולאָצלאַוועק: אַהאַ́ין. — [2] אין קראַסנאָסטאַוו (לובל. ג.): אַהאַ́ים־גיפאָרן. —

פריערשטייענדיקען ווארט, אדער פאר'ן אנלויט (וואקאלישען, ווי קאנסאנאנטישען) פון נאכפאלגענדיקען. —

§ 67 — [פארקירצונג פון „דעם" אין -ן]. — 1) אין קרעמעניץ ווערט דער דאטיוו פון באשטימטען ארטיקעל מאסקולינו אין נעווטרו פארקירצט אין איין ן נאך די פרעפאזיציעס: אף [אויסער פאר בילאביאלען אנלויט פון צווייטען ווארט (זיי אויבען § 64, פ' 3)], אויסא, איבא, אינטא, מיט, נאך, פאר; — אזוי: אפן אויון, אייוואלי, אינט, אינטל, פאדים, פעידימל, וואגן, וועיגאלי, טאוול, טעיוואלי, דאך, דעכל, סאד, סעידל, שלוס, שלעסל, זאק, זעקלי, צופ, צעפל, קנופ, קנעפל, גלוק, גלעקלי, כאלאט, כאלאטל, יונג, יינגל, רוק, רעקלי, לומפ, לעמפל, מעיא, מעיארל, נאגל, נעיגאלי¹); — אויסארן אויון, אייוואלי, פעלץ, פעלצל, בוים, ביימל, פאדים, פעידימל, וואגן, וועיגאלי, א. א. וו.; — איבארן אויון, אייוואלי, פעלץ, פעלצל, א. א. וו.; — אינטארן אויון, אייוואלי, א. א. וו.; — מיטן אויון, אייוואלי, א. א. וו.; — נאכן אויון, א. א. וו.; — פארן אויון, א. א. וו..

אנמערקונג 1. — נאך „בא" ווערט „דעים" אין קרעמעניץ פארקירצט אין m („באם אויון, באם וועיגאלי" וכו'), אובער פאראלעל אויך אין n: צווישען וואקאל און סאנאנטישען נאזאל דערשיינט דאן א r, אלס היאטוסבאזייטיקער [„בארן שלוס, בארן פלעשל" (זיי אויבען § 27 פ' 2)].

אנמערקונג 2. — נאך „אין" (און), „פין" (פון) ווערט „דעים" אין קרעמעניץ פארקירצט אין „ים" (מחמת נאך דעם n קען קיין n נישט קומען), — ווי: „אינים טיש, פינים טיש". געוויינטליך לעיגט מען אוים: „אינ'ם", „פינ'ם", ווייל דער אומבאטונטער י פאר דעם שלום-מ איז איבערקורץ, שטארק רעדוצירט. —

2) אנאלוגיש — אין ווארשע און אין אלע פויליש-יידישע מונדארטען.

3) אין די ליטווישע מ"מ אויך אזוי, מיט דעם חילוק, אז „דעם" גייט-איבער אין n נאך „אף" אפילו פאר בילאביאלען אנלויט פון צווייטען ווארט. דערביי באלייט „דעם" זוגאר דעם דאטיוו פון פעמינינא! — אזוי:

---

¹) די הויפטנומינא — מאסקולינא, די דעמינוטיווא — נעווטרא.

a) אין קראלע[1] (פוליוו. גוב.): אַפ׳ן מאַרק, אַפ׳ן פאליצע[2], אַפ׳ן הערצן[2], אופ׳ן זייט[2], מיט׳ן לעפל, מיט׳ן שעפל, מיט׳ן שמש, מיט׳ן שטן, מיט׳ן פולען מאַול (?), פאַר׳ן גורגל.

b) אין קאלינע (לומז. ג.): אַפן בעים, אַפן פעט[2], אַפן יטוי[2], אַפן קופ[2], איבערן טרוטואַר, אונטערן בעט[2], אונטערן בעים, מיטן מול[2].

c) אין זאלאטאנאשע (פולט. גוב.): אַפן טיש, וכ׳. — אין טשעריקאוו (מוליוו. גוב.): אַפן טיס, וכ׳.—

4) אין בוקאווינע[3]: „אַפ׳ן אויוון, אינטערן בעט" א. א. וו.—

אנמערקונג. — אובער: „באַם אויוון[3], באַם וועיג"[4]. —

5) אין מזרח-גאַליציע[5]: „באַר׳ן טיש". —

אנמערקונג: אויך: „באַם (?) טאַטען"[6]. —

6) אין ביימען[7]: „אַפ׳ן שטריק". —

7) נאַטירליך, איידער „דעם", „דעים" זול איבערגיין אין ן, מוז פריער אָפפאַלען דער אַנלויט-d. — אין אייניקע יידישע מ"מ באַגעגענען מיר טאַקי דאָס איבערגאַנגסגעשטאַלט — מיט m נוך, אובער שוין אָהן ד. — צ. ב., אין מזרח-גאַליציע[8]: „אַ נאַר אַסם אים[9] באָד אַרויס", „אוף אים בוידים", „נאָך אים אויראַך[10] בראָט מען די ווורשט". —

§ 68 — [פאַרקירצונג פון „דעים" אין ן׳]. — 1) אין די פויליש-יידישע מ"מ ווערט „דעים" (דאטיוו און אקוזאטיוו פון באַצט. ארטיקעל מאסק. און דאַטיוו נעוטרי) פאַרקירצט אין ן אויך פראקליטיש; — צ. ב.: „טומ׳ איז׳ ניש איין טאָאָג אין גאַס — ן׳צוויטן אוב׳וך שוי׳ ניש צ׳עסן", „כ׳ו ניש גיקענט אַראַאַגאַין ן׳אַיגיני טאָאָג", „ן׳עיושטן טאָאָג קע מע גאָאָניש טלי", „כ׳ו גאָניש באַמערקט ן׳נימו" (וואַרשע); — „מ׳דאַף דאַצאַילן ן׳ אמת" (גער); — „זינטיק אוט מע׳ גילאַיגט ן׳ אַרעשט (קוסשעוויניצע); — „השם יתברך נעמט ן׳בעכע" [קונסקאוואליא[11])].

אנמערקונג. — דער סונאנטישער טייל (פאַרפאַרבט אלס ן) פון נאַזאַל גייט אויך דאָ, ווי געוויינליך, פאַר אים. —

---

[1]) „מיטא". 1910 90, 132—138. — [2]) אין נאמינאַטיוו — לשון נקבה. — [3]) „דער אורקוועלל" I 13. — [4]) l.c. 344. — [5]) l.c. 122. — [6]) l.c 274. — [7]) l.c. 82. — [8]) l.c. 277—279. — [9]) ==דעים. — [10]) אורח. — [11]) נח פרילוצקי, „יידישע פאלקסלידער" I ז׳ 25. —

2) ענליך אין ביימען: „נ׳טוידטען זול מאַ דע וואָרעט נאָכזאָגען"[1], „׳נ דאַלעס צו פאַטערן", „נעמט ׳נ דאַלעס דע מאַס", „דער ייִד הוט ׳נ דאַלעס ניט קענען פאַטער ווערן"[2]. —

אנמערקונג. — אובער, אין ביימען[2]: און יע מעיר דער ייִד זיינע זאַכען פאַרקאַפט הוט, אים ען דאַלעס צו פאַטערן". פלוז, נאָך נאָוואלען אויסלויט פון פריערגייענדיקען וורט גייט „דעים" איבער גישט אין ן, נור אין ען. —

3) אויך אין געביט פון דער דערשיינונג עקזיסטירט דאָס איבערגאַנגסגעשטאַלט: מיט m נוך, נור שוין אָהן d (זיי § 67 פ׳ 7). —

צ. ב., אין מזרח-גאַליציע[3]: „ר׳וטט געכאַפפט אים[4] טאָטער", „וואַש מיר אים פעלץ", „גלאַיב עהם, ווי אים פוריעהריגען שנאַי"; — אין סטאַניסלוי[5] (אויך גאליציע): „אָפשניידען ׳ם גורגל"; — אין בוקווינע[6]: „... אין הוט אים באַבישקולע דערצעהלט, „געשלעפפט טאַנצען אים באַלבאָס". —

§ 69 — [פאַרקירצונג פון „דעם" אין נ אין קומפּוזיציס]. — 1) דאַטיוו פון פּרונומען דעמונסטראַט׳ נעווטרי סינגולאַריס[7], אַלס לעצט, אומבאַטונט, גליד אין צוזאַמענגעזעצטע אַדווערבען, קומט אין די יידישע מ"מ געוויינליך פור מיט m, פאַר ווען עס גייט אַ רעדוצירטער ווקאַל.

צ. ב., אין קרעמעניץ אין מורדי (לוב. ג., שעדל. א.): דאַנאָכדים; — אין סלאַוויטי (וואָלין. גוב., זאַסלאַוו. א.), אין סקערניעוויץ: נאָכדים; — אין בוקווינע[8]: דערנאָכדעם.

2) אין אַנדערע מונדאַרטען ווערט „דעם" אין די געבראַכטע אומשטאַנדסווערטער פאַרקירצט אין נ. — אזוי: דאַנאָכדן (ווארשע), דענאָכדן [פראגע (ווארשעווער פורשטאָדט), גאַרוואָלין], דאַנאָכן (ווארשע), דענאָכן (וואָליע, הינטער ווארשע), נאָכדן (ווארשע, פּראַגע, גרודזיסק), נאָכן (פּראַגע). —

§ 70 — [פאַרקירצונג פון „אים", „עים" אין נ]. — 1) אין די פּויליש-

---

[1] „דער אורקוועלל" I 174. — [2] l.c. 81. — [3] l.c. 276, 277. —
[4] = דעים. — [5] l.c. 346. — [6] l.c. 14, 344. — [7] דאָס. — [8] „דער אורקוועלל" I 13. —

יידישע מ״מ, נאָך פּרעפּאָזיציע אָדער ווערבום פיניטום[1]) מיט קאָנסאָנאַנטישען אויסלויט [אויסער נאָך די לאַביאַלע עקספּלאָזיוולויטען (זיי § 64 פּ׳ 4) און נאָך מ, נ, ל] ווערט דער דאַטיוו און אַקוזאַטיוו פון פּערזענליכען פּראָנאָמען דריטער פּערזאָן מאַסקולינו סינגולאַריס („עים״) שטענדיק פאַרקירצט אין נ. איך ברענג עטליכע ביישפּילען, וועלכע כ׳האָב פאַרנאָטירט פאַר פאַרשידענע שטעדט:

וואַרשע: „כ׳בין געווען באַרנ״ („בא עים״); „כ׳וו געמאַינט, ס׳איז נאָכנ״ (= „נאָך עים״); „גלאַיבוכנ״ (גלייב יאָך עים״).

פּולטוסק: „מ׳נעמטנ״ (= „מ׳נעמט עים״); „זאָקטערנ״ („זאָגט ער עים״).

דורך ווינצענטאָוו (וואַרש. ג., סקערניעוו. א., גמינע קאַרבאָוויצע): „מ׳עטנ (= „מ׳וועט עים״) מסרן״.

סאָכאַטשעוו: „אובעכנ („האָב יעך עים״) געזאָגט.״ — שיעניצע: „זאָגאַכנ״ („זאָג יעך עים״).

טאַרטשין: „זי׳ וט דראַא קינדע מיטנ״ (מיט עים).

בלוינע: „געכאַפּט אַ האַק אופנ״.

בערושין: „עפּשע וט׳ע עפּיס אופנ?״ (ד. ה.: „אויף עים״ = קעגען אים).

נײַשטאָט (קעלצ. ג., פּינטש. א.): „מ׳וט נוך ניש צײַגעשיקט נוכנ״ (= „נוך עים״); „מ׳ אַלטנ״ („מ׳האַלט עים״); „פּאַרנ״ („פּאַר עים״).

ראָדעם: „מיטנ (= „מיט עים״). — קונסק: „אופנ („אויף עים״) אָנפּרעיגן״.

מלאַווע: „נישטאָ אופנ קאַ שום חשד״. — גליניוויץ: פּאַרנ״ (= „פּאַר עים״).

ריקי: „מ׳ יאָקטנ,״ „ס׳ שאַטנ״ („מ׳יאָגט עים״, „ס׳ שאַט עים״).

וויערושוו: „אוסט אַ געשעפּט מיטנ!״ (ד. ה. וואָס גייט ער דיך אָן?״; הער אים ווי די קאָין)! — „גאַי מיטנ בזאַמיט״ (= געי מיט אים צוזאַמען). —[2])

אָנמערקונג. — די דערשײַנונג לוזט זיך דערקלערען דערמיט, וואָס אין די פּויליש-יידישע מ״מ פאַלט דער טראָפּ שטענדיק אָף דער פּרעפּאָ-

---

[1]) הייסט עס, אין נישטהויבטוניקער שטעלונג. — [2]) מער ביישפּילען צו ברענגען וואָלט געווען איבריק, מחמת די דערשײַנונג איז אין די פּויליש-יידישע מ״מ אַן אַלגעמיינע. —

זיציע, און די פרונומינאלע פורם — מעג די גאנצע קראפט פון דער לוגישער באטונונג ליגען אף איר, מעג זי זיין דער גאנצער עיקר אין זאץ — בלייבט אומבאטונט. דאס איז גורם א ענג צוזאמענגיסען זיך פון פרעפּוזיציע און פרונומען. זיי ווערען אויסגעשפּרוכען, אלס איין וורט, מיט דעם הויכטון, לויט'ן יידישען שטייגער, אף דער ערשטער זילב. — צ. ב., אין ווארשע: באַזע, ציזע, פאַרזע[1] [=באַ, צו, פאר זיי], מיטמר (=מיט מיר); — אין אילווע, אין ווישקווו: פינזע (פון זיי); — אין לובלין: פאַרזי [=„פאר זאי" (זיי)], וכ'.—

2) ענליך אין מיירען, ביימען און אונגאַרן[2]. — צ. ב.: „קרי̇עכען אופ'ן („אוף עים") ערים"; „אוב אוכ'ן („איך עים") קענן?"; „ווּס נעממסטע אוס מיט'ן („מיט עים") ?"; „לוז'ן געה!" („לוז עים געין").

נוך ביישפילען אויס ביימען[3]: „געי עכ'ן („איך עים") צום פּקיד פערקלאָגען", „לוססט'ן („לווט עים") דער מעילעך[4] פאַקען", „הוילען ווערד'ן (=„וועט עים") דער גאַיער", „אַף פוילען ווערד מאַר'ן („מיר עים") טראָגען".—

3) פאַר יענע מונדאַרטען, וועלכע כ'נעם-אַרום מיט איין באַצייכנונג „דרומרוסלענדישע", פעילט מיר מאַטעריאַל. איך באַזיץ בלויז איינצעלנע באָבאַכטונגען:

a) אין שיעדלעץ קען מען הערען: „אוטאַרנ̥" („הוט ער אים"), — אַלזו: „אם" פאַרקירצט אין נ̥ ענקליטיש, אין דריטער זילב נאָכ'ן הויכטון [נאָך אַן אַנדער פרונומען (מיט אויסלויט-r), וואס שטייט אויך ענקליטיש נאָך ווערבום פיניטום].

b) ענליך אין קרעמעניץ: — „גימאַרנ̥" („גיב מיר אים"), „נאָדאַרנ̥" („נא דיר אים"), „ברעינגמאַרנ̥" („ברעינג מיר אים"), „לומאַרנ̥ נעמין" („לומיר אים נעמען") א. א. וו.

אנמערקונג. — אין צווייטער זילב נאָכ'ן הויכטון, אפילו נאָך ווערבום פיניטום, בלייבט אין קרעמעניץ: „אים" (מיט רעדוצירטען י, צוליב דער ענקליטישער שטעלונג), ווי: „מ'יאָקט אים, ס'שאַט אים"[5].

נאָך פּרעפּוזיציע בלייבט אין קרעמעניץ „אם" אָהן ענדערונג.

---

[1]) r הערט זיך, טאקי מחמת די ערשטע זילב געפינט זיך אונטערן הויכטון. — [2]) „דער אורקוועלל" I 120. — [3]) l.c. 82 — 83. — [4]) מלך. — [5]) אין ווישקוו: „מ'יאָקט עים".—

וגאַר מיט לאַנגען i, וואָרום אין דער מונדאַרט פאַלט דער הויכטאָן שטענדיק אויף דעם פּראָנאָמען (פּונקט פאַרקערט, ווי אין די פּויליש־יידישע מ״ם); — צ. ב.: „מיט אֶ͡ם, פאַר אֶ͡ם, באַ זעֶ͏י, צי זעֶי״, וכ׳. —

§ 71 — [פאַרקירצונג פון „דעם״, „דעים״ אין n]. — 1) אין קרעמעניץ ווערט דער דאַטיוו סינגולאַריס פון באַשטימטען אַרטיקעל מאַסקולינוּ און נעווטרוּ נאָך פּרעפּאָזיציעס מיט וואָקאַלישען אויסלויט פאַרקירצט אין m; אַזוי: — „באַם [1]) ברינים, צים טיש״.

ענליך אין אַנדערע מ״מ, ווי: אין דער ווישקעווער [2]), אין דער אָ͡שומערער [3]), אין דער מישנ͡צער [3]), אין דער טשעריקאָווער [4]), א. א. וו. —

אין מזרח־גאַליציע [5]): „ס׳ איז נישט צים טויד און נישט צים לעבען״, „אוט זאַי יאַש גישלאָגען צים האַרץ״. — אין סטאַניסלוי [6]) (גאַליציע): „צים אורח״.

אין בוקאָווינע [7]): „צום קוואַל״.

אין ביימען [8]): „צום פּקיד״. —

2) אין אַטייל מ״מ גייט אובער אויך דער m איבער אין n.

אין וואַרשע: „יאַכ׳ל דוך שלאָגן צ͏ין [9]) טויט״, „קים צין רב״, כ׳בין גיוועין באַן [10]) רב״. — אין גריצע: „צין סוף״.

אין בלוינע: „באַן זשאַנדאַאַ״. — אין גראָדזיסק: „צין ראָאָדימע רב״. — אין יאַליוּפּאָל: „צין בוים״. — אין ווינצענטאָוו: „צין רב״.

אין פּולטוסק: „כ׳זיץ באַן אויוון״, — אובער: „כ׳גאַי צי͡ צים אויוון״.

אין בערושין: „צין רב״. — אין גייששטעטל: „צין גובענאַטע.

אין ראָדעם: „צין בוים״.

אין וויערזשוּוו: „באַן טיש״, „צ͏ין טיש״.

אין מאַקוּוו: „צין סליעדטשי״.

אין ריזשאַן: „באַן טיש״, — איבער: „צים טיש״.

אויך אין וואָלקאָווישקי: „באַן טיש״, — און: „צום טיש״.

---

[1]) אויך: באַרנ̥ (זיי אויבען ז׳ 42). — [2]) „באם טיש, צים טיש״. — [3]) מישניניעץ (לומז. ג.): „באם טיש, צום טיש״. — [4]) „באם טים, צום טים״. — [5]) „דער אורקוועלל״ I 279. — [6]) l.c. 346. — [7]) l.c. 13. — [8]) l.c. 82. — [9]) צו דעם. — [10]) בא דעם. (אין וואַרשע, אפילו, נישט אויפט). —

אין מײַערן[1]: „ער הוט אַ קופּע צײן ברעטערטרוגען“.
אין „מײַרען, בײַמען און אונגאַרן“[2]: „בײַן ת“. —

§ 72 — [„הײבאַם“—„הײװנ“]. — 1) דרײַזין 8 ברענגט: „הײבאַם“. — מה״ד (לעק׳ 92): hebeamme, hefamme. נה״ד: Hebamme.
2) האַרקאַװי 127: „הײבען“[3]. — אין װאַרשע: „האַיװנ“[4], — אָפּשװאַכונג פֿון „-אַם“ אין אײן n. —

§ 73 — [„געדערים“—„גידירנ“]. — 1) אין קרעמעניץ: „גדעירים“. — ליפּשיץ 69: „גדערעם“; האַרקאַװי 105: „געדערים“; דרײַזין 65: „געדערם“. — מה״ד (לעק׳ 62): gederme, gedirme; נה״ד: Gedärm.
2) אין פּולטוסק עקזיסטירט דער װאָקאַבל אין געשטאַלט: „גידירנ“[5]. —

§ 74 — [„װאָרים“—„װאָרנ“]. — 1) אין קרעמעניץ, אין בערעזדיװ װערט געברױכט דער אַדװערב „װאָרים“ (אין טײַטש: װײַל, מחמת, היות). — ענליך אין בײמען[6]. — ליפּשיץ 89 און דרײַזין 169 ברענגען: „װאָרים“ [האַרקאַװי 142 לײענט אױס: װאָרום, הורװיץ 44: װאַרום].
2) אין װאַרשע, אין װישקאָװ, אין פּלוצק, אין נײַשטעטל, אין איװאַניסק (ראַד. ג., אַפּט. א.), און אין אַ סך אַנדערע פּױליש-ײדישע שטעדט: „װאָרנ“ [אױך אין גאַליציע[6]: „װאָרען“[7]]. — אין אוסטרולענקע (אין געביט פֿון ליטװ. דיאַלעקט): „װורנ“. —

§ 75 — [צאָזנער]. — אין װישקאָװ קלינגט דער נאָמען פֿון דער שטאָדט Sandomierz (ראַד. ג.): צאָזנער.

---

[1]) „דער אורקװעלל“ I 272. — [2]) l.c. 120. — [3]) אײגענטליך, ריכטיג אױסגעלײגט: „הײבם“. — [4]) װו אַקענען f אין דער פּאַראַלעלער מה״ד פֿורם. — [5]) דער ? — אַקענען מה״ד פֿורם מיט ו. — [6]) „װאַמעלביכער“ II 287. — [7]) אײגענטליך: װאָרנ. —

אין אַנדערע שטעדט — צווזמע (למשל, אין דרילטש), צווזמן (אין ווארשע).

אין ווישקאָוו, הייסט עס, n אָנשטאָט m.

אָנמערקונג. — צו דער עטימאָלאָגיע פון דעם געבראַכטען שטאָדטנאָמען: די ערשטע זילב פון Sandomierz איז דער נאָמען פון טייך, וואָס פאַלט בײַ דער שטאָדט אַרײַן אין דער הײַסעל. דאָס ייִדישע געשטאַלט פון דעם וואָרט: סאָאָן, סאָען. דער אויסלויט-rz פון דעם פּוילישען שטאָדטנאָמען ווערט אין ייִדישען אויסגעשפּראָכען אַלס ר. דער הויכטאָן גייט, לויט'ן ייִדישען שטייגער, איבער אויף דער ערשטער זילב, הובען מיר סאָאָנדמער. — דער ıı פאַלט-אַרויס, ווי אָפט אין פּוילישען ייִדיש, נאָך לאַנגען שטאַמוואָקאַל; דער דענטאַלער עקספּלאָזיוולויט גייט-איבער (פאַר-וואָס, קען איך נישט דערקלערען) אין שנעלשפּרעכענדיקען ספּיראַנט, און דער אַנלויט-S קריגט אַ t פאַר זיך, — אַנטשטייט: צאָאָזמער. —

אַסימילאַציע.

76 § — [איבערגאַנג פון m אין אַנדערע נאַזאַלן]. — 1) בעדאַגהעל 186 שטעלט-אַרויס פאַר דער דייטשישער שפּראַך אַ כלל, וועלכער גילט אויך פאַר דער ייִדישער: „נאַזאַל פאַר עקספּלאָזיוולויט פאַסט זיך צו צום אָרגאַן פון עקספּלאָזיוולויט". — דאָס איז, אַלזוֹ, דערשײַנונג פון טײלווײַזער אַסימילאַציע.

2) אין קרעמעניץ, אין וואַרשע, לובלין, סוכאַטשעוו, הערט איר: „יונטיף"[1]. ליפּשיץ 107 ברענגט: „יונטעוו", „יונטעוודיג"; ספּיוואַק-יהואש 106: „יומטוב" און „יונטוב"[2]. —

[לאַביאַלער נאַזאַל פאַר דענטאַלען עקספּלאָזיוולויט איבערגעגאַנגען אין דענטאַלען נאַזאַל][3].

3) אין קרעמעניץ זאָגט מען: „יונקיפּאַ"[4], אין וואַרשע: „יאָקיפּו", אין ווישעגראָד: „יאָאַרנקיפּער". בײַ ספּיוואַק-יהואש 106 געפונען מיר: „יומכפור" און „יונכפור" —

[לאַביאַלער נאַזאַל פאַר גוטוראַלען עקספּלאָזיוולויט איבערגעגאַנגען אין וועלאַרישען נאַזאַל]. —

[1]) = יום-טוב. — [2]) אויך אין דער דייטשישער גנבים-שפּראַך: Jontef (אווע-לאַלעמאַנט III 551). — [3]) אין ביאַלאָבזשעג: יומטיף. — [4]) יום-כפור. —

4) זאָל מען דעם כלל צוציִען אויך צו דערקלערען די פאָרם „האַין" (§ 65, פ"פ 2—3) ? — מ'קען רעכענען, אַז די פאָרם זאָל תחלת האָבען דערשינען אין קאָמפּאָזיטיס, דערהויפּט אין פאַרבינדונגען מיט דעם פּאַרטיציפּ פּרעטעריטי, וואָס הייבט זיך אָן מיט g (אין „אַהאַים" פליִם „גינגאַנגען, גילאָפען, גיפאָרן, גיקומען, גינומען, גיבראַכט, גיטראָגן, גישיקט, גילאָסט וכ'), און מיט דעם אינפיניטיוו פון איינִיקע ווערבאַ (מיט „קומען, גיין וכ'). אין דידאָזיקע צוזאַמענגעזעצטע ווערבאַלע פאָרמען האָט m (פאַר ק און ג, הייסט עס), לויט דעם אויבענאָנגעוויזענעם פּרינציפּ, געקענט אי־בערגיין אין וועלאַרען נאַזאַל, וועלכער איז דערנאָך, לויט אַנאַ־לאָגיע, איבערגעטראָגען געוואָרען (שוין אַלס דענטאַלער נאַזאַל) אין פאַר־בינדונגען, ווו דאָס צווייטע גליד הייבט זיך שוין נישט אָן מיט גוטו־ראַלען עקספּלאָזיוולויט (אַהאַינגלאָזן, אַהאַינפאָרן, אַהאַינשיקן וכ'), און זאָגאַר אין פרייען אויסלויט פון די אַדווערבען, וואָס זענען געבראַכט אין § 65. —

§ 77 — [פּאָלשטענדיקע אַסימילאַציע]. — 1) אין גראָוויטשאָוו (ראַד. ג., קילצק. א.) האָב איך געהערט: „אַניבוזן" (ד. ה.: אומניבוסען); — אין קליין־ביאַלי: „אַניבום" (אומניבוס) [לאַביאַלער נאַזאַל פאַר דענטאַלען איבערגעגאַנגען אין דענטאַלען].

2) אין וואַרשע קענט איר הערען (אין מויל פון פרויען): „אַגגים־געפיש"[1] (מיט דײַטליך טאָפּעלטען ג), — פּראָגרעסיווע אַסימילאַציע.

פאַרלוסט פון m.

§ 78 — [איבערגאַנג פון „מען" אין נֺ]. — אין איינִיקע יידישע מונדאַר־טען פאַרלירט דאָס אומבאַשטימטע פירוואָרט „מען", ענקליטיש, נאָכן קאָנסאָנאַנטישען אויסלויט פון ווערב, דעם אַנלויט־m, און די איבער־געבליבענע זילב „ען" גייט איבער אין נֺ.

1) דערהויפּט זייען מיר דאָס אין די פּוילישע־יידישע מ"מ.—צ. ב.: אין לובלין: „אויטנֺ עים גיגעין" (=האָט מען אים גיגעיבם), „וואָס טיטנֺ דאָ?", „איזנֺ גיגאַנגין", „דאַוויטנֺ" (=דאַוונט מען), „לאַכטנֺ", „מיזנֺ".

[1] עגמת־נפש. —

אין פּאַרטשעוו (לובל. ג. ראַדינ. א.): „אוטנ̥״ (הוט מען).
נײשטאָט (קיעלצ. ג., פּינטש. א.): „עפּנט̥נ״.
2) ווי ס'שײַנט, קען מען די דערשײַנונג באַגעגענען, הגם נישט אַזוי אָפט, אויך אין די דרומרוסלענדישע מ״מ. אַזוי למשל:
אין קרעמעניץ: „אוטנ̥ ניאַ (=הוט מען מיר) גיגעבּם״.
אין וואָלאָגוווקע: „ערטנ̥״ (=הערט מען). —

§ 79 — [סאָוראַדישער m-פאַרלוסט]. — אין גאַנץ פּוילען זאָגט מען: „אָובּי-ליזאַציע״. — פון אָקטאָבער 1914, ווען כ'בּין צוריקגעקומען פון אויס-לאַנד קיין וואַרשע, איז מיר אויסגעקומען דאָס וואָרט צו הערען אָהן אַ גוזמא טויזענט מאָל, און איך קען באַשטעטיגען, אַז אַ מענטש פון דער פאָלקסמאַסע וועט דעם וואָקאַבּל נישט אַרויסרעדען מיט דעם אַנלויט-m. זוגאַר זעלנער זאָגען „אובּיליזאַציע״. אויך לײַט, וואָס לײענען צײַטונגען און זײַען שוין אויס ווי האַלבּע אינטעליגענטען, גע-ברויכען נישט די ריכטיקע פאָרם. צי איז די פאָלקסעטימאָלאָגיע אַנטשטאַ-נען ערשט אין יאָר 1914, אָדער פריער, למשל בשעת דער מלחמה מיט יאַפּאַן, צי נאָך פריער, קען איך לעת-עתה נישט פעסטשטעלען. — כ'האָב דעם וואָקאַבּל פאַרנאָטירט פאַר וואַרשע מיט די פאָרשטעדט (פּראַגע, מוקאָטאָוו, וואָליע וכ׳), פאַר גריצע, גער, טאַרטשין, גראָדזיסק, קאַלושין, שיעניצע, אַמשינאָוו, נאַשעלסק, סאָסנאָוויץ, נײשטעטל (ראַוו. א.), מאַקאָוו, קראַסנאָסיעלצע (מאַקאָוו. א.), פּשיטיק, גאַרוואָלין, סטאָצק, א. אַ. וו. —

§ 80 — [איבּערגאַנג פון m אין w]. — אין קרעמעניץ זאָגט מען: „צווינטאַ״ [1]) (אַ קריסטליכער בית-עלמין); — ליפשיץ 169 ברענגט: „צווינ-טער״; — הורוויץ 79: „צווינטער״ און „צמענטער״ [דרײַזן 197: צמינטער] = פּוילישען Cmyntarz (Cmentarz)

אָנמערקונג. — אין לובּלין, אין סקערניעוויץ הוב איך געהערט:

[1]) זול דאָס זײַן רעגרעסיווע דיסימילאַציע: דער דענטאַלער נאַזאַל שטופּט-אַרויס דעם לאַבּיאַלען? כאַראַקטעריסטיש, אַז דער לויט, וואָס דערשײַנט אַנשטאַט דעם לאַבּיאַלען נאַזאַל, איז אויך אַ לאַבּיאַלער (אײגענטליך, אַ לאַבּיאָ-דענטאַלער). —

באַסמענטיש; אין פּױלנישן: בעסמענטאַש[1]. אינטערעסאַנטע פאָלקסעטימאָלאָגיע: צונױפגוס פון העברעאיש „בית״ מיט׳ן פּױלישן cmentarz, אַנאַלאָגיע־בילדונג לױט די ריין־העברעאישע: בית־כּנסת, בית־עולמין, בית־חיים, בית־הקברות. —

Varia.

§ 81 — [ניטאָרגאַנישער מ]. — אין קרעמעניץ קען מען הערן אין מױל פון המון: „סימבלאַ״ (סיבּיר); אין אופּאַלע (לובל. ג. פּילעװ. א.): „סאַמבלע״.

אין אַקסענפעלדס „דער ערשטער יודישער רעקרוט אין רוסלאַנד״ ז׳ 10 לײענען מיר: „אַהין װאָס מע װעט זײ אפשר אַװעק שיקן קײן סימביר״; — ז׳ 12: „איך איהר װעלװיל װעט אױך געהן קײן סימביר״; — ז׳ 20: „אפשר שיקן קײן סימביר״.

גענױער װעגן דעם מ — אין פאָלגענדיקן עטיוד, אין די קאַפּיטלען „אַסימילאַציע“, „נאַזאַלירונג“. —

§ 82 — [אָנמערקונג]. — 1) די דערשײַנונגען, װאָס זענען געשילדערט אױבען אין די §§ 66—74 און 78, קענען באַטראַכט װערען אַלס באַזונדערס װײטגײענדיקע אױסדרוקען פון דעם עטימאָלאָגישען געזעץ, װאָס גילט פאַר די יידישע מונדאַרטען, װי פאַר די דײטשישע —: װעגן אָפּשװאַכונג פון אומבאַטאָנטע זילבען.

2) אין װאַרשע זאָגט מען „צעלין״[2], „הױס״[3], — אָבער „דראַצנ״, „ראָטעם״[4]. דאָס זענען בײשפּילען, װי די װאָקאַלען פון אומבאַטאָנטע ענדזילבען װערען אָפּגעשװאַכט[5]. — פון די דערמאַנטע §§ זעהען מיר, װי קאָנסאָנאַנטען פון דער ענדזילבּ אָדער פון ענקליטיש צי פּראָקליטיש שטײענדיקע אײנזילביקע װערטער װערען אָפּגעשװאַכט, אָדער פאַרשװינדען אינגאַנצען.

3) דער איבערגאַנג פון לאַביאַלען נאַזאַל אין דענטאַלען איז אױך דערשײנונג פון אָפּשװאַכונג, װאָרום m באַלאַנגט צו די שװערע[6] קאָנסאָנאַנטען, n — צו די זײער לײכטע[7]. —

---

[1]) אין פּױלניש זאָגט מען: „דאָס איז אַ צמענטאַזש״, אָבער: „דער משומד ליגט אױפ׳ן בעסמענטאַש״. — [2]) צאַלװורט: 10. — [3]) הױז. — [4]) ניט „דראַצעלין״, „ראָטהױס״. — [5]) גענױער װעגן דעם געזעץ — אין אַ באַזונדער עטיוד. — [6]) װילמאַנס I 162. — [7]) l.c. 133. —

IV

די יידישע נ-לויטען.

דאָס פיזיאָלאָגישע.

§ 83 — [דענטאַלער און וועלאַרער נאַזאַל] — 1) די יידישע שפּראַך, ווי די דייטשישע, באַזיצט צוויי נ-לויטען: אַ דענטאַלען און אַ וועלאַרען. ביידע ווערען אַרויסגעגעבען בײַ געשלאָסענעם מוילקאַנאַל און אַראָפּגעלאָזטען גומענפאָרהאַנגעל, וואָס עפענט פאַר דער שטים דעם וועג אין דער נאָז אַריין. נור בײַ דעם צאָן-נאַזאַל ווערט דער מוילקאַנאַל געשלאָסען אויף די אויבערשטע ציין (די קאנטען פון דער צונג ליגען זיך אויף די באַקציין, און דער שפּיץ אירער דריקט זיך צו צו די ווורצלען פון די שנײַדציין); בײַ דעם קעיל-נאַזאַל ווערט דער מוילקאַנאַל געשלאָסען אַזוי ווי בײַ די גומען-עקספּלאָזיוולויטען.

2) דער גוטוראַלער[1]) נאַזאַל קומט-פאָר נור אין די פאַרבינדונגען: ־נק, ־נג[2]).

§ 84 — [נאָזוואָקאַלען]. — 1) אויך זיי קען מען פאַררעכענען צו נאַזאַלע לויטען.

2) די ריינע זעלבסטהילכער ווערען, ווי באַוווסט, אַרויסגעגעבען בײַ אָפענעם מויל און געשלאָסענער נאָזהייל[3]): דאָס גומענפאָרהאַנגעל און דאָס צינגעל, וואָס הענגט פון אים אַראָפּ, זענען אונטערגעהויבען, צוגעדרוקט צו דעם הינטערשטען ווענטעל פון שלינג[4])

---

[1]) ד. ה. דער וועלארער (דער קעיל-נאזאל). — [2]) פארגלייך צו דעם §: הילמאננס 6, גוטטמאנן 111, 107. — [3]) גוטטמאנן 94. — [4]) דייטשיש: Rachen. —

און דערלוזען נישט די לופט אין נאָז אריין — פאַר איר בלייבט אופען בלויז דער מוילקאַנאַל. — העגנט אובער דאָס גומענפוראַנגעל מיט'ן צינגעל שלאַבריק אַראָפּ, און די לופט פון די לונגען קען אַרויסגיין גלייכצייטיק דורך דאָס מויל און די נאָז, — ווערט דער וואָקאַל „נאַזאַלירט"[1], באַקומט אַ נאָזטעמבר, פאַרפאַרבט — אַלס נורם — מיט נ, אַלס זעלטענער אויסנאַם — מיט מ.

3) די נאַזאַלירונג פון וואָקאַל קען זיין:

a) אַ לויטגעזעצליכע: פאַרשווונדעניקער נ גיט־צו אַ נאַזאַלטעמבר דעם זעלבסטהילכער פאַר זיך[2];

b) אַשפּונטאַנע — אָהן אַ שום אָנזיעוודיקער סבה[3];

c) רעזולטאַט פון שלעכטער אויסשפּראַך. דערהויפּט קומט־פור דער „אינופורטונער נאַזאַלקלאַנג", ווי גוסטמאַנן[4] רופט אים, — ווען אין וורט געפינט זיך די פאַרבינדונג נק אודער נג. זי גיט אופטמאָל איבער דעם נאָזטעמבר נישט בלויז די וואָקאַלען פאַר זיך און נאָך זיך, נור אויך — אין מויל פון באַזונדערס נאַכלעסיקע רעדער — דעם גאַנצען וורט. —

פּאַלאַטאַליזירטער n.

§ 85 — 1) די פּאַלאַטאַליזירונג פון דענטאַלען נאַזאַל קומט אים־אַלגעמיין זעלטענער פור, ווי די פּאַלאַטאַליזירונג פון l.

2) איך באַצייכען דעם פּאַלאַטאַליזירטען נאַזאַל: נ׳ (אודער נִ, ני).

3) די פּאַלאַטאַליזירונג פון n קען זיין: אַספּוראַדישע, אודער אַ לויטגעזעצליכע דערשיינונג. —

§ 86 — [ספּוראַדישע פּאַלאַטאַליזירונג]. — 1) אַלס צופעליקע דערשיינונג, אין דעם אודער יענעם איינצעלנעם וורט, באַגעגענען מיר נ׳ אין אַלע, ביעג מען דרייסט זאָגען, יידישע מ"מ.

---

[1] „Indogermanische Sprachwissenschaft", von Prof. Dr. Rudolf Mering. Leipzig 1903, s. 15 (Sammlung Göschen). —
[2] זעה ווייטער די קאַפּיטלען: „ארויספאַל פון פורקונסונאַנטישען n", „אַפּפאַל פון קונסונאַנטישען נאַזאַל אין דער ענדונג en-" און „פאַרלוסט פון שטאַמהאַפטיקען אויסלויט n". — [3] זעה ווייטער, דאָס קאַפּיטעל „נאַזאַלירונג". — [4] 137. —

2) מערסטענטײלס קומט ני פאָר אין סלאַווישע און אַנדערע פרעמדע ווערטער,

3) ליפשיץ ברענגט: ניאַנקעלע[1]) = פּויליש niuńka[2]); קעשיניע[3]) = פּויליש kieszynia; נאַסניע[4]) = פּויל' nasienie; זשמעניע[5]) = רוסיש жменя (דער וואָקאַבעל ווערט אין רוסיש שוין נישט געברויכט); קוניאַק[6]) = פּויליש koniak, רוסיש коньякъ, פראַנצייזיש cognac; ניורען זעך[7]) — אַקעגן רוסיש нюрить, וכ'.

אַנמערקונג 1. — אים אַלגעמיין, געפינען מיר בײַ ליפשיצן ווייניק ווערטער מיט באַצייכענטער פּאַלאַטאַליזירטער נ. זוגאַר נית איטליכע פֿאָרוואָקאַלישע ני גיט דער אויטאָר צו אַ-י-ן; אַזוי, טרעפן מיר בײַ אים: נאַנקע[8]), — אַלזו, אפילו נישט: ניאַנקע, ווי האַרקאַווי[9]) לייגט דאָס וואָרט אויס. — דעם פּאָרקאָנסאָנאַנטישען ני באַצייכענט ליפשיץ קיין איין מאָל נישט. ווי ס'ווײַט-אויס, האָט ער נישט געקענט געפינען קיין פּאַסיק גראַפיש מיטעל דערצו. —

בײַ האַרקאַווין: ניאַנקע, ניאַנטשען[10]), קוניאַק, קוניוך, קוניושניע[11]), גראַפיניע[12]), וכ'.

בײַ הורוויצן: ניאַנקע, קוניאַק[13]), וכ'.

אַנמערקונג 2. — ביידע באַצייכענען גוך די פּאַלאַטאַליזירונג פון פּאָרוואָקאַלישען נ; די פּאַלאַטאַליזירונג פון פּאָרקאָנסאָנאַנטישען נ גיבען זיי אויך נישט איבער. —

4) אין קרעמעניץ: קעשיני, זשמעני, ניאַניקי, קוניאַק, באַניקי[14]), נוני[15]), דיני[16]), וכ'.

---

1) 131: „ничтожный человѣкъ". — 2) „יונגער נאַשער", „יונגער שוטה"; בילדליך: „איינער, וואָס מאַכט זיך, ווי ער וואָלט קיין צוויי נישט קענען ציילען"; גרוב: „יונגער סמאַרקאַטש". — 3) 200. — 4) 130. — 5) 97: ручища, лапища, горсть. — 6) 183. — 7) 131: „рыться рыломъ". — 8) ו' 130. — 9) ו' 214. — 10) 214. רוסיש: нянька, нянчить; פויליש: nańka, niań-ka). — 11) 295. רוסיש: конюхъ (פויליש: koniuch), конюшня. — 12) 110. רוס': графиня. — 13) 64, 83. — 14) אין טופּעלער טײַטש: a) דאָס בלעזעל, וואָס מ'שטעלט אַ קראַנקען [פויליש: bańka; רוסיש: банка; ליפשיץ 154; б) אַ בלעכענע כלי צו נאַפט. — 15) = נאָ, נאָ. [ס'איז אַ שפּוטפאָרם. מ'זאָגט „נו-נו, אוט עיט אַ נוני!" — ד. ה. אַ אויסערגעוויינטליך גרויסע אודער מיאוסע באָז.] — 16) אין קרעמעניץ רופט מען אַזוי יענע פרי, וואָס הייסט אַף רוסיש

אין וואַרשע: באַנקי, באַניקעירן[1]) (פּלוראַל, ביאַנקאַלי[2]) וכ׳.

5) דער רוהאַטשעווער (מוליוו. ג.) וואָקאַבעל „באַניער“[3]) לוזט זיך, ווי ס׳שיינט, צוריקפירען צום פראַנצויזישען banière, און נישט צו דער מה״ד פורם[4]) baniere (banier), וואָרום דער מה״ד דיפטונג ie גייט אין יידישען אים אַלגעמיין איבער נישט אין je, נור אין i.

אנמערקונג 3. — דער סומפולנער פּאַנליער (זיי אויבען ד׳ 32), דאַגעגען, לוזט זיך צוריקפירען צו דעם מיטעלהויכדייטשישען געשטאַלט (panier == banier). —

6) די אַרטיקולאַציעשטעלע פון נ׳, פון וועלכען ס׳איז די רייד אין דעם §, איז עטוואָס אַנדערש, ווי נורמאַל, — אַנאַלאָגיש, ווי בײַם ספּוראַדיש־פּאַלאַטאַליזירטען l (זיי אויבען § 32). —

§ 87 — [לויטגעזעצליכע פּאַלאַטאַליזירונג]. — 1) אין פּוליוו ווערט דער דענטאַלער נאַזאַל שטענדיק פּאַלאַטאַליזירט נאָך k. — אזוי: קנייפּ[5]), קניליע[6]), קניעכו, קניעפּו, קניאַפּ[7]), קניובו, קניויט, קניופּ; קניעלן[8]), קניעיטן, קניאַיטשן, ציקניאַיטשט, קניאַפּם, קניאַקן, קניודערן[9]).

арбузъ, הגם дыня (פּויליש: dynia) באַטייט גאָר דאָס דייטשישע Melonen־ Wassermelone, Zuckermelone, kürbis (באָטאַנישער נאָמען: Cucumis melo). ליפשיץ 75: דיבליע (נישט גענוי אויסגעלייגט, וואָרום מיט i אַנשטאָט j). —

1) די ווייסע „סיעמיטשקעס“, ווי מ׳רופט זיי אין קרעמעניץ. אף פּויליש: bania: איטליכער בויכיקער, אודער הוילער, אודער אויסגעבלאָזענער קערפּער; צווישען אַנדערע טייטשען, אויך: איטליכס בויכיק געפעס. — דאָ באַטייט „באַניע“ אַ קירבּים, וואָס זיינע ווייסע קערלעך טרוקענט מען און מ׳עסט. אין קרעמעניץ רופט מען עס: „אַרבּיז“ (אף רוסיש: „тыква“). —

2) „זעי גו ס׳ ביונביק אלי“ (ד. ה. דאָס מענטשעלע, וואָס זעיט־אויס אַזוי אומשולדיק, אזוי שטיל, ווי ס׳וואָלט נישט געקענט קיין צוויי ציילען, — איז, אָבער, אין־דער־אמתן, אַ מזיק, אַ פייער, אַ ברען). — 3) „באַניער“ הייסט אין רוהאַטשעוו, ווי ה׳ ה. צייטלין האָט מיר איבערגעגעבען, די שמחת־תורה־פאָן פון יידישען קינד. — 4) שטאַמט פון דער געבראַכטער פראַנצויזישער (לעק׳ 10). — 5) נומען. — 6) סינגולאַר (פעמינינום). פלוראַל: קנליִן. — 7) טרוועריב. — 8) וועלטען געברויכט אין פּוליוו. — 9) אף רוסיש: комкать. —

2) ענליך אין אופאלע (לובל, ג. פיל. א.), אין מויל פון פרוס-טערען עולם.

3) דער ני נאך א הוט געענדערטע ארטיקולאציע,—אנאלאגיש, ווי נאך די גומענעקספלאזיוולויטען (זעי § 35 פ׳ 2).—

קונסאנאנטישער n.

§ 88. — 1) כמעט איטליכע [אויסנאמען — ווערטער[1]] אומבאטאנטע נאך-קונסאנאנטישע זילב en- אודער in- ווערט אין אלע יידישע מונדארטען פארקירצט אין סונאנטישען n, וועלכען כ׳באצייכען ן(n).

2) נאטירליך, מוז די זילב זיך געפינען אודער אין פרייען אויס-לויט, אודער פאר קונסונאנט.

אנמערקונג 1. — ליפשיץ הוט אונטערשיידט צווישען סונאנטישען און קונסונאנטישען ן. פאר׳ן ערשטען שרייבט ער קיינמאל נישט קיין וואקאל.

אנמערקונג 2. — אנ׳אילוסטראציע צו דער רולע פון דער באטונונג: אין קרעמעניץ געברויכט מען: וואגון[2]) (פון דער אייזענבאן)—פון רוסישען вагонъ, מיט הויכטון אף ענדזילב. — אין פוילען (למשל, אין ווארשע, אמשינוו, קליין-ביאלי, בערושין, בודזאנוו א. א. וו.) איז דער וואקאל גענומען אין זיין פויליש געשטאלט: wagon — הייכטון אף ערשטער זילב, — איז מאקי די ענדזילב אפגעשוואכט געווארען, און מ׳זאגט: וואגן.

אנמערקונג 3. — נה״ד געשיידט דאסאייגענע מיט איטליכער נאכהויכטוני-קער נאכקונסונאנטישער זילב en- (אויך אין פרייען אויסלויט, אודער פאר קונסונאנט). — זעי, למשל, מערינגער l.c. ז׳ 17. —

n אין פרייען אויסלויט.

§ 89. — אמפארשפרייטסטען איז n אין פרייען אויסלויט. —

§ 90 — [אין סינגולאר פון סובסטאנטיוון] . — 1) אין יידישען רעגעל הויפט-ווער. ער מיט סונאנטישען ן-סופיקס א זעלטענע דערשיינונג.

באַ ליפשיצן: נאך r: גארן, דורן, הורן, צורן, קורן,

---

[1]) אין קאפיטעל: „קונסונאנטישער n״. — [2]) אויך באַ ליפשיצן 87. —

שטערנ[1]; — נאָך ל[2]: ווילנ[3]; — נאָך די לאַביאַלע ספּיראַנטען: ברונפנ, אויוונ[4]; — נאָך גוטוראַלע: בעקנ, וואָלקנ, פלוקנ, ריקנ, שטעקנ; בויגנ, וואָגנ, ליגנ, מאָגנ, פאַרגעניגנ, פאַרמעיגנ, פרימורגנ, רעיגנ; צייכנ, קיכנ[5]; — נאָך דענטאַלע: בורטנ, גאָרטנ, גערשטנ[6], סאָטנ[7], קאַסטנ; לאָדנ, פלאָדנ, שאָדנ; דעסנ, קישנ; אײַזנ, ברוזנ, פעלזנ[8].

אין וואַרשע, אויסער די אַלע, נאָך: ביסנ, גילנ[9], קנוכנ.

אָנמערקונג 1. — אין קרעמעניץ זענען די אַלע נומינאַ, אויסער „אָזן", — מאַסקולינאַ. — „אָזנ" איז נעווטרום, ווי אַלע נומינאַ, וואָס באַצייכענען מעטאַלען; ווי: גולד, זילבאַ, מעש, קופּאַ, צין, שטאָל, בלעך.

אָנמערקונג 2. — אין גה"ד זענען די נומינאַ פון דער אַנאַלאָגישער גרופּע אויך מאַסקולינאַ. אײניקע פון זיי האָבען נאָך אין מה"ד־פּעריאָד, אַנדערע ערשט נה"ד פאַרלוירען דעם סופיקס און אויך דאָס געשלעכט דריבער געענדערט, געוואָרען פעמינינאַ[10]. למשל, Wolke, Waffe, Molke, Lüge, Linse.

אָנמערקונג 3. — אין דער וואַרשעווער יידישער מונדאַרט ווערט געברויכט דער נומען קעיר (פעמינינום); — האַרקאַווי 308 ברענגט: קערן (מאַסקולינום) און דעם דעמינוטיוו קערענדעל (נעווטרום); — מה"ד (לעקס' 122): kërne, kërn (מאַסקולינום); — נה"ד: kern (אויך מאַסק'). צוזאַמען מיט'ן פאַרלוסט פון נ־סופיקס איז דער וואַרשעווער וואָקאַבעל געוואָרען פעמינינום (לויט'ן כלל, וואָס איז גילטיק אויך פאַר גה"ד)[11]. —

[1]) ז"ז 66, 75, 83, 168, 185, 212. — [2]) נאָך נאַכוואָקאַלישען l. — [3]) 90. — [4]) 63, 8. — [5]) 62, 88, 162, 205, 212; 53, 87, 113, 116, 147, 152, 166, 206; 172, 187. —

[6]) בפירוש, אַלס סינגולאַר (מאַסקולינום), אין טאָפּעלער באַטייטונג: a) תבואה (ЯЧМЕНЬ); б) אַ געשוויר אויפ'ן אויג. — האַרקאַווי 109 ברענגט אַלס סינגולאַר: גערשט (פעמינינום), אַלס פּלוראַל — גערשטען. אויך אין וואַרשע: געיושט (סינג.) — געיושטנ (פּל.); אין נאָדאַרזשין: געיעשט — געיעשטנ. —

[7]) = שאָטן. — [8]) 56, 66, 71, 133, 183; 111, 162, 207; 76, 188; 8, 63, 164. —

[9]) די צוויי אויך אין קרעמעניץ. דאָס ערשטע — האַרקאַווי 84; דאָס צווייטע — האַרקאַווי 102, אין געשטאַלט: גילדען (15 קאָפּיקעס). — [10]) ווילמאַנס II 302. —

[11]) אין קרעמעניץ איז באַקאַנט נור: קעירל (ליפשיץ 200: קערל). דאָס איז דעמינוטיוו צו קערנ, אַזוי ווי פלעקל, שטעקל, געיאַטל, קעסטל, אייוואַלי, בײַגאַלי, וועיגאַלי, מעיגאַלי, קישאַלי זענען דעמינוטיווע צו די אויבען געבראַכטע נומינאַ מיט נ־סופיקס. —

ג) העברעִישע סובסטאַנטיווען פאַרלירען אין דער פאָלקס-אויססשפּראַך דעם נאָכקאָנסאָנאַנטישען אומבאַטאָנטען וואָקאַל, וואָס פאַר דעם אויסלויט-ן, און דער נאַזאַל נעמט-אָן סאָנאַנטישען כאַראַקטער.— צ. ב., אין קרעמעניץ:

נאָך די ציטערלויטען: אַרן, אָרן, זיקאָרן, כיסאָרן, קעירן; באַלן, טפילן [1]; — נאָך די לאַביאַלע ספּיראַנטען: אויפן, דאַלפן, כאַלפן, צאָפן; כעשון, מעיון, סיון, עיון-טוו [2]; — נאָך גוטוראַלע: זאָקן, טיקן-כצוס, מאַשקן, מישקן; ניגן; באַטכן, ביטאָכן, ניצאָכן, שאַטכן, שילכן-אָראַך, שאָכן [3]; — נאָך דענטאַלע: מכיטן, פּאַיטן; לאַמדן, נאַדן, פּאַכדן, פּיקאָדן; יאַכסן, כאָטן, ליוויאָסן, נאָסן, ניסן, קאַסן; אַקשן, בּאַישן, דאַרשן, לאָשן; יירגאָזן, כאַזן, ראַגזן; קאַמצן, קאַפּצן [4].

אָנמערקונג 4.— אַזעלכע ווערטער, ווי קבּרן, פּזרן, הקרן, יקרן [5] איז אפילו נישט גרינג אויסצורעדען מיט סאָנאַנטישען נאַזאַל. די סבּה איז: די צוויי קאָנסאָנאַנטען פאַר דער ענדזילבּ — אין אזא קאָמבּינאַציע, צו וועלכער די יִדישע שפּראַך-אָרגאַנען זענען נישט געוואוינט. די וואָקאַלען ווערען, אים אַלגעמיין, נישט אָפט געבּרויכט. צוליב דער שווערער אויסשפּראַך, קען מען זיי אַמאָל הערען נישט מיט -ן צום סוף, נור מיט -ען, -ין, אַלס ענדזילבּ.—

§ 91 — [אין פּלוראַל פון סובסטאַנטיוואַ]. — 1) אין -ן ווערט פאַרקירצט, נאָך די אייגענע לויטען, ווי אין § 90 אָנגעוויזען, די פלעקסיע „-ען“, מיט וועלכער אייניקע נאָמינאַ בּילדען דעם פּלוראַל.

למשל, אין קרעמעניץ: אָדאַרן, אויאַרן, באַרן [6], בּעירן, גיזירן [7].

---

1) אַהרן, אָרון, זכּרון, חסרון, קרן; בּעלן, תּפילין (ספּיוואַק-יהואש, 319, 17, 78, 94, 238; 39, 274).— 2) אופן, דלפון, חלפן, צפון, חשון, מבין, סיון, אבן-טוב (l.c. 6, 59, 91, 228; 97, 139, 194, 2).— 3) זקן, תיקון-חצות, משכון, משכן; נגון; בּדחן, בּטחון, נצחון, שדכן, שולחן-ערוך, שכן (l.c., 79, 275, 176, 176; 182, 21, 26, 189, 250, 252, 256).— 4) מחותן, פּיטן; למדן, נדן, פּחדן, פּקדון; יחסן, חתן, לויתן, נתן, ניסן, כּעסן; עקשן, בּישן, דרשן, לשון; ירגזון, חזן, רגזן; קמצן, קפּצן (l.c., 151, 217; 134, 183, 217, 221; 109, 99, 132, 329, 186, 123; 210, 26, 61, 136; 112, 86, 241; 235, 229).— 5) l.c. 230, 216, 95, 112.— 6) ליפשיץ 55: בּאַר; האַרקאַווי 79: בּאַרנע.— 7) געבּרויכט נור אין פּלוראַל [ליפשיץ 69: געהירן]; —

טאַטאַרנ, טויאַרנ, טירנ, טרעירנ, יאָרנ[1], מעירנ, נימאַרנ, נירנ, על-טאַרנ[2], כאַפירנ, פלידאַרנ, פעידאַרנ, רעירנ, שנירנ, שעירנ; טאָלנ, מילנ, פילנ[3], קוילנ, קנוילנ, קרעלנ, שוועלנ, שטאַלנ, שטילנ, שטראַלנ, שילנ; — זייפנ, רייפנ, שיפנ, שלייפנ, שרוופנ; עיוונ[4]; — באַקנ[5], בריקנ, גליקנ, זוקנ, טוקנ[6], טערקנ, לוקנ, פוקנ, פלעקנ; אויגנ, וועיגנ, כאַגנ[7], פליגנ, צוואַגנ[8], ציגנ, קעיניגנ, רויגנ[9], שטאַגנ[10]; ווולכנ[11], זאַכנ, טאַכנ[12], יווכנ, ציכנ, שפראַכנ; — אָוונטנ, בריליאַנטנ, גיבליטנ[13], וועלטנ, גישעפטנ, דימיטנ, ווינטנ[14], זאַטנ[15], מיניטנ, נעיסטנ, צאַטנ, קאָאַטנ[16], קייטנ, קליעיטנ, קנויטנ, קעלטנ, שויטנ[17]; אלדנ, מיידנ, פאַלדנ, שוועירדנ; אוקסנ, ביקכנ, גאַטנ[18], פיקסנ, שוסנ[19]; אויזנ, אָזנ[20], גראַזנ[21], גראָנ, פראַנצויזנ, קעיזנ, ריזנ, רלזנ; המנטאַשנ, טישנ, לוקשנ, ערשנ[22], קוישנ, דאַטשנ, מענטשנ; וואַנצנ[23], טאַצנ[24], מאַרצנצנ, ניצנ, פאַלאַצנ, פעלצנ, קרעכצנ, שפיצנ.

אין וואַרשע: „געלטנ"[25] (הארקווי 107 „געלדער"), „פלאַשנ"[26] (הארקאווי 256: „פלעשער"). — אין לובלין (אין מויל פון קינדער): „פערדנ"[27]). —

2) אויך אייניקע העברעישע סובסטאַנטיוועז הובען פליוראַל אַף

---

[1]) „די יאָרן גייען טוועק", „אַ צייט מיט יאָרן אז פון אים קין שום ידיעה ניט געווען"; — אובער: „5, 10, 20, 50 יאָר" (אויך פליוראַל). — ד"ר שלמה עטינגער אין זיינע „משלים" (ס"ט פעטערבורג, תרמ"ט): „יאָהרען זעה איך קומען, יאָהרען פליהען"... (ז' 175); און: „חי דימענטען און בריליאַנטען קלאַר, זענען ביי דעם מענש די קינדער-יאָהר" (ז' 153). — [2]) בלויז פליוראַל. — [3]) ליפשיץ 159. — [4]) „הייוון" (נור אין פליוראַל); זעי הארקאווי 127. — [5]) אובער צו בוק — פליוראַל: בעק (הארקאווי 78). — [6]) ליפשיץ (ליפשיץ 102). — [7]) צו: וועיג, פייג. — [8]) צווייגן. — [9]) ליפשיץ 203 ברעינגט דעם סינגולאַר: רויג; הארקאווי 314 — בלויז דעם פליוראַל. — [10]) שטייגן. — [11]) אובער: „לעכער". — [12]) טייכן. — [13]) נור אין פליוראַל, ליפשיץ 68: געבליטנ. — [14]) אובער: „קינדער, רינדער". — [15]) זייטן. — [16]) צייטן, קאַרטן. — [17]) הארקאווי 324 — [18]) אובער: „פעסער", „פעסער". — [19]) אובער: „שלעסער". — [20]) הויזן, האָזן. — [21]) גרייזן. — [22]) הערשן. — [23]) אובער: מענער, קרענער, שמענער. — [24]) אובער: קעץ (הארקאווי 297). — [25]) צו „געלט". — [26]) צו „פלאַש" (אין קרעמעניץ: פלעשאַ). — [27]) פליוראַל צו פעיאַט (פערד). —

ח•— צ. ב.: הִשְׁתַּדְלוּתן, הִשְׁתַּנוּתן, הִתְחַיְיבוּתן, הִתְמַנוּתן, הִתְנַצְלוּתן, מַחְלוֹקֶתן [1], (ספּיוואַק-יהואש 71, 72, 152); איצאָיסן [2] (וואַרשע) [3]. —

§ 92. — [אַלס סופיקס פון פּעמינינום]. — אַלס -ן כּרעט, נאָך די דערמאָנטע לויטען, אין יידישען אויף דער סופיקס „-ין" [4], וועלכער בילדט פעמי-נינאַ פון מענליכע נאָמינאַ [5].

1) אין פּוילישען יידיש איז דער סופיקס זייער פּאָפּולעריש.— אַזוי, אין וואַרשע, למשל, הערען מיר:

אַאַבּרעינגורן, אוּוסבּרעינגורן [6], אַרבּיטאָרן [7], בּעיטלורן [8], בּע-קירן [9], גיווינורן [10], גייורן [11], געגדזלורן [12], דוקטורן [13], פּאַדי-נורן [6], הענדלורן [12], (וואַאַנהענדלורן, מעיבּוהענדלורן), העלפּורן, מיטהעלפּורן [14], וואַרטאָרן [11], וואַרטן [15], וועלגורן [16], וועשן [17], זאָ-גורן [11], זוּופּורן [6], פּאַזורגורן [6], זייגורן [18], צוויגורן [19], טיקורן [11] טרעפּורן [11], ליגנורן [6], לעירורן [12], לעיקוכן [20] (גנבטע).

---

[1]) די זילב „-ות" — אין קרעמעניץ, אין וואַרשע אויסגעשפּראָכען: „-יס".—
[2]) צו: הוֹצָאָה (ספּיוואַק-יהואש 63: הוֹצָאוֹת).— [3]) ליגעצקי 67 זאָגאַר: לשונות'ן.—
[4]) == אינדוגערמאַנישען -enî, גאָטישען -ini, אה"ד -in, מה"ד -inne, נה"ד -in (ווילמאַננס II 309—311). — [5]) הויפּטזאַכליך זעגען דאָס פּעמינינא צו מענליכע נאָמי-נאַ אַפּעלאַטיווא מיט פערזענליכער באַדייטונג (ווילמאַננס l.c.). — [6]) ד"ה פרויען מיט באַשטימטער אייגענשאַפט; אָבער דורכאויס נישט ווייבער פון מענער מיט די אייגענשאַפטען. — [7]) אַ פרוי, וואָס אַרבעט. צו „אַרבּעטורו" (אַזוי, מיט פאַרלוירט פון איין r). — [8]) „אַן אָרימע פרוי"; אָדער „אַ פרוי, וואָס בעיטלט" (נישט ווייב פון אַ בּעיטלער!). — [9]) אַ בעקערס אַ ווייב; אָדער אַ פרוי, וואָס פירט אַ בעקערײַ. — [10]) ד. ה. קינטפּעטאָרן (קיין אַנטשפּרעכענדיק מאַסקולינום נישטאָ). —
[11]) אין דער באַדייטונג: אַ פרוי מיט דער פּראָפעסיע, אַף וועלכע עס ווייזט-אָן דער שורש פון וואָרט. — [12]) ווייב פון איינעם, וואָס געהערט צו אַ פּראָפעסיע, אַף וועלכע ס'ווייזט אָן דאָס וואָרט; אָדער — פרוי, וואָס הוט אַליין די פּראָפעסיע. — [13]) ווייב פון איינעם, וואָס באַשעפטיגט זיך מיט דעם פאַך, אַף וועלכען ס'ווייזט-אָן דאָס וואָרט; — [14]) איינע וואָס העלפט, וואָס העלפט מיט. — [15]) פרוי פון אַ הויזאייגענטימער; הויזאייגענטימ-ערין. — [16]) אַרבעט בײַ מצה-וועלגערן. — [17]) וואַשט וועש. — [18]) די, וואָס זייגט אַ קינד: די מוטער, צי אַן אַם. — [19]) מיטהעלפערין. —
[20]) צו לעיקוך (גנב) [אין דער גנבים-שפּראַך: ליקאָכענער (גנב איז אַלגעמיין)].

מאַכורנ [1]), גורסעטנמאַכורנ [2]), גילזנמאַכורנ [2]), וועסטלמאַכורנ [3]), כשופּמאַ־כורנ [1]), מיאַכמאַכורנ [4]), קאַשימאַכורנ [5]), קראַוואַטנמאַכורנ [2]), מאַנורני [1]), מערדורנ [1]), נאַשורנ [1]), נייטאָרנ [2]), סאַרוורנ [2]), פּליישורנ [5]), פליקורנ [6]), פעלדשורנ [5]), פּרעסורנ [1]), צאָלורנ [1]), צוברנ [1]), קאַאַלורנ [7]), קאַזנ [2]).

אין קרעמעניץ זאָגט מען פון אַ גוי (צו אַ גויע) אין זײַן (אין איר) אַנוועזנהײַט, ער (זי) זאָל נישט פאַרשטײן: „ר'עט (ז'עט) ניך עפּיס צילאַקבינין”, „עיאַ (זי) אוט'אָם „צילגילאַקבנט”; „ר'איז אַ לאַקבנ”, „ז'איז אַ לאַקבנטי”. אויך פון אַ ייִדען, אין זײַן אַוועזנהײַט, געברויכט מען דורט, אַלס אײַדעלערע פורם: „ר'איז אַוועגילאַקבנט דים לעפל”. מ'קען שטראָפען עמיצען אין די אויגען, איבער אויס־דריקען זיך עוופעמיסטיש: „אוסטי אײַסט'ים, פּרוסט־פּשוט דאָס פעסל צוגילאַק־בנט!?”; „ביסטי, אײַסט'יס, פּרוסט־פּשוט אַ לאַקבן!?” — אויך געברויכט מען אין קרעמעניץ פורמען מיט t אָנשטאָט k: לאַטכנ, לאַטכינאַ, לאַטכנטי (נוטינאַ), לאַטכינין (ווערבאַ).

ספּיוואַק־יהואש ז' 136: לקחען, לקחענען (ווערבאַ); ז' 129: לאַטחען, לאַטחענען (ווערבאַ). — האַרקאַווי 181: לאַטכער (גנב), לאַטכען (גנבענען).

אין דער דײַטשישער גנבים־שפּראַך: לעקאַך, לעקיכע, לוקאַך (גנבה); לעקיכע מאַכען, לוקעכנען, לוקעאַכען, לעקיכנען (גנבענען); לעקיכער (גנב) [אַווע־לאַללעמאַנט IV 566]; — און: לאַטכענע [(גנבענען), לאַטבענער (גנב) [l. c. 565].

די פורמען מיט k הובען אַלס שורש דאָס העברעישע לָקַח. — די פורמען מיט t וויל אַווע־לאַללעמאַנט אַרויספירען פון בעמישען lat', latka (פּויליש łata, דײַטשיש Latte), און דערקלערט: „לאַטכענען — מיט דער לאַטע, מיט'ן דרונג אַרײַנרײַסען זיך”. מיר דאַכט, אָבער, אַז אויך דאָ איז דער שורש „לקח”. דער איבערגאַנג פון ק אין ט איז אפשר דערשײַנונג פון אַסימילאַציע [דענטאַלער נאַזאַל (אין דער ענדונג ‑ען, ‑ענען, ‑ענער) דערנעהנט צו זיך דעם k, וועלכער גייט דאַדורך איבער אין צאָן־עקספּלאָזיוולויט]; אודער פּליַיכט גאָר — פון דיסימילאַציע [גוטוראַלער ספּיראַנט שטופּט־אַרויס דעם אומאָרגאַנען פאַרשלוסלויט]? —

[1]) זעי אַנמ' 6 אַף ז' 99. — [2]) זעי אַנמ' 11 אַף ז' 99. — [3]) אין וואַרשע זענען באַ וועסטען־נייען באַשעפטיגט כמעט אויסשליסליך פרויען. — [4]) דאָס ווײַב פון מיאַכמאַכו [מיאַך — פּויליש miech (בלאַזאַק)]. — [5]) זעי אַנמ' 12 אַף ז' 99. — [6]) אין וואַרשע אַרבעטען די פליקערנס אין די יאַטקעס, וו זיי פליקען אַפּ די געשאָכטענע עופות. — [7]) קאַאַלו (קײַלער) הײסט אין וואַרשע אַ קצב. דאָס לעצטע וורט ווערט

קוואָטורן, קוימורן[1], פּאַקיפּורן[1], קינפּעטאָרן[1], שווינדלורן[1]. שופּמפּעלורן[2], שטיקורן[3], שוועיגורן, שליסטורן[4], שלאַסורן[5], ...לעפּורן[1], שב...דורן[6], שעינקורן[6], שראַאַבורן[4], א. אַ. וו., אַ. אַ. וו.[7] —

אין וואַרשע ווייניק געברויכט. אין דער פּוילישער פּראָווינץ, דאָרטן, רופט מען קאַ-אַלע, קאַאַלאַ נור קריסטען. אַ ייד איז - קצב. אין אייניקע שטעטלעך (למשל, אין קראַסניסטאַוו, לוב. ג.) לאַכט מען, דעריבער, פון דער וואַרשעווער "קאַאַ-לו". — [1]) זעי אָנמ' 6 אַף ז' 99. —

[2]) "שופּמפּעלו"—אין לשון פון די וואַרשעהער גנבים: "אַ גנב, וואָס גייט איבער די קראָמען, בלמורשט אַלס קונה, און גנבעט דערביי סחורות". צו דער פּעע-ציאַליטעט דאַרף מען, נאַטירליך, זיין באַזונדערס פלינק אַף דער האַנט. על-פּי-רוב זענען יונגע פרויען "שופּמפּעלורנס". — דאָס וואָרט איז אין וואַרשע שוין אַרויס פון גנבים-זשאַרגון, ס'איז באַקאַנט אויך די קלענערע קרעמערס. אַ וואַרשעווער קרעמער וועט אַנדערש נישט זאָגן: "אוי, די נאַפּסע? יאַך קען זי צוויי גיט: ס'איז אַ באַוויסטע שופּמפּעלורן". —

[3]) זעי אָנמ' 11 אַף ז' 99. — [4]) זעי אָנמ' 13 אַף ז' 99. —

[5]) די, וואָס פּליקט פּעך (пухъ) פון די פעדערן. — פון ווערב שלאַאַסן אַבראַהם טענדלאַו ז' 70 ברענגט: Schleissen, און ווייזט-אָן, אַז דאָס איז אַנ' אויבערדייטשישער וואָקאַל מיט דער באַטייטונג: "abnützen, reissen". מה"ד (לעק' 233): slîzen (שטאַרקער ווערב, מיט דער טייטש: "שפּאַלטען, רייסען, צורייסען"). — דעם אַדיקטיווירטען פּאַרטיציפּ פּרעטעריטי פון דעמרויזיקען ווערב האָבען מיר אין רעדענסאַרטליכען אויסדרוק: "אָגריסן - אָגישליסן" (קרעמעניץ), ד. ה. "קרועה ובלויה". — [6]) זעי אָנמ' 12 אַף ז' 99.

[7]) אָנהייב 1915 האָב איך שוין געהערט אין וואַרשע, אין מויל פון פּולק [פון וואַרשעווער, סובאַטשעווער, קערנוזיער, אוסמולינער; נייעמטער (ראַוו. א.) א. אַ. וו.]: היימלוזורן, היימלוזערן [צום סובסטאַנטיווירטען פלעקטירטען אַדיעקט: היימלוזו, היימלוזען].

באַ עטינגערן, וואָס איז געווען אַנ'אויסגעצייכענטער קענער פון דער פּויליש-יידישער פאָלקסשפּראַך, געפינען מיר: איינברענגערען, וואַרטאָרען, זאָגע-רען, חן-מאַכערן (קוקעטע), קימפּעטאָרען, קלאָגערן, קעכין, קרעמערין [c.) ז"ז 218, 149, 68, 142, 149, 68, 209, 195). —

אין מיירען: וואַרטהאַנעסטן (זיי אויבען ז' 26). —

אויך [1]): איטאַליענורן, טאַרקן [2]), ענגליענדורן, ריסן וכ׳;— בערלינורן, ווילנורן, פאַריזשורן, וואַרשעוורן׳ קיטנורן, לודזשורן, לובלינורן א. א. וו.—

אָנמערקונג 1. — על פי רוב, ווי מיר זעען, ווערען דאָס פעמינינא צו מאַסקולינא אָף -ל [=דעם ליטעראַרישען -ער, =אה״ד âri, מה״ד aere-, נה״ד er-]. — אין אה״ד איז די צאָל אזעלכע פעמינינא געװען גאַנץ גרויס. אין נה״ד היבען אלע סובסטאַנטיווא אָף er- לעבען זיך פעמינינא אָף erin- (ווילמאַננס II 312). דאָסאייגענע לאָזט זיך זאָגען פון פּוילישען יידיש, וואו צו איטליכען נו. מען אָף -ער (=אין די מ״מ: -ל, -אַ, -ע, -ער) הערט געבילדעט א פעמינינום אָף -ערן (אין די מ״מ אויך: -ורן, -אַרן).

אָנמערקונג 2. — מיט דעם ן-סופיקס קונקורירט אין פּוילישען יידיש דער k סופיקס. אין וואַרשע: אַדוואָקאַטקע [3]), דענטיסטקע, וואַכטוקע, וועלגו-קע, נאַפּטשיקע [4]), סטוליעקע, פאַסוקע [5]), פיצוקע, היטנפיצוקע, פישוקע, פריזיקע [6]), קעפּטשיקע [7]) א. א. וו. [8]). [אזעלכע ווערטער, ווי: וועשן, קאַכן, שוועיגורן, האָבען קיין נעבענפאָרמען אָף -קע נישט].

אין פּולטוסק האָט איטליכס כמעט פעמינינום אָף -ערן לעבען זיך א פּאַראַלעלע פאָרם אָף -עקע. — צ. ב.: בעקערן — בעקעקע, ליגנערן — ליגנעקע [9]), שלאָסערן — שלאָסעקע [9]), שנאַדערן — שנאַדעקע, א. א. וו.; — אָבער: לעירעקע (נישט לעירערן) [10]).

אין דרילטש: אַבערינגערן — אַבערינגעקע, אָוסבערינגערן — אָוסבערינגעקע, בעטלערן — בעטלעקע [11]), וועלגערן — וועלגעקע [9]),

---

[1]) פעמינינא צו אייגען-נעמען, וואָס באַצייכענען די צוגעהעריקייט צו שטאָט, לאַנד, שטאַדט (ווילמאַננס II 312). — [2]) טערקין. —

[3]) -קע (מיט געשלאָסענעם e) איז דאָ די פּוילישע ענדונג -ka וועל. Gramatyka historyczno-porównawcza języka polskiego, przez Dra. Antoniego Małeckiego.—Lwów 1879. —T II str.43—144. — [4]) צו נאַפּציאָש (פּויליש: nafciarz) — נאַפּטהענדלער; — [5]) אויפקוי-פערין פון גנבות. — [6]) הענגען פּולשטעגרוקען פאַרלויגט פון r זעט אויבען § 24. — [7]) איינע, וואָס האַנדעלט מיט קעפּ פון געשלאַכטענע בהמות. — [8]) אין קרעמעניץ: לעראַקי (לערערין), שנאַדאַקי. — [9]) פון דער גוסען — די צווייטע פאָרם פּאָפּולערי-שער. — [10]) וועשן, שוועיגערן — האָבען קיין פּאַראַלעלע פאָרמען נישט. קעכן — אין פּולטוסק אומבאַקאַנט, מ׳געברויכט: דינסט. — [11]) דער וואָקאַל בעטלע ווערט אין דרילטש ווייניק געברויכט. א ייד — „אָדימאַן״; א קריסט — „וואַד״.—

זאגערן — זאגעקע, פאזורגערן — פאזורגעקע[1], מאכערן — מאכעקע, פשופמאכערן — כשופמאכעקע, צאלערן — צאלעקע, שטריקערן — שטריקעקע, שליסטערן — שליסטעקע, שלאסערן — שלאסעקע, שלעפערן[2] — שלעפעקע, שנאדערן — שנאדעקע[3]. — אובער: בעידערן בעקערן, גיווינערן, העלפערן, ווארטארן, וועשן, זוופערן, זייגערן, טרעפערן, ליגנערן, מערדערן, נאשערן, נייטארן, פרעסערן, קאכן, קימפעטארן, שוועיגערן, שעינקערן, שראבערן, — אהן פאראלעלישע פורמען אף -קע. — און: מאנעקע, פליקעקע, שווינדלעקע, שפאנדירקע[4] — אהן נעבענפורמען אף -ן. —

די ווארשעווער: מאיסטרוווע[5], האפציאקע[6], פשעקופקע[7], רייפוקע[8], זענען פאר אונז די פוילישע: majstrowa, hafciarka, przekupka, ra furka. —

אנמערקונג 3. — קיין פעמינינא צו נעמען פון חיות הערען מיר אין ווארשע נישט מיט דעם סופיקס -ן. — דערהויפט איז אין טייל פון פולק אין ווארשע צו באגעגענען בלויז איין פעמינינום פון דעם קלאס: אינדיטשקע (צו „אינדיק“), — אלזו, מיט דעם סופיקס -קע. — דאס לוזט זיך דערקלערען דערמיט, וואס יענע חיות און פייגעל, מיט וועלכע ס'קומט דעם יידען אויס אופט צו האבען צו טון, הובען מערסטענטיילס באזונדערע נעמען פאר ער און זי, — אזוי: אוקס — קי, צאפ — ציג (עפטער: קוזע), בוק — שעפס, קאטו — קאץ, האן — הין, גאנו — גאנץ, קאטשו — קאטשקע[9]; פאר אנדערע חיות און פייגעל, ווידער, דארף דער ייד נישט קיין דיפערענצירטע נעמען, וויל, ווען ס'קומט אים אויס זיי צו דערמאנען, הוט ער דערביי נישט אין זינען דאס געשלעכט[10]. —

2) אין שיידלעך: אויסברענגארן, אנגעיארן (און אנגעיאקע), ארביסאראן, בעטלארן, בעקארן, גיווינארן[11], ווארטארן (און: ווארר-

---

[1]) פאפולערישער אין דרילטש די פורם אף -קע. — [2]) דידוויקע פורם אין דרילטש פאפולערישער. — [3]) „ווערטן, טייקערן, לעירערן“ — אין דרילטש אומבאקאנט. — [4]) = אויסברענגערין (צו „שפאנדירע“). — [5]) דעם מייסטערס ווייב. — [6]) שטיקערין. — [7]) גאסהענדלערין, מארקויצערקע. — [8]) מעקלערין בא דינסטען. — [9]) פעוט (פערד) — אלגעמיינע פורם. אוגו (פויליש ogier) — נישט קאסטרירטער „ער“, קוביליו (פויליש kobyła) — ד „זי“. — [10]) אין אחיד איז געווען פארהעלטניסמעסיק פיל פעמינינא אף -in צו חיות-נעמען. אין דער נה"ד שפראך איז זייער צאל נישט גרויס (ווילמאננס II 313). — [11]) אלטע ווייבער געברויכען דאס ווארט. —

טאָפּקע), וויינאַרן, טיקאַרן, מאַכאַרן (עפּטער: מאַכאַקע), נעיטאָרן, קימפּעטאָרן, קל׳אָגאַרן (און: קל׳אָגאַקע). קנעיטאַרן[1]) (ווייער ועלטען; נורם: קנעיטאַקע), שיבאַרן[2]) (אויך ועלטען; עפּטער: שיבאַקע), שענקאַרן, א. א. וו.

אָנמערקונג 4. — פּאָפּולערישער איז אין שיעדלעך די ענדונג ‎-קע. — אַזוי: בעידאַקע, וועלגאַקע[3]), זוופּאַקע, ליגנאַקע[4]), כשופמאַכאַקע, נאַשאַקע[5]), איטנפּיצאַקע[6]), פּישאַקע, פּרעסאַקע, קרעימאַקע, שווינדלאַקע, שליסטאַקע, שלעפּאַקע, שנאַדאַקע, וכ׳. —

3) באַ ליפשיצן געפינען מיר נישט קיין סך סובסטאַנטיוון מיט דעם סופיקס[7]). — צ.ב.[8]): געווינערן, וואַרטאָרן, זייגערן, חן-מאַכערן, נאַשערן, נעיטאָרן, פּ....ן, קימפּעטאָרן, שוויגערן[9]). — דער אויטור פאַרצייכענט נישט זוגאַר אַזאַ וווקאַבעל, ווי (אין קרעמעניצער טראַנסקריפּציע): אַרביטאָרן[10]).

אָנמערקונג 5. — אין אַנדערע ווערטער טרעט באַ ליפשיצן אויף דער סופיקס ‎-נע: וועשנע, קעכנע[11]). —

באַ אַקסענפעלדן l. c.: קימפּטאָרין, שענקערין[12]).

אין יואל ליניעצקיס „דאָס פּוילישע יונגעל"[13]): בעדערין, זאָגערין, פּורזאָגערן, טיקערין, נאַשערין, שפּרעכערין (און: שפּרעכערקע)[14]), א. א. וו. [אויך: „קעכני"[15])][16]).

---

[1]) באַ מצות. — [2]) פּעמיניניום צו שיבאַ (שיבער) [דאָס איז דער הויפּטבעקער: ער זעצט די מצה אין אויוון אַריין]. — [3]) באַ מצות. — [4]) אין קרעמעניץ: ליגנאַטי (זול דאָס זיין דיאַייגענע ענדונג, מיט וועלכער מ׳בילדעט פּעמינינא פון העברעישע סובסטאַנטיוון? אודער פאַר אונז איז די דערשיינונג פון דיסימילאַציע: דער ג שטעלט-אַרויס דעם ק פון דער ענדונג, וועלכער גייט-איבער אין ט?). אויך קען מען הערען אין קרעמעניץ: מאַכאַטי. — [5]) אין קרעמעניץ: נאַשאַרן און נאַשאַטי. — [6]) אויך: מודליסטקע. — [7]) אין די דרום-רוסלענדישע פ״ם קומט ער איבערהויפּט זעלטען פאָר. — [8]) 69, 89, 95, 100, 131, 133, 161, 187, 209. — [9]) קיין פּעמינינא אַף ‎-ן צו אַזעלכע נעמען, וואָס באַצייכענען צוגעהעריקייט צו שטאַם, לאַנד, שטאָדט, געפינען מיר באַ ליפשיצן נישט. ער ברענגט אין זיין ווערטערבוך איבערהויפּט קיין שום אייגען-נעמען נישט. — [10]) צו אַרביטאָרא (ליפשיץ 45: אַרביטאָרער) [מיט פאַרלוסט פון דער זילב ‎-ער-]. — [11]) 93, 200. — [12]) ז״ז 34, 2. — [13]) ...„אדעסא. פערלאַג פאַן פעריץ בלאַמניצקי... תרל״ה. — [14]) 13, 9, 19, 13, 13, 19 (28). — [15]) ז׳ 57 [אין קרעמעניץ: חעשגי, קעכני]. — [16]) און פּאַטשטאַרקע (ז׳ 91). —

אָנמערקונג 6. — איין פעמינינום צו טירגעטען נוטירט ליפשיץ: הינדישקע [1].

4) בײַ האַרקאַווין זענען פאַרנאָטירט [2]:

געווינערין [3], פוצהענדלערין, ווירטהין, וועשערין (אויך: וועשערקע), טוקערין (אויך: טוקערקע), פוצמאַכערין, נעטערין, צויבערין, קייזערין, קעכין (אויך: קעכנע), קעניגען, שוועגערין, שנײַדערין (אויך: שנײַדערקע), שעפערין, שפינערין; — אויך (פעמינינום צו נעמען פון חיות): עזעלין [4], (און: עזעליכע) [5].

אָנמערקונג 7. — פעמינינא מיט k-סופיקס בײַ האַרקאַווין [6]: וואַרטערקע (= וואַרטאָרין), זאָגערקע, טהוערקע, טענדלערקע, כענצערקע, מאַכערקע, מאַרקזיצערקע, סטוליאַרקע (אויך: סטוליערקע), שמוקלערקע [7]; — מיט ch-סופיקס [8]: לײַביכע [9].

5) אין איציק פײַטעל שטערנס „מררשספד" [10] געפינען מיר די פאָלגענדיקע אַרטיקלען, אין וועלכע עס קומען-פאָר פעמינינא אַף ־נ

---

1) ז' 85. — 2) 106, 238, 146, 148, 164, 238, 215, 284, 303, 307, 308, 323, 338, 339, 340. — 3) מאַסקולינום: געווינער — גאָר מיט אַן אַנדער באַטײַטונג (דער, ווער עס געווינט — געלט, אַ פּרוצעס וכו'). — 4) 224. — 5) בײַ מיכל גורדון („יודישע ליעדער". וואַרשע. 1889): בערערין, שנײַדערין, שוסטערין (ז' 55). — 6) אויסער די דרײַ אויבען שוין געבראַכטע. — 7) 142, 149, 162, 166, 166, 192, 353, 218, 336. — 8) אויסער דעם אויבענגעבראַכטען. — 9) 185. —

10) דרוקפֿעלערדיק. ס'דאַרף זײַן: „מדרש ספר".

דער גאַנצער טיטעל פון דעם בוך (לויט דעם צווייטען אויסגאַב, וועלכען איך האָב אין מײַן ביבליאָטעק):

„מדרשספר. לתנהקדש אשקנז ואשקנס לתנהקדש.

„LEXIKON der jüdischen Geschäfts- und Umgangs-Sprache von Itzig Feitel Stern. — Jüdisch deutsch und deutsch jüdisch. —

„MEDRASCH SEFER (ass mer habst Kenservaziums-jexekum). Minha Lussnekodesch aschkenas ve aschkenas Lussnekodesch. — Bes Plaget. El kizer Dakdek, luss-nekoudisch ze lamdene. Chittisch Meloche vun Itzik Feitel Stern. —

אויס די יידישע מ"מ פון „פראַנקען, באַיערן, שוואַבען, הע-סען און דעם אַמאָליקען דייטשישען רייך" [1], און ערשטען פערטעל פון 19-טען יאָרהונדערט [2].

Bechte [3], e Griefin [4], dien Grofen seyhn Isshe. ז' 19:
Beth sog [5], Gattin, Ehgattin. ז' 21:
Dukese [6], Ferstin; Herzogin. ז' 31.
Gallachte, Pfarrerin. ז' 34:
Gefire [7], Gemahlin, Gattin, Frah [8].
Gissise, [9] Schwägerin. ז' 35:
Gwinerin [10], Kindbettere [11], Gebärerin. ז' 37:
Ifmes [12], Brudersfrah, Schwägerin. ז' 41:

„Jüdisch af deutsches unn deutsch af jüdisches Kenservaziums-Lexekum vun Itzik Feitel Stern, beduchen Sophri Jehudim“. —

[דער ערשטער אויסגאַב איז אַרויס אין מינכען אין יאָר 1833 (זעה נאָטיץ לאַללעמאַנט III ז' 239); דער צווייטער—אין לייפּציג אין יאָר 1859, אַלס בינער טייל פון שטערנס „געזאַמעלטע שריפטען"]. —

[1]) „מרשםפד" ז' 7. — [2]) דאָס ערשטע וואָרט איז אין די אַלע טרמינקלען ט העברעיִשם, די איבעריקע—יידישע דערקלערונגען. — [3]) פּעטינונגוּ צו פּקְדָה—גובערנאַטור, פּאַשאַ („מלון של כיס" 926). — [4]) גרֶפְנֶ (=גרעפינע): אין די יידישע מ"ם, וועלכע זענען פאַרברייטען אין שטערנס ביבעל, געפינען מיר ? ניקענען לאַנגען e פון אַנדערע יידישע מ"ם (למשל, פון די פּוילישע), און דיזעלביקע גרע-נעצען, ווי אין דער ווינגערווער מ' („זעמעלביבער II 258 א.ח.). — [5]) = בַּת-זוּג („מלון של כיס" 245). — [6]) פּעטינונגוּ צו דוּכָּס (דער מאַפּקגלינגוס—„מלון של כיס" 163, ספ'-יהואש 57). — [7]) גְבִירָה (ספ'-יהואש 47). — [8]) =פרוי. [בּהיר vrouwe, vrou א. א. וו. (לעק' 356—357]. — [9]) גִיסָה („מלון של כיס" 136). — [10]) דאָס יידישע וואָרט פון דייטשישער אָפּשטאַמונג איז ניט ריכטיק [...] צווישען די וואָקאַבלען מיט העברעיִשען שורש. — [11]) דרוקפעלערייק: די ענדינג דאַרף דאָ זיין: rin-. — [12]) יְבָמָה (אווע-לאַל. IV 379). —

Igeret, e Teuflin, dien Suten sein Frau.
Ioledisch [1], Kindbetterin.
Keserte, Kaiserin. ז' 45.
Klafte, Hündin. ז' 46:
Korohfa [2], Freundin, Base [3]. ז' 47:
Malke, Königin. ז' 52:
Melechte, Königin. ז' 58:
Meschorse [4], Magd, Dienerin. ז' 60:
Nafke [5], Hur, Ehbrecherin. ז' 64:
Napchete [6], e Schmiedin. ז' 65:
Noafte [7], Ehbrecherin. ז' 66:
Nozret, e Nazaräerin, d. i. Christin.
Ossen [8], die Eselin. ז' 68:
Pillegsche [9], Kebsweib, Matress, Zuhälterin. ז' 69:
Pokete [10], Amtmännin.
Schiffche, Köchin, Magd. ז' 73:
Talmede, Schülerin. ז' 79:
Uhefe [11], Freundin, Geliebte. ז' 81:
Tufne, Spinnerin.

---

1) יוֹלֶדֶת (ספּיוואַק-יהואש 105).—

2) קרוֹבָה (ספּ'-יהואש 237). אין קרעמעניץ, ווי אין דער הײַנטיקער ליטעראַרישער יידישער שפּראַך, ווערט דער חוקאַבעל געברויכט אין זין: „פּאַרוואַנדטע" (ר' родственница ; פּ' krewna). אין וואַרשע באַניצט מען אים נישט. פאַר'ן בעגריף „פּאַרוואַנדטער, פּאַרוואַנדטע" דינט אין וואַרשע דער וואָקאַבעל מִשְׁפָּחָה („מאַנס אַ שטיקל משפּחה"==דעם קרעמעניצער „מאַנס אַ קרוב, מײַני אַ קרובה"). אין דרום-רוסלאַנד (זעי אויך ליפשיץ 127) ווערט „משפחה" געברויכט אין דער ריכטיקער העברעישער טײַטש: ר' семейство, פּ' rodzina.—

3) מה"ד, גה"ז Base.— 4) פעמ' צו מְשָׁרֶת (דער מאַסק' — „מלון" 654, ספּיוואַק-יהואש 178).— 5) נַפְקָה („מלון" 708; ספּ'-יהואש 188).— 6) פעמ' צו נַפָּח.— 7) פעמ' צו נוֹאֵף (דער מאַסק' בײַ ספּ'-יהואש 183).— 8) אָתוֹן („מלון" 67).— 9) פִּלֶגֶשׁ (l.c. 218).— 10) פעמ' צו פָּקִיד (דער מאַסק' — „מלון" 959).— 11) אֲהוּבָה.—

אַנמערקונג 8. — קײן קאָנקורענצפֿעיִקײטן טרעפֿן מיר בײַ דעם פֿאַרפֿאַסער ניט. —

אַנמערקונג 9. — „איציק פֿײַטעל שטערן" איז, קענטיק, אַ פּסעוודאָנים פֿון עפּעס אַ משומד[1]). דאָס ביכעל זײַנס איז אָנגעפֿילט מיט עקעלהאַפֿטיקע אַנטיסעמיטישע, נידערטרעכטיקע העצערישע שטיקלעך[2]). דאָך איז עס אַ גאַנצער אוצר פֿאַר דער ייִדישער דיאַלעקטאָלאָגיע[3]).

[1]) אויך אַווע-לאַללעמאַנט (l.c.) דענקט אַזוי. —

[2]) אַלס בײַשפּיל, אַ פּאָר „פּערל":

„A c h e l n, essen. Mir Jüden essen nor, was koscher unn toff is. Unnere Lamden unn schöne Geister acheln mit die Gojim öz aach trehfere sachen, ze zeigen, ass mir in die Kultivekaziuhn aach net die Letzten senn". (ז' 13)

„A d o n hahst Herr. Mir Jüden senn die rechten Herren". (ז' 14)

„A f r e s, Sünden. Unnere grösste Sünden senn, ass mir die Gojim net genug meramme senn". (l.c.)

„A g a s s e m j e f i s c h e m senn derre Bern, ouder Hutzel. Sou süllen alle Gojim zesammen schrumpfen". (l.c.)

„H a n d e l n hahst souvill wie ganfen". (ז' 38)

„I e h u d a, unner jüdisches Reich.—Au waih! Wu is es?—Der Routhschild werds wieder ahnrichten". (ז' 40)

„K a p u l a s e y h n, Kenntniss vun Schächten haben. Ass e Jüd mich in Handel schächten ouder mir meramme seyhn will, froug ich ihn, öb er kapula is? Sagt er ja, so gibt mer zor Tschufe: Ich hebb kah Begima". (ז' 44)

„K o l l n i d d r e, is das Gebet an Ion Kipper, wu alle unnere Ahdschwür dermit oufgelöst unn ze nix gemacht wern". (ז' 47)

[3]) אַווע-לאַללעמאַנט l.c. גיט דעם מוסר-להכעיס זײַן ערליך אויסקומע־ניש פֿאַר דאָס נאַרישע חוזק מאַכן פֿון די ייִדן, פֿאַר דאָס געמײנע רײצן אױף זײ, פֿאַר דאָס ניבול-פּה, וואָס שטערן דערלויבט זיך אין אײניקע שטעלן; אָבער ער קאָנסטאַטירט, אַז דער משומד זעט דאָך אויס צו זײַן אַן אויסגעצײכנטער קענער פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסשפּראַך. —

שטערן האָט דער ערשטער צווישען טלע, וואָס האָבען ווען ניט איז געשריבען וועגען ייִדיש, אודער צונויפגעשטעלט ייִדישע ווערטערביכער, זיך געשטעלט דעם אויפגאַב, צו געבען אַ לעקסיקאָן פון דער לעבעדיקער ייִדישער פאָלקסשפּראַך מיט פונעטישער אויסלייגונג[1].

דאָס ווערקעל באַשטייט פון צווייַ טייִלען: a) העברעיִשע וואָקאַבלען[2] פון דער ייִדישער שפּראַך, דערקלערט מיט ייִדישע ווערטער; — b) הויכדייטשישע וואָקאַבלען[3], איבערזעצט אַף, אין ייִדישען אייַנגעוואָרצעלטע העברעיִשע ווערטער. — אין די העברעיִשע[4]) ווערטער, אין די ייִדישע זענען טראַנסקריבירט אַזוי, ווי עס פלעגט זייִ אַרויסרעדען די ייִדישע מאַסע אין פראַנקען, באַיערן, העסען, א. אַ. וו., און אָנהייב פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

מ'איז איבעריק צו דערקלערען, ווי וויכטיק דער מאַטעריאַל, וועלכען מיר געפינען אין „מדרש ספר", איז פאַר דער היסטאָריש-וויסענשאַפטליכער פאָרשונג פון די ייִדישע מונדאַרטען.

מיט דעם ביכעל וועלען מיר זיך נאָך ניט איינמאָל דאַרפען טרעפען אין דעם איצטיקען עטיוד און אין די ווייטערדיקע. —

באַ טענדלאַו [5] l.c. (הייסט עס, אין דער פראַנקפורטער-אַם

---

[1]) „מדרש ספר" ז"ז 6—7. — [2]) אַף 72 זײַטל׳ך, קלייִן 8°, צווייִשפּאַלטיק געזעצט, 3203 וואָקאַבלען. — [3]) אַף 95 ז"ז. — [4]) קיין גרויסער למדן איז שטערן אין העברעיִש, לויט אַלע סימנים, ניִשט געווען. גענוג צו ווייַזען אַף די ערשטע צווייִ שורות פון טיטעלבלאַט (זעי אויבען, אָנמערקונג 10 אונטערן טעקסט אַף ז' 105), אָובער דאָס ייִדישע לעבען האָט ער דוך געקענט און די העברעיִשע ווערטער אין דער ייִדישער פאָלקסאויסשפּראַך אויך. —

[5]) ד. ה.:

„Sprichwörter und Redensarten deutsch-jüdischer Vorzeit.—Als Beitrag zur Volks-, Sprach- und Sprichwörter- Kunde.—Aufgezeichnet aus dem Munde des Volkes und nach Wort und Sinn erläutert von Abraham Tendlau.—Frankfurt am Main. Verlag von I. Kauffmann".

די הקדמה צו דעם בוך איז אונטערגעשריבען: „אים אַפּריל 1860". —

מאין יידישער מונדאַרט): געשטין [1], ציצעס=שפּיננערן [2], קינדבעטטערין [3]. —

§ 93 — אין עלטערען יידיש איז דער סופיקס, נאַטירליך, געווען דער דומינירענדיקער.

ן) אין „ספר של ר׳ אנשיל״ [4]) באַגעגענען מיר, למשל:

---

[1]) ז׳ 82, פעם׳ צו גאַשט (גאַסט). דער לעצטער וואָקאַבעל פלעגט אין די יי־דישע מ״ם אין דײַטשלאַנד געברויכט ווערען הויפּטזאכליך אין זין: „בעטלער״ (אַלס געגענזאַץ צו „אורח״ — בכבודער גאַסט). —

[2]) ז׳ 102, ציצית-שפּינערן. אין דער רעדענסאַרט: „געה מיר מיט דער ציצעס-שפּיננערן״. — „די שפּינט אַך קאַן ציצעס״, — פלעגט מען אין פראַנקפורט זאָגען אַף אַ פאַרשײַט פרויענצימער. — [3]) ז׳ 83! —

[4]) „ספר של רבי אנשיל והוא מרכבת המשנה לקונקורדנציה, והוא פירוש על כל תנ״ך ע״פ ערכין א״ב לשון הקודש ולשון אשכנז״.

[זעי: „ספר שפתי ישנים״ פון שבתי בס (צווייטער אויסגאַבע, זאלקווי, תקס״ו) ז׳ ח׳ נומער 108; — „אוצר הספרים״ פון יצחק אייזיק בן-יעקב (ווילנא 1880) ז׳ 373 נ׳ 2292; — „Jüdischdeutsche Chrestomatie“ פון ד״ר מאַקס גרינבוים (לײַפּציג 1882), ז׳ 23 l. —

וועגען מחבר פון דעם ווערק איז פאַראַן אַ חילוקי-דעות.

געדרוקט איז דאָס בוך געוואָרען צוויי מאָל:

a) אַף דעם ערשטען אויסגאַבע איז דאָס אורט און דאָס יאָר פון דרוק נישט אָנגעוויזען (אַזוי שרײַבט גרינבוים, וואָס הוט דאָס בוך געזעען אין דער מיונכע־נער קעניגליכער הויף- און מלוכה-ביבליאָטעק); באַס וויסט-אָן (איך ווייס נישט, אַף וואָס זיך שטיצענדיק) אַלס דרוקאָרט — קראָקע; בן-יעקב ברענגט (אַף וואָסער סמך — דערקלערט ער נישט) אַלס דאָס יאָר פון דרוק — רצ״ד (1533 אודער 1534);

b) דער צווייטער אויסגאַבע איז דערשינען אין קראָקע אין יאָר שול״ת (1583 אודער 1584; נישט 1581, ווי גרינבוים מיינט).

מ. באַראָכאָוו („די ביבליאָטעק פון יידישען פילולוג״ ז׳ 15) דערמאָנט נאָך אַן אויסגאַבע פון יאָר 1552 (פונוואַנען הוט ער דאָס גענומען?).

אין דעם עקזעמפּלאַר, וועלכען איך באַזיץ אין מײַן ביבליאָטעק, פעילען דער פֿאָ־דערבלאַט און די ערשטע בלעטלעך פון דער הקדמה — ווייס איך נישט, צו וואָסער אויסגאַבע ער באַלאַנגט.

אויך דער עקזעמפּלאַר פון וואַרשעווער סינאַגאָגעביבליאָטעק הוט נישט דעם צער.—

דף י״א, ו׳ b ¹): הָאָתוֹן — די איזלין (במדבר כ״ב כ״ג)²);
„ „ „ „ : אֲתוֹנוֹת — איזליכס [בראשית י״ב י״ו ³)];
„ כ״ח „ a : הוֹרָתָם — איר טרגרין ⁴) [הושע ב׳ ה׳ ⁵)];
„ ל׳ „ „ : לְזוֹנָה — לו אייכר אוסטעטגרי ⁶) [בראי׳ ⁷)].
„ „ „ „ : זוֹנָה — איין ספייזירין (הושע ב׳ א׳);
„ „ „ „ : זונות — ספייזריכס [מלכי׳ א׳ ג׳ י״ו ⁸)];
„ ל״ה „ „ : וְחִלְּלָה ⁹) — אול׳ ור סווטכרין ¹⁰) [ויקרא כ״ט ד׳ ¹¹)];
„ „ „ „ : הַמְחוֹלְלוֹ ¹²) — דען טעכלן (שופטים כ״א כ״ג);
„ „ „ b : תְּחוֹלְלְכֶם — אויהר גיוויכרין (ישעי׳ נ״א ב׳);
„ מ״ב „ „ : לְטַבָּחוֹת ¹³) — לו קעכיכס (שמואל א׳ ח׳ י״ג);
„ מ״ג „ a : הַטּוֹחֲנוֹת ¹⁴) — די דאלריכס ¹⁵) (קהלת י״ב ג׳);
„ נ״ג „ „ : מְכַשֵּׁפָה ¹⁶) — לייבירין (שמות כ״ב י״ז);
„ „ „ b : לְבִיָּא ¹⁷) — ליפרטין (יחזק׳ י״ט ב׳);
„ ס״ה „ „ : וְהַנֹּאֶפֶת ¹⁸) — אול די אוכקויסרין (ויקרא כ׳ י׳);

¹) a באצייכענט די ערשטע זייט פון בלאט, b — די צווייטע. —

²) אין אָריגינאל קומט קיין שום אינטערפונקציע נישט: דאָס העברעישע וואָרט, די יידישע איבערזעצונג און די קוועלעאָנווייזונג — איינס נאָכ'ן אַנדערן, אָהן בײַשטרוכען, גערענקענשטרוכען און האַלבע-לבנות.

³) ס'איז אינטערעסאַנט: ר' אנשיל שרײַבט נישט: ט״ז, ווי הײַנט אָנגענומען נאָר: י״ו. — ⁴) טראָגערין. — ⁵) טעות; דאַרף זײַן: ז׳. — ⁶) דרוקפעילער; דאַרף זײַן: אוכסטעטגרי (ד. ה.: „אונגשטעטגרין"). — ⁷) בראשית ל״ח ט״ו. — ⁸) דאַרף זײַן: י״ו. — ⁹) l.c.: „לְהַחֵלּוֹ — לו זייכר ור סווטכר (ויקרא כ״א ד׳)". —

¹⁰) פאַרשוועכערין. — ¹¹) טעות, דאַרף זײַן: כ״א ז׳. — ¹²) דאַרף זײַן: הַמְחוֹלְלוֹת. —

¹³) l.c.: „לְטַבַּח — לוס קוך [שמואל א׳ ט׳ כ״ב" (טעות; דאַרף זײַן: כ״ג)]. —

¹⁴) l.c.: „טוֹחֵן — מאלר (שופטים י״ו, כ״א)". — ¹⁵) קענטיקער דרוקפעילער: אין אָנלויט דאַרף זײַן מ- („מאָלערנס"). — ¹⁶) l.c.: „וּמְכַשֵּׁף — אול׳ לייבירער (דברים י״ח י׳)". — ¹⁷) l.c: „וּכְלָבִיא — אול׳ אז איין ליפערט [בראשי׳ מ״ט ח׳" (דאַרף זײַן: ט׳)]. — ¹⁸) l.c.: „הַנֹּאֵף — דער אוכקויסר (ויקרא כ׳ י׳)". —

דף ס״ב, ז׳ b : מְנָאֶפֶת [1]) — די חוּרקוויסרין (משלי ל׳ כ׳);
״ ״ ״ ״ : הַנְּבָלוֹת [2]) -- די שעלקינס (איוב ב׳ י׳);
״ ע״ח ״ ״ : עֲקָרָה [3]) — חוּן טרעכטרין (בראשית י״א ל׳);
״ פ״ד ״ ״ : פְּקֻדָּתוֹ [4]) — ... ביפעלהרן (תולי׳ ק״ט ח׳);
״ צ״ב ״ ״ : הַקְּדֵשָׁה [5]) — די בירייטרין (בראשית י״ח כ״א);
״ צ״ד ״ ״ : לַמְקוֹנְנוֹת — לו קלחגיריכס (ירמיה ט׳ י״ו);
״ צ״ט ״ ״ : רוֹעָה [6]) — הערטרין (בראשית כ״ט ט׳);
״ ק׳ ״ ״ : לְרַקָּחוֹת — לו ווירללריכס (שמואל א׳ ח׳ י״ג);
״ ק״ב ״ a : הַשּׁוֹאֲבוֹת [7]) — די שעפריכס (בראי׳ כ״ד י״א);
״ ק״ו ״ b : שַׁלֶּטֶת — גיוועלטגרן [יחזק׳ י״ו כ״ט [8])]. —

2) געבען מיר אַ זוך דיזעלביקע וואָקאַבלען אַף די אַנטשפּרעכענ-דיקע שטעלען אין יוסף וויצענהויזענס תנ״ך-איבערזעצונג [9]), —

---

[1]) אין „משלי״: מְנָאָפֶת. — [2]) l.c.: „הַנְּבָלִים — דער שעלקין (שמואל ב׳ י״ג י״ג)״. — [3]) בראשית י״א ל׳: „עֲקָרָה״. — l.c.: „עָקָר — חוּן טרעיכטיגכ (דברים כ״ג כ״ו)״. דרוקפעילערדיק: אויסלויז-כ אַנשטאַט -ר. — „הֵרָיוֹן — טרכט״ (דף כ״ח). —

[4]) l.c.: „פְּקִידִים — ביפעלר (בראשית מ״א ל״ד)״. —

[5]) l.c.: „קָדֵשׁ — ביריטר [דברים כ״ג ל״ח״ (דערף זיין: י״ח)]. —

[6]) l.c.: „רוֹעֵי — מייני הירטן [בראשי׳ י״ג ו׳״ (דערף זיין: ח׳)]; „רוֹעֶיךָ — דייני הירטר״ (l.c.). —

[7]) l.c.: „שׁוֹאֵב — שעפר (דברים כ״ט י׳)״. — [8]) דערף זיין: ל׳. —

[9]) דער גאַנצער שער פון דעם ווערק:

„תורה נביאים וכתובים

„מלשון הקודש נעתקים׳ ובלשון אשכנז נכתבים:

„על פי מפרשים גדולים וחשובים׳ הלא מה המאורות הגדולים בשמות נקובים: תרגום יונתן׳ רשי׳ אבן עזרא ורד״ק: רבינו ישעיה׳ ורבינו סעדיה גאון׳ ורלב״ג: באר משה׳ מגיד׳ אילה שלוחה׳ חבורי לקט׳ מכלל יופי: דרך פשוטה בלי שום דופי:

„על ידי הישיש הר״ר יוסף בר אלכסנדר זצ״ל בלשון צח ויפה׳ ומנופת

געפינען מיר: די איזילין, איזיליכס¹), שפייזיריכס²), טעכליריכס³),

---

בשלש עשרה נפה: במהדורא בתרא על ידי הגאון הגדול מופת דורנו כבוד שמו מוהר"ר מאיר שטעריין נר"ו ר"מ ואב"ד דק"ק אשכנזים יצ"ו בק"ק אמשטירדאם יע"א: דהיינו שמונה דפים מן פרשת משפטים עד תוך פרשת נשא ומתחלת שמואל א' עד תוך ירמיה קאפיטול ב': ארבע עשרים דפים בין הכל ל"ב דפים: והשאר הוגה בעיון נמרץ על ידי אנשים חכמים ונבונים אשר המה בלשון הקודש ובלשון אשכנז בטוב מבינים להגות באמרי שפר כאשר עיניכם תחזינה בתוך הספר:

„דיז ספר גלייכן איז פאר דיזם ניט מין וואָרדן גידרוקט אין דער גאנצן וועלט. אונ' מאן האט אויך דא אן גישפארט קיין געלט: אונ' האט דא צו גינומן גוטי נייאי אותיות. שין פפייאר אונ' גוטי טינט. דאס עס קאן לייאנן איין איטליך קינט: אונ' ווען איר אירגינט מעכט זעהן אזא איין ספר אז ווען עס ווער גידרוקט פאר צווייא אודר דרייא יארי גלייבט עס ניט דען עס איז ניט ווֹאר: יום ב' ד' כסליו תל"ט לפ"ק איז עס גישעהן. דאס דיזר ספרים איינס דאס ערשטי מאל איז וואָרדן גיזעהן: בייא דען חכמי ק"ק ספרדיים אין אירי בתי מדרשות. אונ' האבן עס אויף גישריבן לזכרון דאס עס איז פנים חדשות: דרוס אויך ליבה רבותי טוט קייני שקרים צו הערין. בזכות זה ווערדן מיר ווידר אין ארץ ישראל קערין: אונ' השי"ת ווערט אונס פון אלן פיר עקין דער וועלט ברענגן צו זאמן. אונ' ווערט אונס שיקן משיח בן דויד אמן: במהרה בימנו וכן יהי רצון.

„בהסכמת המאורות הגדולים ראשי ישיבות בצירוף הרוזנים וקצינים ארבע ארצות מדינות פולין:

„אונ מיט דער לויב דער עדילי הערן שטאטן פון הולאנד. אונ וועסט פריז לאנד:

„נדפס בבית ובמצות הבחור הנחמד עמנואל עטיאש בן האלוף והקצין יוסף עטיאש בן הקדוש אברהם עטיאש יצ"ו.

„באמשטירדם

„שנת תבואתה לראש יוסף לפ"ק.—

¹) וויצענהויזען געברויכט שוין: ט"ז (ניסט י"ו). — הוֹרָתָם (בא אים הושע ב' ד') וועצט ער איבער: „דיא זיא גיטראגן האט". — זוֹנָה (יהושע ב' א') — „אייכע פרויא איין הור". — ²) נַחֲלָה — „גישוועכטי". — ³) תְּחוֹלְלְכֶם — „דיא אייך מיט שמערצן גיוואונן האט".—

קעכינס [1], אונקיישירן, שעלקינס, און טרעכטיגירין [2], קלעגעריגס [3], הירטין, אפוטיקירינס, שטעפפירינס [4]. —

3) אין אַ ווילנער כתב־יד [5]) פון יאָר תע״ד (1713 אודער 1714)

---

[1]) הַטּוֹחֲנוֹת ווערט איבער: „דיא מילר״; — מְכַשֵּׁפָה — „דיא לויבדיני פרויא״ (בא אים: שמות כ״ב י״ח); — לְבִיָּא — „איין ליביני״; — דעם פסוק ויקרא כ׳ י׳ ווערט ער איבער: „וואר דיא ווערט אוס קייסן מיט אייגס אנדרין זייגס וויב דער זאל גיטיט ווערן׳ אלי ביידי דער מאן אוג׳ דיא פרויא״. —

[2]) פְּקֻדָּתוֹ — „זיין אמט״. — דברים כ״ג י״ח שרייבט ער: „עס זאל קייני אין בידייטי הור ... אוג׳ עס זאל קיין אן בירייטר״... — [3]) בא אים: ירמיה ט׳ י״ז. — [4]) שַׁלֶּטֶת ווערט ער איבער: „דיא [אן זיך זעלבירט] גיוועלטיגט״. —

[5]) ס׳איז זייער אַ שייגער, ריין און גענוי־דײַטליך אָנגעשריבענער, און לעדער איינגעבונדענער מאַנוסקריפּט, אין קליין 8°, מיטן טיטעל: „שפה ברורה בג׳ לשונות״.

אַ וואָקאַבולאַרי: העברעיש — יידיש — לאַטיין.

נומערירט לויט די זײַטלעך.

פון א׳ ביז קנ״ב גייט דאָס ווערטערבוך.

אויף דער 6־טער שורה פון ז׳ קנ״ב לייענען מיר:

„הנני באתי להלות פני כל מעיין בספר הזה אם ימצא בו איזה טעות אל ידוני לכף הובה כי כן דרך הדפוס כנודע סהדי במרומים שעסקתי בספר הזה בדקדוק רב עם שני תלמידי בחורים חשובים שם האחד יאקב שעברשינד ליטווינר ושם השני גבריאל בלאנים מאיטליאה מעיר אליפיואני ולא זה היה כוונתי רק להדפים ספר קבלה שחברתי רק משכתי ידי ממנו כי יש עדיין שעת חידום במדינות פולין ואין קונה על ספרי קבלה ולמצא טרף לביתי חברתי דבר השוה לכל אדם כ״ד המחבר זעירא דמן חבריא נתן נטע בן הקדוש מהור״ר משה הנובר וצל הי״ד אשכנזי שהיה מקדם מיושבי קהלה קדישא זפלב:״. —

דאָס דרוקע נאָכוואָרט גייט־איבער אויף דאָס פאָלגענדיקע זײַטעל, וואָס הוט נישט קיין נומער, און פאַרנעמט דורט 4 שורות.

נאָך דעם נאָכוואָרט שטייט געשריבן:

„נכתב זאת בשנת תיז עיין דלת לפק פה קק ווילנא המפוארה״. —

געפינען מיר: אום טרכטיגרן (עֲקָרָה), אן ברייטרין (קְדֵשָׁה), דער ציהרין (אוּמֶּנֶת), הערין (אֲרוֹנִית), ווידר שפעניגן (מוֹרֶדֶת), פעררין (נִדָּה), פריינטין (קְרוֹבָה), קווטרין (סַנְדֶּקֶת), קינד בעטרין (יוֹלֶדֶת), קיניגין (מַלְכָּה), — און: ליבן (לְבִיאָה)[1].

4) אין „ספר מורה דרך כולל"[2]: אום טראכטען, גיפאטרין,

פון דעם געברויכטען נאכווארט איז צו זעהן, אז דער כ״י איז אפגעשריבען פון נתן נטע האנאווערס „שפה ברורה", וואס איז ת״כ (1659 אדער 1660) ערשינען אין פראג, העברעיש—יידיש—לאטיין—איטאליעניש [זעהט: בן־יעקב ז׳ 607, ג׳ 1187].

דער אנאנימער ווילנער קאפיסט האט דאס איטאליענישע נישט געפונען פאר ניטיק אפצושרייבען.

האנאווערס נאמען און די שטאדט פון דרוק קומען־פאר אויך אין טעקסט פון ווקאבולארי, דהיינו אף די ז״ז קי״ו—קי״ז:

„מַה שְּׁמֶךָ.	וויא איז דיין נאמן..	קוֹואֹמְדָא וֵוקְרִים
„נתן אשכנז עבדך.	נטע הנובר דיין קנעכט..יאקב שעברשינר	
		סֶערְוִוים טוּאוּם..
„בֶּן אֻמָּתֶךָ.	דער זון פון דיין מייד.	פִּילְיאוּם אַנְסִילֶּע טוּעֶ
„מֵאֵיזֶה מָקוֹם.	פון וועלכר שטאט.	עֶקְס קוַוא צִוִויטַטֶע
„אֲדוֹנִי..	איז מיין הער..	דָאמִינוּס מֶעאוּם
„מֵעִיר פְּרָאג..	פון שטאט פראג.	עֶקְס אוּרְבֶּע פְּרַאגַא...״

ס׳וואלט אין פיל הינזיכטען אינטערעסאנט געוועזען, צו פארגלייכען די קאפיע מיט דעם געדרוקטען אריגינאל, אבער, צום באדויערן, האב איך נישט אין מיין ביבליאטעק האנאווערס ווערק, און אויך אין דער ווארשעווער סינאגאגעביבליאטעק איז עס נישט פאראן.—

[1]) ז״ז: נ״ח, נ״ט, נ״ב, מ״ח, נ״ח, נ״ט, נ״ג, נ״ג, נ״ב, מ״ז, מ״ג.—

[2]) „ספר מורה דרך כולל

„קבוצת הרבה מלות עבריות ותלמודיות וביאורם בלשון אשכנזי המדובר במדינתינו, בפי עמנו,—

„ומורי הנערים ילמדום המלות מעט מעט, ויסכו וישלטו, עדי יוחק על לוח לבם בעט ברזל ועופרת, לזכר עולם למשמרת:

„בדפוס של השותפים דק״ק ווילנא שנת תקצ״ח לפ״ק"—. (אין דעם רוסישען טייל פון שער: 1837).—

דֶר צִיהֶרן, פרַיינֶדן, קִינד בֶּעטֶרן [1], קִינִיגן [2], שְׁוֶועגֶרן [1], לֵייבִּין [3].—

94 § — 1) צווישען די פעמינינא צו העברעישע נומינא אפּעלאטי־וואַ מיט פערזענליכער באַטייטונג געפינען מיר אין יידישען זייער וויי־ניק ביישפּילען מיט דעם סופיקס, פון וועלכען ס'איז די רייד אין די §§ 92—93.

a) אין אלע פּוילישע, ליטווישע און דרום-רוסלענדישע מ"מ ווערט געברויכט דער וואקאַבעל „רעביצן" [4].— בא טענדלאַו l.c. 339: Rewezen.— בא אווע-לאַללעמאַנט IV 454: רבלין (rebbizin).

[בן-יעקב ז' 309, נ' 791 ברעינגט: „מורה דרך, הוא כעין ס'חנוך קטן, ללמוד הילדים עם בהמ"ו וק"ש וש"ד עם עברי טייץ: ווילנא, תר"ח. שם תרי"א. ווארשא, 1849, 12°. 72 ז"ז כ"פ".— זולען דאס זיין וויטערדיקע אויסגאַבען פון דעם ביכעלע, וועלכעס איך הוב אין מיין ביבליאָטעק?].

ז"ז 3—4 פארנעמט די העברעישע הקדמה מיט'ן טיטעל: „לתלמוד תורה" (אף ז' 3) און „הלכות גידול בנים" (אף ז' 4). אף די ז"ז 5—10 גייט די יידישע הקדמה: „בן חכם מוסר אב ולץ לא שמע גערה".

אף די ז"ז 11—32 איז פאר אונז א וואקאבולארי, איינגעטיילט אין י"ד סימנים. דאס איז מער נישט, ווי א עטוואס פארקירצטע קאפּיע פון האנווערס „שפה ברורה", אָהן דעם לאַטיין, און אנדערש אויסגעשטעלט: די העברעישע ווערטער, מיט גרעסערע אותיות געזעצט, אין איין שורה, און די יידישע איבערזעצונג, מיט קלענערע אותיות, אין א באַזונדער שורה, איבער דער לשון-קודשדיקער. קומט-אויס א אינטערלינעאלע איבערזעצונג.— הגם דאס ביכעלע איז נאך קיין 100 יאר נישט אלט, איז די שפּראך פון דער יידישער איבערזעצונג דוך אלטפּעטעריש: מערסטענ-טיילס טרייע אָפּשריפטן פון האַנווערס לשון, אובער געפינטעלט (בא האנווערן זענען די יידישע ווערטער אָהן ניקוד).

אף די ז"ז 33—48: „ברכות הנהנין", „ברכת הגומל", „ברכה אחרונה", „קריאת שמע על המטה"— דאס רוב מיט יידישער איבערזעצונג.— ז"ז 49—60: „הנהגות", געגראמטע פורשריפטען פאר קינדער אף העברעיש.—

1) ז' 21.— 2) ז' 24.— 3) ז' 20.—

4) ליפשיץ 204; הארקאווי 314; ספּיוואק-יהואש 241; גולומב 400; ליניעצקי l.c. 9, 10, 14, 16, 19 א. א. וו.; עטינגער l.c. 31; מ. גורדון l.c.— אין „מצות נשים" (ווענעציע 1552): „פון ורומן רב אונ' קוישטליכן רביצין" (ציטירט

b) אין ווארשע: כאַוואָטאָרגע[1]); אין דרילטש: כאַוועטאָרגע; אין קרעמעניץ: כאַוואַטאָרגע.

c) אויך דאָס ווארשעווער "ליקוכנ"[2]) געהערט, אייגענטליך, אַהער.— נאָך געברויכט מען אין ווארשע, אין דערזועלביקער טייטש: "ליקיכורנ"[3]).

d) אווע-לאַל' IV 329 ברענגט, פון די יידישע מ"מ אין דייטש-לאַנד: "חופכרין"[4]) (auphnerin).

2) אַלס נורם, ווערען אין די יידישע מ"מ אַזעלכע פעמינינאַ צו העברעישע מאַסקולינאַ געבילדעט מיט אַ t סופיקס, און האָבען די ענדונג -טע (-טי).

a) שטערן ברענגט: Bechte, Gallachte, Keserte, Klafte,

נאָך: אלעזר שולמאן, "שפת יהודית-אשכנזית וספרותה. מקץ המאה הט"ו עד קץ שנות המאה הי"ח". ריגא תרע"ג. ז' 74).—

[1]) צו חבר.— באַ שטיינגערן l.c. ז' 44.—

[2]) איך האָב עס געבראַכט אויבען אָף ז' 99, מחמת ס'איז, לויט דער באַטייטונג, אַ ספּעציפיש-יידישע בילדונג, הגם פון אַ העברעישען שורש.—

[3]) שטערן l.c. 50 ברענגט: Lekeache (דאָס נעמען, דאָס אַוועקנעמען, גנבה), Lekeachen (נעמען, גנב'ענען, באַקומען).— אווע-לאַללעמאַנט IV, אויס די דייטשיש-יידישע מ"מ: לקח (lokach) [ער האָט גענומען, געגנב'עט], לקיחה (lekicho) [דאָס אַנגעמען, אַוועקנעמען, גנבה], לוקחנן (lokechnen) [נעמען, גנב'ענען], לוקחר (lokecher) [גנב].—

[4]) צום מאַסק' "אופנר" (auphner)=בעקער.— אויך ער, ווי שטערן, ברענגט "גוויכרין" (ז' 348) צווישען די העברעישע וואָקאַבלען.

אונטערן נאָמען "Jüdischdeutsches Wörterbuch mit Abbreviaturen", גיט אווע-לאַל', אייגענטליך, נור די העברעישע וואָקאַבלען פון דער יידישער שפּראַך אין דייטשלאַנד. ניט-העברעישע ווערטער געפינען מיר דורט זייער ווייניק; אויסער דעם אויבענאָנגעוויזענעם, נאָך: חויסטרחכטן, חויסגישמייכילט ווערדן, חורן (ז' 326), חלמחמר (ז' 329), בג (ז' 340), בכסן, בכטסן (ז' 342), ברייפסט ברייליף (ז' 345), גוויכן (ז' 348), הויערן (ז' 358), קרעגק, קריג דיח קרעגק (ז' 369), כביך (ז' 407), כייחרט (ז' 411), פג (ז' 432), פילגל (ז' 433), פלגגן (ז' 435).—

Melechte, Napchete, Noafte, Pokete[1], Chesitte[2], Krourette[3], Menevulte[4].

b) בּאַ טענדלאַו l.c.: Balbóéste, Hamrazeste[5], Melee-septe[6], Menuwelte[7], Schlemielte[8], Schlemóchemte.

c) בּאַ אווע-לאַללעמאַנט l.c.[9]: בעלביתטי (baalboiste), גנבתי (ganewte), דוכסתי (dukeste), חסידתטי (chasideste), כלבתה (klawta), סוחרתה (socherte), רשעתה (roschaita), שדכנטה (schadchente), שוכנתה (schochente).

d) ליפשיץ ברעינגט[10]: בּאַלבאָסטע, מחותנתטע, שדכנטע[11].

---

1) זעי אויבּען ז״ז 106—107. — 2) ז׳ 115. — 3) ז׳ 48 (אין פּיפּש: Nichte, Bruderstochter). — 4) ז׳ 59. — 5) ז״ז 178, 55. — 6) ז׳ 165 מְיַלֶּדֶת (הייבּאַם). — 7) ז׳ 83. —

8) פּעם׳ צו שלעמיל. — טענדלאַו ווייזט אָן, אַז בּאַ די דייטשישע יידען באַצייכענט דאָס וואָרט שלעמיל אַ שלימזל, איינעם, וואָס קיין זאַך געראָט אים נישט, וואָס אַלץ גייט אים מיט דער פּוטער אַראָפּ, אַ Pechfogel (горемыка, неудачникъ). פּעטער שלעמיהל איז דער העלד פון דער באַקאַנטער נאָוועלע פון שאַמיסאָ. — אויך אין שידלעץ הערט שלימיל געבּרויכט אין דער טייטש (אַ־ען אַ דערציילונג פון י. מ. אַש אַבּוים ווענען אַ פּאַרשוין פון דעם טיפּ און מיט דעם נאָמען).

מ׳קען דאָס וואָרט אַרויספירען פון דעם העבּרעאישען אייגען-נאָמען שְׁלֻמִיאֵל (במדבר א׳ ו׳; ב׳ י״ב). טענדלאַו רעכענט, אַז „שלעמיל" שטאַמט פון schlem (האָט די טייטש: quer, schief), און אַז די אורשפּרינגליכע פאָרם פון דעם סובּסטאַנטיוו איז געוועזען „שלעמעל" (אַיינער, וואָס אַלץ גייט אים „שלעם"). טענדלאַו זוכט צו זיין השערה אַ שטיצע אין די ווערטער „שלעמוכעם, שלעמוכעמטע", וואָס ווערען בּאַ די דרום-דייטשישע יידען געבּרויכט אין דעמזעלבּיקען זין, ווי „שלעמיל". „שלעמוכעם", ווידער, מיינט טענדלאַו, איז אַנטשטאַנען פון „שלעם-אוך-אָים" („אוך-אָים" = „וועי-אָים"; רעדענסאַרטליך: „אוך איז אָים און וועי איז אָים!"). — נור מיר דאַכט, אַז די דערקלערונג איז געקינסטעלט. די בּאַשטיינונג פון די ווערטער און דער סופיקס פון דעם פעמינינום דערלויבען גיכער צו דענקען, אַז פאַר אונז איז אַ העבּרעאישער שורש. —

9) ז״ז 341, 349, 353, 372, 389, 417, 459, 464, 468. — 10) 81, 120, 209. — 11) ווי מיר זעען, נישט קיין סך. אויבער דאָס בּאַווייזט דורכויס נישט, אַז ליפשיץ וואָל נישט האָבּען געהערט מער ווערטער פון דער קאַטעגאָריע. ער פאַרצייכענט

e) האַרקאַווי נאָטירט: בעל הביתטע, מחותנתטע, שדכנטע שׂכנטע[1].

f) אַ סך אַזעלכע פֿעמינינאַ ברענגען ספּיוואַק-יהואש[2]: אֶביונטע, אֶוילטע, אוהטע, אַכזָרטע, אַפּיקורסטע; בָּחורטע, בְּכורטע, בַּעל־גַאוָהטע[3], בַּעל־הַבַּיתטע (בַּעַל־הַבָּתטע), בַּעל־צְדָקהטע, בַּעל־שִׂמחָהטע, בַּעלָנטע; גַבּאי־טע, גְבירטע (אויך: גְבירענטע), גַזלָנטע, גַנָבטע, גֵרטע; דָבָר־אַחֵרטע; הֶבְרָהקע, חַבֵרטע, חֲזירטע, חַזָנטע, חַקרָנטע; טִפֵּשטע; יַחסָנטע, יַקרָנטע; כַּזבָנטע, כְּלַבטע, כַּעסָנטע; מֵבינטע, מַגִידָתטע[4] (און: מַגִידקע), מוּמחֶנטע, מְחוּתֶנֶתטע[4] (און: מְחוּתֶנֶת), מְכַשֵׁפטע (און: מְכַשֵׁפָה), מַלְוֶהטע, מְלוּמֶדֶתטע[4] (און: מְלוּמֶדֶת), מַמזירטע (און: מַמזֶרֶת), מְנוּוֶלֶתטע[4] (און: מְנוּוֶלֶת), מְשוּמֶדֶתטע[4] (און: מְשוּמֶדֶת); נֶאֱמָנטע, נְביאָהטע[4] (און: נְביאָה), נְגידָתטע[4] (און: נְגידָה), נַדבָנטע, נותֵנטע; סַבלָנטע, סוחֵר־טע; עַקשָנטע, עָרֵלטע (און: עָרלטע); פַּזרָנטע, פַּחדָנטע, פּלוניתטע[4], פְּריצטע; צַדֶקֶתטע[4] (און: צַדֶקֶת, צַדְקָנית); קַבְּצָנטע, קונֶהטע, קַמְצָנטע, קַצָבטע, קְרובָהטע[4] (און: קְרובָה); רַגזָנטע, רופֵאטע, רוצֵחַטע, רַצְחָנטע;

און זײַן ווערטערבוך איבערהויפּט זייער ווייניק „פֿלײַטוּנגספֿורמען“, ווי מ'רופֿט עס אַף דײַטשיש, ד. ה. ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעפֿירט פֿון אַנדערע מיט דער הילף פֿון פֿאַרשידענע סופֿיקסען. בלויז אַלס מוסטער, ווי ס'שײַנט, ברענגט ער נור עטליכע פֿון די גאָר פֿאַרשפּרייטסטע, פֿון יענע, וואָס איר קענט זיי הערען, ווי זאָגט מען דאָס, „10 מאָל אַף דער מינוט“. —

1) 90, 198, 322, 333. אויך נישט קיין סך. האַרקאַווי האָט אים אַלגע־מיין ליב צו נאָטירען אַרויסגעפֿירטע ווערטער, נור די מיט סופֿיקס אוים מאַסקולינאַ געבילדעטע פֿעמינינאַ ברענגט ער קאַרגליך. —

2) ז״ז 2, 2, 7, 10, 15; 25, 29, 34, 35, 38, 38, 39; 47, 47, 50, 54, 55; 56; 81, 81, 86, 86, 95; 102; 109, 112; 118, 120, 123; 140, 140, 146, 151, 157, 159, 159, 161, 162, 175; 181, 181, 182, 183, 185; 191, 193; 210, 211; 216, 217, 218, 222; 226; 229, 233, 235, 236, 237; 241, 242, 242, 245; 250, 254, 256, 257 (256), 261, 264, 264; 267. — 3) עטינגער l.c. 44. —

4) ווי מיר זעען, איז דאָס וואָרט, אפֿילו אָהן דער ענדונג -טע, פֿעמינינום, און די ענדונג איז, אייגענטליך, איבעריג. נור דאָס פֿילאָלאָגישע חוש פֿון פֿאָלק איז שוין געוויינט צו זעהן אין דעם ת-סופֿיקס דעם סימן-המין פֿון העברעישע פֿאַרווידישטע

שַׁדְכָנטע, שותּפטע, שכּרטע, שָׁכֵנטע (און: שְׁכֵנָה), שַׁמָשטע, שַׁקְרָנטע, שְׁתַּדְלָנטע; שְׂרָרה׳סטע.—

g) גולומב פאַרצייכענט וויניק פעמינינאַ פון דער קאַטעגאָריע. איינס ברענגט ער, וועלכעס ספּיוואַק-יהואַש האָבען דורכגעלאָזען: יוֹרשטע (ז׳ 399).

h) באַ אַקסענפעלדן l.c.: אַחבּראָשטע (ז״ז 57, 58), עוֹכרטע (ז׳ 58).

i) די פעמינינאַ פון די פּונקטען d—h זענען מעיר-וויניק באַ-קאַנט אין אַלע יידישע מ״מ.— אין קרעמעניץ קען מען נאָך הע-רען: ראַמיטי [1]); — אין שידלעץ: קעיסאַטע; — אין וואַרשע: כאָכימטע [2]), מוירראָיטע [3]), מוֹליכטע [4]).

אָנמערקונג 1.— אויך צו העברעישע אייגענ-נעמען ווערען געבילדעט פעמינינאַ מיט דעם סופיקס -טע. למשל: זֶרַח׳טע, פֶּרֶץ׳טע וכ׳.—

אָנמערקונג 2.— אין „ספר מורה דרך״ ז׳ 24: הֶעֱרִינְטִי [5]), — דער איינציקער נישטהעברעישער פעמינינום, וועלכען מיר קומט-אויס צו באַגעגענען מיט דעם סופיקס.—

אָנמערקונג 3.— פעמינינום צו קיסר ווערט על-פי-רוב געבילדעט מיט אַנדערע ענדונגען: קאַיסוֹרינע (וואַרשע), קאַיסערינע (פּולטוסק, דרילטש) [6]); — קעיסאַרינע (שידלעץ) [6]); — קעיסאַרינע (קרעמעניץ), קעיסערינע [7]) [ליפשיץ 187, הורוויץ 85 [8])].—

אָנמערקונג 4.— אויך מיט דעם t-סופיקס קונקורירט אין אַ געוויסער מאָס דער פּוילישער k-סופיקס. צו די העברעישע מאַסקולינאַ מיט דענטאַלען עקספּלו-זיוולויט אין אויסלויט קענען פעמינינאַ איבערהויפּט געבילדעט ווערען נור אַף -קע [9]);

נומינאַ אַפּעלאַטיוואַ מיט פּערזענלכער באַטייטונג און גיט-צו די ענדונג -טע ווגאַר דורט, וווּ מ׳דאַרף זי לחלוטין נישט.—

[1]) צו רַמַאי.— [2]) צו חָכָם.— אירונישע פאָרם. די נייטראַלע פאָרם: כאַכאַי-מעס (חכמת) [אויך: כאַכאַימעתטע].— [3]) צו מוֹרֶה-הוֹרָאָה.—

[4]) קונטראַבאַנדיסטין — צו מוֹליכוֹ (קונטראַבאַנדיסט); מוֹליכן — דורכפירען קונטראַבאַנדע. אין דער דייטשישער גנבים-שפראַך: (נומען) מוֹליך, (ווערב) מוֹליך-זיין (אַוועק-לאַזן) (אַוועקלאַזן IV 575). פון העברעישען וורצעל הָלַךְ [הוליך — פירען („מלון״ ז׳ 204); כאַראַקטעריסטיש: הֶלֶךְ — וועגשטייער, צול (l.c.)].— [5]) איבער-זעצונג פון אֲדוֹנִית.— [6]) מיט דער פּוילישער ענדונג -yna (מאַלעצקי l.c. II 59).— [7]) מיט דער רוסישער ענדונג -ЫНЯ.— [8]) אויך: קייזערן.— [9]) נאָך באַ מש״ה

אין וואַרשע: כאָסיטקע [1]), מלאַמיטקע [2]), שויכיטקע [3]), שמאַטקע [4]) א. אַ. ה. [5]).— ליגעצקי: l.c. 38: מגידקע [6]). — אין פולטוסק אויך: סויפעקע [7]).—

אַנמערקונג ה.— מענליכע נומינע אַפּעלאַטיווא מיט פּערזענליכער באַטײַטונג, וואָס זענען געבילדעט פון העברעישע שרשים מיט דער רוסישער ענדונג -ניק (-никъ), הובען לעבען זיך פעמינינא מיט דער אַנטשפּרעכענדיקער רוסישער ענדונג -ניצע (ница) [8]).— באַ ספּיוואַק-יהואש [9]): אֵשֶׁת-אישניצע; בעזבושניצע, בעזחרפּטניצע [10]), בעל-גאווהניצע, בעל-העזהניצע, בעל-מצוהטניצע [10]), בעל-תאוהניצע, בעל-תשובהניצע א. אַ. וו. [11]).—

§ 95 — [אַלס דעמינוטיווסופיקס]. — 1) סונאַנטישער נאַזאַל איז פאַר אונז אויך אין סופיקסענקאָמפּלעקס „-כנ״, מיט וועלכען עס ווערט אין איינינקע יידישע מ״מ געבילדעט דער דעמינוטיוו צו סובסטאַנטיווען מיט ן אין פרײַען אויסלויט.

ליפשיץ [12]) ברענגט: באַרילעכן (בערילעכן) [13]), געילעכן [14]), ווייסלעכן [14]), שפּילעכן.—

באַ דרײַזינען [15]): געלכין, ווייסליכען [16]).— באַ הורוויץ [17]): ווייסלעכן [18]).

מאַרקוזע (ספר „ספר רפואות, הנקרא עזר ישראל״. 1790) געפינען מיר פעמינינא (אמת, יידישע) מיט דעם פוילישען סופיקס, ווי למשל: לו זייגערקעס, לו ווייגערקעס, חכופה טרייבערקעס (דף צ״ב ז׳ b).—

[1]) הסידקע (אויך ספּיוו.-יהואש 94). באַ איוע-לאַללעמאַנט, ווי מיר הובען געזעען (אויבען ז׳ 118): חסידתטי!— [2]) מלמדקע (אויך אין קרעמעניץ; באַ ספּיוו.-יהואש 160).— [3]) שוחטקע (אויך אין פולטוסק, שיעדלעץ, קרעמעניץ; באַ ספּ.-יהואש 252).— [4]) שמדקע (קומט-פאָר אין פאָלקסלידער). די פאָרם איז, אײַגענטליך, ניט אַרויסגעפירט פון מאַסקולינום, נור דירעקט פון נומען אַבסטראַקטום „שמד״.— [5]) אין „בת-יחידקע״ (ספּ.-יהו׳ 45) איז -קע — דעמינוטיווסופיקס.— [6]) אויך ספּ.-יהו׳ ז׳ 140.— [7]) סופר׳ס ווײַב.— [8]) ס׳זענען אויך פּויליש ענדונגען: nik, nica [פאַלעצקי: l.c. II 51; מייערסון § 221].— [9]) 18; 33, 33, 34, 35, 37, 39, 39.— [10]) אין דעם וואָקאַבעל איז דער סופיקס אַ טופּעלער.— [11]) פון „בעל-מפונק״ — בעל-מפונקניצע! (l.c. 37).— [12]) ז״ו 56 (63), 70, 90, 218.— [13]) צו פּויליש: baryła, bareła (פאַס).— [14]) פון אײַ.— [15]) 122, 45.— [16]) אויבער: מיילכעל, שפּילכיל (616, 169).— [17]) ז׳ 45.— [18]) אויך: ווייסלעטשן; אויבער: געלכעל (ז׳ 34).—

בײַ שקאָפּענפעלדן l.c.: „מאַליכין" (ז' 13), „פּאַטשײליכין" (זײַ 35, 41), „פּיליכין" (ז' 37).—עפּינגער l.c. 151: „טרינקט דער-ווײַל איהר שעלעכען קאָווע" [1]).— לינעצקי l.c.: „מײליכען" (ד. ה.: „מײלעכל"), „שיליכין" [2]).—

אין גאַליציע איז די ענדונג פון אַזעלכע דעמינוטיווא „-אַכן" [3]).

אַנמערקונג 1.— פּערשפּעקטיווער איז דער סופיקסענקאָמפּלעקס „-כן".

אין חערשאָן: מאַלוכו [4]), מילוכו, פּיטשאַילוכו, שילוכו, שפּי-לוכו [5]).

אין פּאָלטאַוו: געילעכו [6]), מאַלעכו, מילעכו, פּאַטשאַילעכו, פּאַלעכו, פּעלעכו, קאַלעכו, שילעכו, שפּילעכו.— אידענטיש — אין אומאַנע.

אין דרילטש: מאַלעכו, מיל‌עכו, פּאַטשאַיל‌עכו, פּאַלעכו, פּעל‌עכו, קאַלעכו, שיל‌עכו, שפּיל‌עכו [7]).

„-כן"—אויך אין וויערכאָוו, ווישעגראָד, מאַקאָוו [8]).—

אין שיעדלעץ: געילאַכו [9]), מאַלאַכו, מילאַכו, פּאַטשעילאַכו, פּאַלאַכו, פּעלאַכו, שילאַכו, שפּילאַכו [10]).

אין קרעמעניץ: געילאַכן, וואַסלאַכן, מאַלאַכן, מילאַכן, פּאַ-לאַכן, פּעלאַכן, שילאַכן, שפּילאַכן, וכו'.

---

[1]) עפּינגער 37: פּעלכער; דאָס איז טערצאַל פון פּעלכן, פּעלעכן (דע-מינוטיוו צו „פּעל"). די פּויליש-יידישע פּ"ס, וואָס בילדען אַלע דעמינוטיווא איבער-הויפּט מיט -כע (-כע א. אַ. וו.) הובען דעם פּלוראַל צו זײַ אַף -כער (זײַ „זאַמעל-ביכער" II 322).

[2]) זײַ 48, 13.—[3]) „זאַמעלביכער" II 323.—[4]) ד—װאַרשעווער אויסשפּראַך פון]
נאָך כ (זײַ אויבען ז' 56).—[5]) צו: מוול, מיל, פּיטשאַילע, שיל, שפּיל.
אָבער: ס'געילוכץ, ס'וואַסלוכץ (פון אַ איי),—אַלזו, נישט דעמינוטיווום.—

[6]) אָבער: וואַסל.—[7]) צו מועל, מיל, פּאַטשאַיל (אָדער: פּאַטשאַיל), פּאַל, פּעל, קועל, שיל, שפּיל. [אַ'איי הײַט אין דרילטש: שאָלעכץ (f), וואַסל (n) און געיל‌עכץ (n) אָדער געיל‌עכל] —[8]) „זאַמעלביכער" II 311—312, 313, 323.—[9]) אַ'איי הײַט: שאָעל (f), אוועט (f), וואַסל (n) און געילאַכן.—[10]) צו געיל (אָדיעקט), מול (מיט קורצען o), מיל, פּאַטשעילע, פּאַל, פּעל, שיל, שפּיל [דער a פאַר דער ענדונג -כו אין די דעמינוטיווא איז איבערקורץ, אַזוי כמעט, אַז מ'קען אים אויפנעמען נור בײַ אָנשטרענגונג פון גע-הער]. —

האַרקאַווי ברענגט איבערהויפּט קיין דעמינוטיווא ניט[1], נור אין זיין „היש משפט“[2] ווייזט ער אָן, אַז סובסטאַנטיווען אויף ־ל האָבען דעמינוטיווא אויף „־כ̄על“[3]. —

אין קוליִנע איז די ענדונג „־כ̄עלי“[4]. —

2) העברעיִשע דעמינוטיווא: „קל׳כ̄ען“[5] (ד. ה. „קעלכ̄ן̥“) ליִנעצקי, „דאָס חסידיִשע יונגעל“[6], ז׳ 76; — „בּתולהכען“ (l. c. 148)[7].

אַנמערקונג 2. — אין קרעמעניץ: קעלאַכ̥̄ל, פּסלאַכ̥̄ל; אין וואַרשע: ...לוכ̄ו, פּסלוכ̄ו; אין דריִלטש: קולעכ̄ו. — גערזון 48, ספּיוואַק־יהואש 233: ...על, קעלכעל. —

§ ... — [פלעקסיִע פון אייגען־נעמען]. — ... איז, נאָך די אייגענע קאָנסאָנאַנטען, פלעקסיִע פון דאַטיוו און אַקוזאַטיוו סינגולאַריס פון יידיִשע אייגען־נעמען און ביינעמען (וואָס ווערען, ווי באַקאַנט, געברויכט אָהן אַרטיִקעל) און פון אייניִקע נאָמינאַ אַפּעלאַטיווא מיט פערזענליִכ̄ער באַטייטונג[8].

אַזוי, למשל, אין קרעמעניץ:

1) לאַזאַרן̥, לעיזאַרן̥[9]; שוילן̥, קאַסריִלן̥[10]; — וואָלפן̥, יאָסיִפן̥[11]; יאַנקיִוון̥, אליִוון̥, עיסיִוון̥[12]; — איציִקן̥, יויליִקן̥[13]; באַראַכ̄ן̥, נויאַכ̄ן̥, פּעיסאַכ̄ן̥[14]; דאָוויִדן̥[15]; טודריִסן̥, פּיִנכ̄יִסן̥[16]; ערשן̥[17], פּאַוויִשן̥; פּעיריִצן̥[18].

---

[1]) בלויז: „געלכ̄על“ (ז׳ 348); אובעד (144): ווייסעל (פל׳: וויימלען, ווייסלאך). — [2]) „היש משפט לשון לשפת יהודית? תשובה ברורה לשוטני שפת יהודית המדברת, מאת אלעכסנדר הארקאווי“. ניו־יאָרק; תרנ״ו. ז׳ 22. — [3]) זעי אויך: גערזון 48, ז. רייזען („יודישע גראַמאַטיִק“. וואַרשע 1908) ז׳ 40. — [4]) „זאַמעלביִכ̄ער“ II 323. — [5]) צו קול. — [6]) „דאָס חסידיִשע יונגעל, דיא לעבענסבעשרייבונג פון א פּויליִשען יודען, פון זיין געבוירען ביז זיין פערלוירען, צו דער צייט פיִנ׳ם אנפאנג דעם יעצטיִגען יודישען יאהר־הונדערט. פון עֵלִי־קָצִין חַצְחַקוּ־אֵלִי. מק״ק וְצִיוֹנִי. דיא צווייטע פאָלקאמען איבערגעאַרבייטע אויסגאבע, פאָן מיין פּויליִשען יונגעל“. ווילנא, תרנ״ז. [דיִדוזיִקע אויסגאבע וועט ווייטער איבעראל ציִטירט ווערען אלס „ליִנעצקי II“]. — [7]) ליִנעצקי II 158: „א יונג אַלְמָנָה׳כען“ (־כ̥̄ן — נאָך ח פון דער אויטלויטוילב). — [8]) פאַרגלייך: גערזון 46—47. — [9]) צו: אֶלְעָזָר, אֱלִיעֶזֶר. — [10]) שָׁאוּל, כַּתְרִיאֵל. — [11]) יוֹסֵף. — [12]) יַעֲקֹב, אִיּוֹב, עֵשָׂו. — [13]) צו דעמינוטיווא פון יִצְחָק, יוֹאֵל. — [14]) בָּרוּךְ, נֹחַ, פֶּסַח. — [15]) דָּוִד. — [16]) פִּנְחָס. — [17]) הערש. — [18]) פֶּרֶץ.

אַנמערקונג 1.—דאָס רוב זענען די געמען העברעישע.—

2) לערנערן; — פּאָלטאָראַקן, פּרישבערגן; ראַפּאָפּאָרטן, עפּריסן, אורוויטשן, וכו׳.—

3) דים טאָטן, דים זיידן, דים אַלדן, דים מענטשן[1]); משלאַכן.

אַנמערקונג 2.- אין וואַרשע אויך: „דים ברידורן"[2]), „דים אייגנטימורן"[3]), „דים האַרן"[4]).—

§ 97 — [סופיקס פון אַדיעקטען] .— 1) ־ן סופיקס האָבען מיר אין די אַדיעקטען:— אופן[5]), גלאָסן, טרוקן[6]), זעלטן[7]).

אַנמערקונג.— בײַ ליפשיצן 132: ניכטער, אָבער ניכטערנער [ד. ה. די אומפלעקטירטע פאָרם — אָהן ן-סופיקס, די פלעקטירטע — מיט] .— בײַ משה מאַרקוזע l.c. ק״ה: „ניכטערן"; בײַ טענדלאַו l.c. 300: nüchtern; בײַ ליגעצקין l.c. 55: ניכטערין (אומפלעקטירטע פאָרם מיט ן[8]).—

2) אויך אין די העברעישע (אין קרעמעניצער טראַנסקריפּציע): הסיקן[9]), משגן[10]), קאָטן[11]).—

§ — 1) אין ן[12]) ווערט, נאָך די שוין דערמאָנטע קאָנסאָנאַנטען, פאַרקירצט אויך דער סופיקס, מיט וועלכען עס ווערען אין יידיש געבילדעט די סטאָפבאַצײַכנענדיקע אַדיעקטיווא (על-פי-רוב פון סובסטאַנטיווען, וואָס באַצײַכנען חיות, געוויקסען, מינעראַלען און עלעמענטען).

ליפשיץ ברענגט: אײזערן, בלײַערן, בײנערן, בלײַערן[13]), גלעזערן, האָרן, הילצערן, זילבערן, טכוירן, טשאַוואָנערן, לעמערן, ערדערן, פּאַפּירן, צווערן, צינערן, קופּערן, רינדערן, שטײנערן[14]);

[1]) אויך: „דים אלד, דים מענטש".— [2]) „מיאי גיקימע פי מאַא ברידורן".— [3]) „האָלנגיגענע צי דים אייגנטימורן".— [4]) „כ׳דאַנק שטאַרק דים האַרן".— [5]) ליפשיץ 36. ווילמאַנגס II 436.— [6]) ליפשיץ 106: „טריקן". ווילמאַנגס l.c.— [7]) ליפשיץ 96. ווילמאַנגס II 437.— [8]) אויך אין וואַרשע אַזוי.— [9]) מסוכן.— [10]) ספיוואַק-יהואַש 175: משוגע׳ן—(בלויז די פלעקטירטע פאָרם; די אומפלעקטירטע ווערט געברויכט אָהן דעם סופיקס).— [11]) קטן.— [12])=מה״ד in-, נה״ד en- (זעה ווילמאַנגס II 438).— [13]) און: „בלײַען".— [14]) 8, 57, 58, 60, 68, 83, 85, 95, 104, 106, 115, 140, 145, 169, 175, 187, 205, 211.—

װוּלן, טאָילן[1]), מעטאַלן, פלאַנעלן, פעלן[2]); — שאָפּן[3]), יאַמשאָון[4]);— טוּמבעקן; ציגן; בלעכן[5]); — ברילִיאַנטן, געווענטן, דימענטן, דראָטן, זע-הינטן, טאַפטן, טשערעטן, לאַווענטן (ליַיווענטן), לאַנקאָטן, סאַמעטן, פּוישטן[6]); גולדן, זיַידן[7]); — אוקסן, אַטליסן, גיפּסן, וואַקסן (און וועקסן), פּימסן, פּיקסן, פלאַקסן, פּליסן[8]); זאַמשן, שמוישן[9]); ברונזן, גענזן, האָזן[10]); הירזשן[11]); וויַיצן, מאַראַנצן, ציצין, קאַצן[12]); וועלטשן[13]).

אַנמערקונג. — אייניקע פון די געבראַכטע בײַשפּילן[14]) ווענען, אייגנטליך, צונויפגעשטעלט מיט דעם טויטלען סופיקס „-ערנ"[15]).—

2) אויך פון העברעיִשע ווערצלען ווערן געבילדעט אַזעלכע אַדיעקטען אַף -ן: טרעיפן[16]), כעילעוון[17]).—

§ 99—[פלעקסיע פון אַדיעקט]. — 1) -ן איז, נאָך דיזעלביקע מיטהילכער, די פלעקסיע פון אַדיעקט:

a) פון געניטיוו סינגולאַריס מאַסקוליני און נעווטרי, ווען ער שטייט פאַר'ן סובסטאַנטיוו, וועלכען ער באַליַיט;

b) פון דאַטיוו סינגולאַריס מאַסקוליני און נעווטרי;

c) פון אַקוזאַטיוו סינגולאַריס מאַסקוליני.

למשל, אין קרעמעניץ:

א) פוזיטיוו: a) „דאָס איז דים גרויסן רעבמס[18]) מופת"; „ווי געפעלט'אַך דים קליגן[19]) קינדס תשובה?"; — b) „כ'ו געשיינקט אַ ביך דים אַלטן פראַנט[20])"; „וואַרפט אַביין דים עלנטן אינטל"; — c) „פאַוואָס אוסטו געשלאָגן דים אימגליקלאַכן בעיטלאַ?".—

---

[1]) ליפשיץ לעיגט-אוים: טאָיל (רוסיש: тюль; פויליש tiul); זול ער מיט דעם י' חעלען איבערגעבען די פּאַלאַטאַליזירונג פון ט? אודער פון ל? — [2]) 88, 102, 124, 162, 164. — [3]) ליפשיץ 208 לעיגט-אוים: „שאָפּען", נאָר ס'איז קענטיק מער נישט ווי אַ דרוקפעלער. — [4]) 107. — [5]) 102; 170; 60. — [6]) 64, 70, 75, 80, 96, 102, 107, 113, 112, 134, 142. — [7]) 66, 95. — [8]) 41, 3, 67, 88 (92), 159, 161, 162, 163. — [9]) 94, 216. — [10]) 63, 71, 81. — [11]) 85. — [12]) 90, 118, 176, 184. — [13]) 92. — [14]) דער ערשטער, 3-טער, 4-טער, 5-טער, 7-טער, 10-טער, 11-טער, 12-טער, 15-טער, 17-טער, 18-טער. — [15]) == אה"ד irin-, מה"ד erîn-, נה"ד ern- (ווילמאַנס II 439). — [16]) ספּיוואַק-יהואש 103: טרפ'ען. — [17]) l.c. 90: חלב'ען. — [18]) רביים. — [19]) בלומען. — [20]) פריינט.

און (נאָך בײַשפּילען): „דעם בּיטערנ, דאַנקבּאַרנ, טײַערנ, פּינצטערנ, קלײַרנ, שווערנ, שיטערנ; געילנ, ווילנ, פּילנ, קילנ, שטילנ, שמאָלנ; — טיפנ, שאַרפנ, שלאַפנ; בּלאָונ, גראָונ; — גישמאַקנ, דיקנ, שטאַרקנ; קאַרגנ, אויכנ[1]), בּלײַכנ, געילבּלאַכנ, גרינבּלאַכנ, ווייכנ, קאַלטלאַכנ, קילבּלאַכנ, קריסטלאַכנ, ראָכנ[2]), רויטלאַכנ, שוואַכנ, שוואַרצלאַכנ; — אופטנ, אַרטנ[3]), בּרײַטנ, גידעכטנ, פאַכטנ[4]), קאַלטנ, רויטנ, רעכטנ, שלעכטנ; בּלינדנ, ווילדנ, מידנ; אײַסנ[5]), בּלאַסנ, גיווויסנ, וואַסנ[6]), ז.סנ, נאַסנ; בּעיזנ, לויזנ; אידישנ, אינגלישנ, אַלטפרעינקישנ, דאַטשישנ[7]), דורפישנ, וואַבּאַשנ[8]), טאַבּלישנ[9]), טערקישנ, לאַטישנ[10]); מעידלישנ, נאַרישנ, עינגלישנ, פּוילישנ, פראַנצייזישנ, פרישנ, קינדישנ, ריסישנ, שטאָטישנ, שלסטאַשנ, שנאַדאַשנ; פאַלטשנ; גאַנצנ, קערצנ, שוואַרצנ, וכ׳.—

ב) קומפּאַראַטיוו: „דעם עלטערנ, פּילאַרנ, טיפאַרנ, דיקאַרנ" וכ׳.—

ג) סופּערלאַטיוו: „דעם בּיטאַסטנ, פּילסטנ, טיפסטנ" וכ׳. —

2) ענליך — בּאַ אַדיעקטען פון העבּרעישע ווורצלען. — אין קרעמעניץ:

א) פּאָזיטיוו: „דעם קאָשערנ[11]); — כאָשיוונ[12]); — מיסנ, עמיסנ[13]); אַפּיקורסישנ[14]), בּאַלבּאַטישנ, בּאַלגאַווישנ[15]), גאַזלאָנישנ, גווירישנ, גנייווישנ[16]), טיפּשישנ, יאַכסאָנישנ, יסוימישנ, כאַזאָנישנ[17]), כאַזאַשנ[18]) (און: כאַזירישנ), כסידישנ, לומדישנ[19]), מאַגידישנ, מאַמזערישנ (און: מאַמזאַשנ)[20]), מיווינישנ[21]), מילאַמדישנ[22]), מימכישנ[23]), נגידישנ, סוכ-

---

[1]) הויכען. — [2]) רייכען. — [3]) האַ־טען. — [4]) פייכטען. — [5]) הייסען. — [6]) וויי־סען. — [7]) דייטשישען. — [8]) ווייבערשען. — [9]) טייבלישען. — [10]) לייטישען. — [11]) צו: כָּשֵׁר (ספּיוואַק-יהואש 126). — [12]) צו: חָשׁוּב (l.c. 97). — [13]) צו: מֶזוּס, אֱמֶת (l.c. 138, 13). — [14]) פון: אפּיקורס׳יש (l.c. 15). — [15]) בַּעַל־הַבַּית׳יש, בַּעַל־גַאֲוָה׳יש. — [16]) פון: גַזְלָנ׳יש, גְבִיר׳יש, גַנָב׳יש (l.c. 50, 47, 54). — [17]) פון: יַחֲסָנ׳יש, יְתוֹמה׳יש, חַזָנ׳יש. — [18]) l.c. 86: חָזִיר׳ש. — [19]) פון: חָסִיד׳יש, לומד׳יש (l.c. 94, 132). — [20]) פון: מַמְזֶר׳ש (l.c. 161). — [21]) פון: מֵבִינ׳יש. — [22]) פון: מְלַמֵד׳יש (l.c. 160). — [23]) פון: מומחֶ׳ש. —

רישנ[1], עוויוינישנ[2], פרליצישנ, קאמצאנישנ[3], קאפצאנישנ[4], קאצא-ווישנ[5], רוצכישנ[6], שוכטישנ[7], שכײנישנ[8], וכו'.—

ב) קאמפאראטיוו: „דעם קאשארנ; כאשיווארנ; — מלסארנ, עמיסארנ; אפיקורסישארנ, באלבאטישארנ", וכו'.

ג) סופערלאטיוו: „דעם קאשאסטנ, כאשיפסטנ, מלסטנ, וכו'.

§ 100 — [אין הויפטצאלווערטער]. — אין נ ווערט אפגעשוואכט דאס צווייטע גליד אין די נומעראליא פון 13 ביז 19.

בא ליפשיצן[9]: דרײצנ, פופצנ, אכצנ, נײנצנ.— „פערצנ" און „זעכצנ" הוט ער פשוט פארפעילט, און אנשטאט „זיבעצנ" געפינען מיר בא אים, קענטיק מיט א טעות-הדפוס: „זיבעצין"[10].—

אזוי—אין אלע יידישע מ"מ. נאטירליך, מיט געוויסע עטימולאגישע ניואנסען בנוגע צו דעם איבעריקען לויטבאשטאנד פון די וואקאבלען[11]. —

§ 101 — [פלעקסיע פון אורדנוגנסצאלווערטער]. — נ איז די פלעקסיע פון אורדינאלע צאלווערטער:

a) פון געניטיוו סינגולאריס מאסקוליני און נעווטרי, ווען ער שטייט פאר'ן הויפטווארט, אודער פאר'ן אדיעקט, וואס באלייט דעם סובסטאנטיוו;

b) פון דאטיוו סינגולאריס מאסקוליני און נעווטרי;

c) פון אקוזאטיוו סינגולאריס מאסקוליני.

אין קרעמעניץ: דים עיאשטנ, צווייטנ, דריטנ, פערדנ, פיפטנ, זעקסטנ, זיביטנ, אכטנ, נאנטנ, צענטנ, עליפטנ, צוועליפטנ[12], ...

---

[1]) פון: נגיד'יש, סוחר'יש (l. c. 182, 193). — [2]) פון: אביון'יש. — [3]) פון: פריצ'יש, קמצנ'יש (l. c. 222, 235). — [4]) פון: קבצנ'יש. — [5]) פון: קצב'יש (l. c. 236), — [6]) פון: רוצח'יש. — [7]) פון: שוחט'יש (l. c. 252).— [8]) פון: שכנ'יש.— [9]) ז"ז 80, 160, 25, 132. — [10]) ז' 95. — [11]) אין קרעמעניץ, אין שעדליץ: דראצנ, זיביצנ, נאנצנ; אין פיליוו: דראצנ, זיבצנ, נאנטסנ (אים איבעריקען—ווי אין קרעמעניץ, ווי באליפשיצן); אין ווישעגרוד: פפיפטצנ, זזאכטצנ, זזיבטצנ, אכטצנ, נאטצנ (אים איבעריקען—ווי אין פילין); אין ווארשע: פארצנ, זאכצנ, זיביצנ, נאאנצנ (אים איבעריקען—ווי אין פיליוו); אין דרילפש: אכטצנ, נאצנ (אים איבעריקען—ווי אין ווארשע). — [12]) אין ווארשע: עילשטנ (עישטנ),

צוואַנציקסטן, אײנונצוואַנציקסטן, צוויינצוואַנציקסטן, ... נײַנונאַנציקסטן, אינדאַטסטן [1]), צווייהונדערטסטן, ... טויזנטסטן [2]), צוויטויזנטסטן", א. א. וו., א. אַ. וו. —

§ 102 — [אין נומעראַליע צו צײַטבאַצײכענונג]. — 1) די פוילישייִדישע מ״מ האָבן אַ ספּעציעלע גרופּע נומעראַליע, וואָס דינען צו צײַטבאַצײכענונג. אין אײניקע מ״מ גייט אַ טייל פֿון דידוזיקע צאָלווערטער אויס אַף ן.

— „אײנסן, פֿירן, פֿינפֿן, זעקסן, אַכטן, עלפֿן, צוועלפֿן" [3]), — איז אין פּויליו, אין אופּאַלע, אין לענטשנע דער ענטפֿער אַף די פֿראַגע: „וויפֿל שפּעט איז?", אָדער: „ווען (זאָל דאָס און דאָס געשען ווערן)?" —

אויך: „פֿאַר אײנסן, נאָך אײנסן; פֿאַר פֿירן, נאָך פֿירן", א. א. וו. —

אין לענטשנע אויך: „האַלב אײנסן, האַלב פֿירן", א. א. וו. [אין אופּאַלע, דאַגעגן: „האַלב אײנס, האַלב פֿיר", וכו׳].

אַנמערקונג 1. — אין וואַרשע איז די פֿראַגע: „וויפֿל שפּעט איז [4])?", אָדער: „וויפֿל שפּעט איז?" [5]). — די תּשובה: „אײנסע [6]), צוויִע, דרײַע, פֿירע, פֿינפֿע, זעקסע, זיבנע, אַכטע, נײַנע, צענע [7]), עלפֿע, צוועלפֿע" [8]).

ענליך אין נעשעלסק, בלענדוו, לאַגוחיץ, קינסק, א. א. וו.

צווייטן, פֿערדן, נײַנטן, צענטן (אים איבעריקן — ווי אין קרעמעניץ) [9])

אין דרילטש: ערשטן, נײַטן, טצענטן, עלפֿטן, צוועלפֿטן (אים איבעריקן — ווי אין וואַרשע). —

[1]) אין וואַרשע: הונדערטסטן. — [2]) אין וואַרשע: טויזנטסטן. — [3]) אובער: „צוויין, דרײַן, זיבנן, נײַנן, צענן" (אין לענטשנע — דער ענדזילבוואָקאַל, אײַגנטלעך: שטאַרק געשלאָסענער ע). זאָל די אורשפּרינגליכע פֿאָרם פֿון די לעצטע דרײַ האָבן געוועזן זײַן: „זיבנין, נײַנין, צענין", נור דער שלוסוואָקאַל זאָל האָבן פֿאַרשוווּנדן געוואָרן צוליב דיסימילאַציע? — [4]) אויך אין דרילטש. — [5]) אין פּולטוסק נאָך: „וויפֿל איז די זייגער?". — [6]) דער אויסלויטוואָקאַל אין אַלע — געשלאָסן. — [7]) ענליך אין דרילטש, נור דאָרט דער ענדוואָקאַל נאָך מער געשלאָסן. — [8]) אין דרילטש: עלפֿווע, צוועלפֿווע (מיט שטאַרק געשלאָסענעם ענדוואָקאַל). —

אין פּולטוסק, אין ווירושאָוו[1]) איז די ענדונג פון די צייטבאַצייכנונגס-נומעראַליאַ: -יִ[2]); אין וויסאָקיִ-ט —ו (u); אין מאָקאָווע —ו (o).

אין ווישעגראָד: „ווי שפּעט איז יעצט?" — „אַיְסיְ[3]) דער זייגער; טצוואַיִ, דראַיִ, פֿיִרי, פֿיניוויִ[4]), זעקסיְ, זיבינִי, אַכטי, נאַינע, טצעינע, עליוויִ[4]), טצוועליוויִ[4]) דער זייגער". —

אַנמערקונג 2. — אין קרעמעניץ איז די פֿראַגע וועגן דער צייט: א) „ויפל איז אַצינד דאַ זעיגאַ?", „ויפל קען אַצינד זאַן דאַ זעיגאַ?" — דער ענטפער: „איינס אַ זעיגאַ, צוויי אַ זעיגאַ", א. אַ. וו.[5]).

ב) „ווען (אודער: „ויפל אַ זעיגאַ) זול'אַך קימין?" — די תּשובֿה: „זעיגאַ איינס, זעיגאַ צוויי"; אודער: „איינס דים זעיגאַ, צוויי דים זעיגאַ", א. אַ. וו.; אודער (קינדער און דער המון ענטפערן אַזוי): „זעיגאַ איינס דים זעיגאַ, זעיגאַ צוויי דים זעיגאַ", א. אַ. וו. —

אין שידלעץ: א) „וויפּל איז דאַ זעיגאַ?" — „דאַ זעיגאַ איז איינס, צוויי, דראַי" א. אַ. וו.; —

ב) „ווען אַ זעיגאַ זול'אַך קימען?" — „קימטץ איינס אים זעיגאַ, צוויי אים זעיגאַ", א. אַ. וו.; אודער: „קימטץ אַ זעיגאַ איינס אים זעיגאַ". —

באַ ליניעצקין l.c.: „געקומען בין איך אַרום איינס אַזייגער"[6]); — „גילעריִנט ביז זייגער צוויי"[7]); — „אַרים זייגער דריי"[8]); — „מיר האָבען אוף אים גיהאַרט ביז זייגער צוועלף"[8]); — „קורץ גירעט אַרים צוועליף"[8]). —

2) וועגען דער באַטור פון דעם -ָ (ווי אויך פון די ענדונגען: -ין, -ען, -ע, -יִ, -ו, -עֶ, -יְ) אין די געבראַכטע שעה-באַצייכנונגנומעראַליאַ איז מיר פאָרלויפיק נאָך שווער אַרויסצוזאָגען אַ באַשטימטע מיינונג. זול מען

---

[1]) אין ווירושאָוו, אַלס אויסנאַם: דראַאַ (ניִשט דראַיִ). — [2]) אין וואַרשע אין וויסקיט, אין דרילטש: האַלב אַינס, האַלב צוואַי, האַלב דראַאַ א. אַ. וו.; אין פּולטוסק, דאַגעגען: האַלב אַינסיִ, האַלב צוואַיִ, האַלב דראַיִ א. אַ. וו. — [3]) דער ענדוואָקאַל אין אַלע ייִדישע נומעראַליאַ (אויסער דעם פערדען) נאַזאַלירט, אָבער ניִשט שטאַרק. לויט די אַלגעמיינע פאַרהעלטענישען אין דער ווישעגראָדער מונדאַרט, קען מען דאָ זעין שפּורען פֿון נאַזאַלירונג, ניִשט שפּור פֿון פאַרשווונדענעם שלוסנאַזאַל. — [4]) ענדוואָקאַל אין דעם וואָקאַבעל זייער אָפּען. — [5]) „פֿאַר איינס אַ זעיגאַ"; „נאָך איינס אַ זעיגאַ"; „האַלב איינס אַ זעיגאַ". — [6]) ז' 34. — [7]) ז' 3. — [8]) ז' 29. —

די ענדונגען אָנעמען פאַר אַ פלעקסיע? זולען די וואָקאַבלען אי-בערהויפּט באַטראַכט ווערען אַלס סובסטאַנטיווירטער קאַזוס (דאַטיו? פון נומעראַליאַ קאַרדינאַליאַ[1])? —

§ 103 — [פלעקסיע פון קאַרדינאַלצאָלען?]. — 1) נ זעיען מיר באַ קאַרדינאַל-צאָלען אין אַזעלכע אויסדרוקען, ווי:

קרעמעניץ: „גיבויגן אין פירנ״[2]). — שיערלעץ: „גיבויגן אין פירנ, אין זעקסנ, אין אַכטנ[3]). — דרילאַש: „אַאַגיבויגן אין פירנ[4])״. —

ליגעצקי: l.c[5]): „צוא בראָכען אונ פירען״[6]), „אין פירין צו זאַמען גיליַיגט״. —

2) זעי צו דעם §: ווילמאַננס III (צווייטע העלפט) ז׳ 446. —

§ 104 — [פלעקסיע פון פּראָנומינאַ]. — נ-פלעקסיע הובען אייניקע פּראָנו-מינאַ אַדיעקטיווא. — אַזוי, אין קרעמעניץ, למשל:

a) „דימדוזיקנ[7]) מענטשנס אימגליק״ (גענעטיוו סינג׳ מאַסק׳), „דימ-דוזיקנ קינדס עלטאַרן״ (גענעטיוו סינג׳ נעוטרי); — „כ׳ל דימדוזיקנ מענטש (אודער: קינד) נישט איין טובה שוין גיטין״ (דאַטיוו סינג׳ מאַסק׳ און נעוטרי); — „כ׳קען דימדוזיקנ מענטש נישט אָנקוקן״ (אַקוזאַ-טיוו סינג׳ מאַסק׳).

b) ענליך — באַם פּרונ׳ דעמונסטראַט׳ „דאַזעלביקאַ״[8]); — באַ די פּרונומ׳ אינטעררוגאַטיוואַ און רעלאַטיוואַ: „וואָסאַראַ״.

---

[1]) פאַרגלייך ווילמאַננס III (2-טע העלפט) 446. — [2]) און: „אין דריַין״. אויך: „כ׳ל דאַ ציַשפּאַלטן ים קופּ אוף צוועין״ — [3]) און: „אין דריַין״. — [4]) און: „אין צוואַיַין, אין דראַיַין״. — [5]) ז׳ 31. —

[6]) און: „דער מלאך דומה צו שפּאַלט דעם מת דען בויך אוף צווייען״ (ז׳ 32), „צוא ברעכען אַפּוס אין דרייען״ (ז׳ 33). —

[7]) פּרונ׳ דעמונסטראַטיווום. — ליפּשיץ 76: דערדוזיקער. — אין „ספר של ר׳ אַנשיל״, דף כ״ח ז׳ b: „זאת — דהָם דהָזיג״. — אין וואַרשע: „דאַ-דאָסיקע (אין אופּאָלע: דעדאָסיקע) — דידאָסיקע — דאָסדאָסיקע״. — [8]) אין „ס׳ של ר׳ אַנשיל״, דף כ״ו, ז׳ b: „ההוא — דער זעלביק״. —

„וועלאַכאַ“ [1]) ; — באַ די פּראָנום׳ רעלאַטיוו: „איטלאַכאַ“ [2]), „יעדאַ“ [3]), „יעדאַראַ“ ;

c) „כ׳וב עימיצנ [4]) גיגיבם“ (דאַטיוו), „כ׳וב עימיצנ גיזעין“ (אַקוזאַטיוו) ;

d) „ר׳וט דאַלאַנקט אַ מתנה דים טאַטן אַרנ [5])... דים קינד אַרנ“ (דאַטיוו סינג׳ מאַסק׳ און נעווטר׳) ; — „ר׳וט באַגעיגנט דים ברידאַ אַרנ“ (אַקוזאַטיוו סינג׳ מאַסק׳). —

§ 105 — [אינפיניטיווענדונג]. — 1 -נ איז (נאָך די אַזויפיל מאָל שוין דערמאָנטע קאָנסאָנאַנטען) די ענדונג פון יידישען אינפיניטיוו. — באַ ליפשיצן [6]) :

בלעטערנ, האַרנ, קעהרנ, שאַרנ, שערנ, שפּאַרנ ; אַילנ, הײלנ, וועלנ, קוועלנ, קנעלנ, שטעלנ ; — לויפנ, קױפנ, שטיפנ שטראָפנ, שלאָפנ, שלײפנ ; פּרוּונ, פאַרבלאָוונ ; — באַקנ, ברוקנ, האַקנ, לעקנ, קוויקנ, קנאַקנ ; וועיגנ, זאָגנ, זייגנ, ליגנ, נאָגנ, קלאָגנ ; ברעכנ, זיכנ, לאַכנ, קוכנ, קריכנ, שטעכנ ; — בעטנ, בעיטנ, האַלטנ, היטנ, קנעיטנ, שעלטנ ; באָדנ, בינדנ, זידנ, לאָדנ, רעדנ, שנײדנ ; הײסנ, וויסנ, עסנ, פרעסנ, רײסנ, שיסנ, וואַשנ, ווישנ, יודישנ, לעשנ, מישנ, נאַשנ, קישנ ; בענטשנ, גליטשנ, ווינטשנ, טײטשנ, קוועטשנ, קנעיטשנ ; האַלזנ, ווײזנ, לוזנ, מיזנ, נעיזנ, שפּײזנ ; הײצנ, זיצנ, קריצנ, רײצנ, שוויצנ, שניצנ, אַ. אַ. וו. —

---

1) „וואַסאַרנ וויסטו?“, „וועלאַכנ ווילסטו?“ — ; — „וואַסערנ די ווילסט — נעם דאַ“, „נעם דאַ וועלאַכנ די ווילסט“. [ליפשיץ 88 : וואָסערנ ; l.c. 92 : וועלכער (מאַסק׳), וועלכס (נעווטר׳)]. — 2) ליפשיץ 8 : איטלעכער, -ע, -לעכס. — 3) ליפשיץ 109 : יעדער, יעדע, יעדעס. — הארקאַווי 173 : יעדער. — 4) פרונ׳ אינדעפיניטום, אָהן געשלעכט. הערקאַווי 59, דרייזין 297 : אימעצער. — 5) פרונ׳ פּוסעסיווּם. — 6) 60, 83, 199, 208, 218, 218; 8, 84, 92, 186, 199, 212; 111, 181, 211, 212, 214, 215; 166, 146; 55, 63, 83, 115, 186, 199; 92, 93, 95, 113, 128, 183; 64, 95, 112, 181, 201, 212; 61, 61, 82, 84, 199, 217; 51, 59, 95, 111, 206, 217; 84, 91, 140, 167, 205, 214; 89, 91, 108, 116, 123, 131, 183; 62, 68, 91, 103, 186, 199; 82, 90, 111, 121, 133, 218; 85, 96, 201, 205, 209, 217. —

אָנמערקונג. — דאָס זענען אויך די פֿורמען פֿון ערשטער און צווייטער פּערזאָן פּלוראַליס פּרעזענטיס אינדיקאַטיווי און אימפּעראַטיווי [אויסנאַם: ווילן (אינפ׳: וועלן)]. —

§ 106. — 1) די צייטווערטער מיט העברעישע שורש טיילען זיך אין דער הינזיכט אַף צוויי גרופּעס: אין איינער ווערט די אינפֿיניטיוו-ענדונג (נאָך די מיטהילכער, וועלכע זענען אָנגעוויזען אין § 90) אָפּגעשוואַכט אין -ן, אין דער אַנדערער — נישט. — למשל, אין קרעמעניץ:

a) אַוואַרן, אַסערן, דאַבאַרן, כאַוואַרן זאַך, כאַזאַרן, מאַסאַרן, מיסאַרן, פּאַטאַרן, פּעיגאַרן, קאַשאַרן, שיקאַרן[1]; פּוילן[2]; — נויפֿן, קישיפֿן, רוידיפֿן[3]; יישיוון זאַך, קאַסווין[4]; — מאַזיקן, ניזיקן, סאַפֿיקן זאַך, סיליקן, עיסיקן זאַך[5]; אויריגן, נעריגן[6]; אוילאַכן, כוישאַכן[7]; — געטן, מישפּיטן, שעכטן[8]; שמאַדן[9]; ייכיסן זאַך, מיסן זאַך, מעימיסן, עידיסן זאַך, פּאַקנאַסן, קאַסן זאַך, שמיסן[10]; איפּישן, כאַלישן, כידישן זאַך, ראַשן[11]; אויסשייגיצן[12].

b) מאַליגעירין[13]; — כאַנפֿין, סאַרפֿין[14]; גאַנווין, קאַסווין[15]; — באַטקין, דווייקין זאַך, מייקין, פּאַסקין[16]; אַרגין, דאַגין[17]; אַלכין[18]; —

---

[1]) ספּיחאַק-יהואש: אַוויר׳ען, אַסר׳ען, דבר׳ען, הבר׳ען זיך, חזר׳ען, מסר׳ען, מוסר׳ען, פּטר׳ען, פּגר׳ען, כּשר׳ען, שכור׳ען (ז"ו 5, 14, 57, 81, 86, 164, 146, 217, 214, 126, 256). — [2]) l.c. 215: פּועל׳ען. — [3]) l.c.: נואף׳ען, כּשוף׳ען, רודף׳ען (184, 125, 242). — [4]) l.c.: ישוב׳ען זיך, כּתב׳ען און כּתב׳ענען (113, 127). — [5]) l.c.: מזיק׳ען, נזוק׳ען, ספק׳ען זיך, סלוק׳ען, עסק׳ען (149, 185, 197, 195, 208). — [6]) l.c.: הורג׳ען, נהרג׳ען (63, 183). — [7]) l.c.: הולך׳ען, השכּ׳ען (63, 97). — [8]) l.c.: גט׳ען, משפּט׳ען, שחט׳ען (50, 178, 254). — [9]) l.c. 260: שמד׳ען. — [10]) l.c.: יחוס׳ען זיך, מאוס׳ען זיך, ממית׳ען, עדות׳ען זיך, פֿאַרקנס׳ען, כּעס׳ען, שמועס׳ען (108, 138, 161, 201, 214, 123, 260). — [11]) l.c.: עפּוש׳ען, חלש׳ען, חדוש׳ען זיך, רעש׳ען (208, 91, 81, 245). — [12]) l.c.: 5. — [13]) l.c. 166: מעלה־גרה׳ן. — [14]) l.c.: חנפ׳ען און חנפ׳ענען, שׂרפ׳ען (93, 267). — [15]) l.c.: גנב׳ען און גנב׳ענען, כּתב׳ען און כּתב׳ענען (54, 127). — [16]) l.c.: בּדק׳ען און בּדק׳ענען, דבק׳ען- און דבק׳ענען זיך, מקיא׳ן און מקיא׳נען, פּסק׳ען און פּסק׳ענען (22, 56, 155, 177, 221). — [17]) l.c.: הרג׳ען און הרג׳ענען, דאגה׳ן און דאגה׳נען (69, 55). — [18]) l.c.: הלכ׳ען און הלכ׳ענען (65).

סױדין זאַך [1]) ; קאַנסין [2]) ; דאַרשין, יאַרשין [3]) ; דאַראַגזין [4]) ; עיצין [5]).

2) דער הויפּטאונטערשיד צווישען די צוויי גרופּעס באַשטייט אין דעם, וואָס די ווערבען פון דער ערשטער האָבען מערסטענטיילס די אינפיניטיוו־ענדונג אין דער דריטער זילבּ [6]) נאָכ׳ן הויכטאָן [7]), די צייטווערטער פון דער צווייטער גרופּע — שטענדיג אין דער צווייטער זילבּ נאָך דער געקוועטשטער [8]).

אָנמערקונג. — דעם יידישען שפּראַכגעפיל זענען, אויבער, קענטיק, אומאַנגענעם, אומבאַקוועם העברעיש־שטאַמיקע ווערבען מיט דער אינפיניטיוו־ענדונג אין צווייטער זילבּ נאָכ׳ן הויכטאָן. און אין דעם, וואַרשיינליך, שטעקט די דערקלערונג פון דער אינטערעסאַנטער דערשיינונג, וועלכע וואַרפט זיך אין די אויגען אין די אָנמערקונגען [9]) b צו דער גרופּע פון דער ווערבּ איבּליבען לעבען כמעט אַף ז׳ 132: אונטער׳ן טעקסט 18-14,4

---

[1]) l.c. 192 : סוד׳ען. — [2]) l.c. 236 : קנס׳ען און קנס׳ענען. — [3]) l.c.: דרש׳ען און דרש׳ענען, ירש׳ען און ירש׳ענען (61, 113). — [4]) l.c. 59 : דער׳רגז׳ען און דער׳רגז׳ענען. — [5]) l.c. 209 : עצה׳ן. —

[6]) נאַטירליך, די רייד איז דאָ פון די איינפאַכיקע פאָרמען, נישט פון די קאָמפּאָזיטאַ מיט איינער פון יענע פּרעפּאָזיציעס, וועלכע נעמען איבער דעם הויכטאָן אַף זיך. —

[7]) אויסנאַם: „פּוילן, געטן, שעכטן, שמאַדן, מלסן, קנאַסן“. — אין „קאַסן“ און „ראַשן“ איז דער a לאַנג, כמעט איבערלאַנג (ווי פאַרטאָפּעלט). —

[8]) נוך אַ שטריך: דער וואָקאַל פון דער געקוועטשטער זילבּ אין די ווערבען פון דער ערשטער גרופּע איז על פּי רוב דעראייגענער, ווי אין דעם העברעישען שורש (אין דער פאָלקסטימליכער, מונדאַרטליכער הברה). אין קרעמעניץ: אוילאַכּן (יידיש) — אוילעך (העברעיש; = הולך); אין ליטע: הײלעכן (יידיש) — הײלעך (העברעיש).

אין די צייטווערטער פון דער צווייטער גרופּע, דאַגעגען, ווערט דער וואָקאַל פון דער הויכבאַטאָנטער זילבּ אין העברעישען שורש זייער אָפט קוואַליטאַטיוו געענדערט; דער עלבּסטהילכער פון דער ערשטער נאָכהויכטאָניקער זילבּ פאַרשווינט דערביי, און דאַדורך ווערט עס דאָס וואָרט אָרימער מיט אַ זילבּ [באַ סאָוויעצקי־יהואש 108, 113: יורש — ירש׳ען]. — ווען דער העברעישער שורש איז געווען איינזילביק, שפּרינגט אַמאָל דער קוואַליטאַטיוו געענדערטער וואָקאַל ווײַטער איבער הינטערווײַלעכץ [באַ ספּ׳־יהואש 220—221: פּסק — פּסק׳ען]. —

[9]) אַלע צייטווערטער פון דער גרופּע זענען צווייזילביקע (נאַטירליך, נישט רעכענענדיק די מעגליכע פאָרזילבען). —

עקזיסטירט אַ פּאַראַלעלישע דרײַזילביקע [1]) פורם, וואָס איז געבילדעט פון דער צווייזילביקער מיט דער הילף פון דער זילב -ענ- [2]), וועלכע ווערט אַרײַנגעשטעלט צווישען העברעישען שורש און דער אינפיניטיווענדונג [3]). די דרײַזילביקע פורמען איז אין מויל פון פולק עפטער צו הערען, ווי די צווייזילביקע [4]). —

3) צו דער צווייטער גרופּע דאַרפען פאַרעכענט ווערען אויך יענע פון העברעישע שרשים געבילדעטע ווערבען, וואָס האָבען צווישען וואָרצעל און דער אינפיניטיווענדונג אַ וואָסער ניט איז סלאַווישען סופיקס. — אַזוי, באַ ספּיוואַק־יהואש [5]): בַּעַל־הַבַּתְ'עווען, לֵצ'עווען [6]): צבוע'יאַטשען [7]).

§ 107 — [סופיקס פון פּאַראַיציפּיום פּרעטעריטי]. — 1) שטאַרקע ווערבאַ בילדען דעמדוזיקען פּאַרטיציפּ מיט דער ענדונג „-ען", וועלכע ווערט, נאָך די אין § 90 דערמאַנטע מיטהילכער, פאַרקירצט אין -ן. — צ. ב. אין וואַרשע:

---

[1]) אויך גישט רעלעגענדיק די פורזילבען. — [2]) אַלזו, מיט אַ ב־סופיקס. —

[3]) לעצנ (ספּ'־יהואש 136: לֵצ'ען), וואָס באַלאַנגט צו דער גרופּע a, הוט אויך אַ פּאַראַלעלישע פורם לעצעווען (l.c. לֵצ'עווען). —

[4]) פון די פורמען מיט דעם ב־סופיקס, וואָס זענען געבראַכט אַף ז' 132 אין די אָנמערקונגען אונטערן טעקסט, ווערט אין קרעמעניץ גישט געברויכט בלויז: „דאַנה'נען". צו „שַרְפ'ען" הוט די קרעמעניצער מונדאַרט אַ פּאַראַלעלישע פורם: „סאַר־פינין". — [5]) ז"ז 35, 136, 225. —

[6]) די זילב -עוו- (w־סופיקס) == דעם פּוילישען -ow-, -yw- [אין דער ענדונג פון אינפיניטיוו -ować, -ywać (זעי ד"ר אַנטוני מאַלעצקי l.c. I 314)]. דעם וו־סופיקס זעיען מיר אויך אין רוסישע ווערבען (אין די זילבען -ов-, -ев-, -ыв-, -ив- פאַר דער אינפיניטיווענדונג -ать), ווי אויך אין קליינרוסישע (אין kupowaty וכ'). —

[7]) אין דער זילב -אַטש- איז פאַר אונז דער ווערבאַלער טש־סופיקס, וואָס שטאַמט פון נומינאַלען ק־סופיקס. צוויאַטשען — פון צוויאַק [„צבוע'יאַק" (ספּ'־יהואש 225)], ווי די פּוילישע dziwaczyć, łajdaczeć (łajdaczyć) — פון dziwak, łajdak; ווי די רוסישע дурачить, околпачить, чудачить, ополячить, отуречить — פון дуракъ, колпакъ, чудакъ, полякъ, турокъ. —

גיוירן[1]), גיפרוירן (אויך: צוגיפרוירן א. אז. וו.), פאלוירן, גי־שווירן, גישוירן[2]); גיפולן[3]), גיקוואלן[4]), גישוואלן[5]); — באדורפן[6]) (אויך: גידורפן), גיהולפן, גיוורפן, גיטרופן, גילופן, גירופן[7]),

---

[1]) אויך אין דרילטש, אופאלע, סאמפאלנע. — אין טארלע: גייעיעט; אין קרעמעניץ: גייעאט. — אין יוזעפאוו (לובל. ג., פולעה. א.): גייעיעט (אין נייטראלער פראזע; למשל: „ס'טייק הוט שוין גייעיעט") און גיוירן (אין פרעג־זאץ: „ס'טייק הוט שוין גיוורן?") — אינפיניטיוו: יערן (אין סאמפאלנע: יוירן). —

[2]) אויך אין קרעמעניץ, דרילטש, טארלע, יוזעפאוו, אופאלע, סאמפאלנע אזוי. — אינפ': פרירן [זעלטען אפילו. עפטער: גיפרוירן ווערן (דרילטש, טארלע, אופאלע, סאמפאלנע א. אז. וו.)], פאלירן (סאמפאלנע: פערלירן), שווערן, שערן. —

[3]) אויך אין גער, דרילטש, טארלע, יוזעפאוו, אופאלע, סאמפאלנע. — אינפ': גיפעלן (ווארשע, גער, יוזעפאוו, סאמפאלנע), גיפעלן (דרילטש, טארלע). — אין קרעמעניץ דער פארט' גלייך דעם אינפ': גיפעלן (ליפשיץ 71, אינפ': געפעלן). —

[4]) ד. ה. „געפרייט זיך, צופרידען געווען, הנאה געהאט". אין דרילטש, טארלע, יוזעפאוו, אופאלע, סאמפאלנע — ווי אין ווארשע. — אין קרעמעניץ איז דער ווערב שוואך (פארט': גיקוועלט). ליניעצקי: l.c. ז' 53: „אָן גיקוועלט". — אינפ': קוועלן (ווארשע, יוזעפאוו, אופאלע, סאמפאלנע, קרעמעניץ), קוועלן (דרילטש, טארלע). —

[5]) אויך אין דרילטש, טארלע, יוזעפאוו, אופאלע, סאמפאלנע, קולנע, קרעמעניץ. — אינפ': גישוואלן ווערן (ווארשע, דרילטש, טארלע, יוזעפאוו, אופאלע, סאמפאלנע, קרעמעניץ); גישוואלן ווערן (קולנע); שוועלן [אין דרילטש (אפילו זעלטען געברויכט)]; גישווילן (סכאטשעוו). —

[6]) אויך: בעדורפן, ב'דורפן (געדורפן, ג'דורפן). — דער ווערב איז שטארק אויך אין ראדזימין, יוזעפאוו, אופאלע, ראדזין, פארטשעוו, דרילטש, טארלע. אינפ': באדארפן (עפטער: בעדארפן, בידארפן, ב'דארפן), דארפן. — אין קרעמעניץ: באדאפט, גידאפט (אינפ': באדאפן, דאפן). — אין סאמפאלנע איז דער ווערב לגמרי אומבאקאנט. —

[7]) אינפ': העלפן (אין דרילטש, טארלע: העלפן),ווארפן (אין קרעמעניץ: וורפן), טרעפן, לויפן, רופן. — די פארט' אין דרילטש, טארלע, יוזעפאוו, אופאלע, סאמפאלנע, קרעמעניץ — ווי אין ווארשע. —

באַשאַפֿן [1], גישלאָפֿן [2]; — גימולקן [3], דאַשרוקן [4]; (אויך: גישרוקן, איבוגישרוקן א. אַז. ווײַטער); גיטראָאָגן [5], גילעיגן [6], גיפלויגן [7],

---

[1]) „גוט הוט באַשאַפֿן הימל און ערד“. — אינפֿ׳: באַשאַפֿן, בעשאַפֿן, בישאַפֿן, ב׳שאַפֿן. — אין דרילטש, טאָרלע, יוזעפֿוו, אופּאָלע, סומפּולנע — ווי אין וואַרשע. — אין קרעמעניץ: באַשאַפֿן.

נאָך: אין קרעמעניץ: אָשאַפֿן (למשל, „אָשאַפֿן די דינסט“, ד. ה. אָפּזאָגן איר פֿון דער שטעלע) — אָגישאַפֿט [אין דרילטש, יוזעפֿוו, אופּאָלע: אָאָשאַפֿן, (אָאָפּ-שאַפֿן, אָאָשאַפֿן) — אָאָגישאַפֿט (אָאָפּגישאַפֿט, אָאָגישאַפֿט)]; שאַפֿן זאַך [„מיט עמיצן“, ד. ה. געבן אים באַפֿעלן, פֿאַראָרדנונגען, שליחות׳ן; אַרומשיקן אים (דער עיקר דריקט געוויינלעך אויס די באַציִונג פֿון גרעסערן צום קלענערן, פֿון שטאַרקערן צום שוואַכערן, פֿון אויטאָריטעט צום אָפּהענגיקן. „וואָס שאַפֿסטו זיך מיט מיר! כ׳בין ניט דיין משרת!“ — ענטפֿערט מען אָפֿט אַ באַפֿעל פֿון אײנעם, וואָס הוט ניט קיין רעכט זיך צו ווענדן אין באַפֿעלערישן טון)] — גישאַפֿט (אין דרילטש, אין יוזעפֿוו, אופּאָלע: „ש אַ פֿ ן ז ע ך — ג י ש אַ פֿ ט“). — אין וואַרשע, אין דרילטש, אין יוזעפֿוו, אופּאָלע: שאַפֿן (-ליווערן, צושטעלן, אויפֿזוכן, אויסגעפֿינען, קריגן, פֿאַר זיך אודער פֿאַר עמיצן) — גישאַפֿט. —

[2]) אויך אין דרילטש, טאָרלע, יוזעפֿוו, אופּאָלע, סומפּולנע. — אינפֿ׳: שלאָפֿן. — אין קרעמעניץ: שלאָפֿן — גישלאָפֿן. —

[3]) אויך אין דרילטש, טאָרלע, יוזעפֿוו, אופּאָלע, סומפּולנע, שיעדלעץ. — אין קרעמעניץ: גימעלקט. — אינפֿ׳: מעלקן (אין דרילטש, טאָרלע, יוזעפֿוו: מעליקן). —

[4]) אויך אין שיעדלעץ, קרעמעניץ. אין דרילטש, טאָרלע, יוזעפֿוו, אופּאָלע: דעשרוקן. — אין סומפּולנע: דערשרוקן. — אינפֿ׳: דאַשרעקן (דע-, דער-). —

[5]) אויך אין דרילטש, טאָרלע, יוזעפֿוו, אופּאָלע, סומפּולנע, שיעדלעץ, קרעמעניץ (אין די לעצטע 2 שטעדט — מיט אײנפֿאַכער לענג). —

[6]) אויך אין דרילטש, טאָרלע, יוזעפֿוו, אופּאָלע, סומפּולנע — אין קרעמעניץ: גיליגן. — אינפֿ׳ (איבעראַל): ליגן. —

[7]) אינפֿ׳: פֿליִען. — אין דרילטש, טאָרלע, אופּאָלע — ווי אין וואַרשע. — אין יוזעפֿוו: פֿליִען [מיט איבערקורצען קוים-קוים נאַזאַלירטען אויסלויט-וואָקאַל (צווישען e און i)]. — אין סומפּולנע: פֿליִען (מער ניט ווי מיט אַ פֿינטעלע פֿון n). — אין קרעמעניץ: פֿליִין (פֿאַרט׳ — ווי אין וואַרשע). —

גיצוואָאַגן [1], גיצוויגן [2], גיקריגן [3], גישלאָאַגן [4], גישפּיגן [5], גי־שוויגן [6], גישריגן [7]; גיברוכן, גישטוכן, גיקרוכן [8]; — גיבראָאַטן [9],

---

[1]) אינפ׳: צוואָאַגן. אין דרילטש, טארלע, יוזעפוו, אופאלע, סומפולנע — ווי אין ווארשע. — אין קרעמעניץ: צאָגן — גיצאָגן. —

[2]) אינפ׳: צילע. דרילטש, טארלע, אופאלע — ווי ווארשע. — קרעמ׳: צילין — גיצויגן. — אין יוזעפוו: צילע (ענדוואקאל ווייער רעדוצירט, און קוים־קוים געריירט מיט נאזאלען טעמבר), אין סומפולנע: צילען (אין אויסלויט מער נישט ווי א שאטען א לינדער אפקלאנג פון נאזאל). —

[3]) אינפ׳: קריגן (ד. ה. דערהאלטען, באקומען). אין טארלע, קרעמע־ניץ, טורטשין, קולינע — ווי אין ווארשע. — אין דרילטש, יוזעפוו: קרייגן — גיקרייגן. — אין אופאלע, סומפולנע: קריגן — גיקריגן. — אין נע־סוויזש: פארט׳ גיקרוגן. אין טרעס: גיקריקט. —[אובער, אין ווארשע: קריגן זוך (שפּערן זיך) — גיקריק׳צוך; אין קרעמעניץ: קריגן זאך — גיקריק׳צאך; אין דרילטש, יוזעפוו: קרייגן זעך — גיקרייק׳צעך; אין סומפולנע: קריגן זעך — גיקריק׳צעך]. —

[4]) אינפ׳: שלאָאַגן. דרילטש, טארלע, יוזעפוו, אופאלע, סומפולנע, קרעמע־ניץ — ווי ווארשע (אין קרעמ׳ — מיט איינפאכער לענג). —

[5]) דרילטש, טארלע, יוזעפוו, אופאלע, סומפולנע, קרעמעניץ — ווי ווארשע.— אינפ׳: שפייע. [סומפולנע: שפּאַא (מיט א קוים פארגעמבארער פינטעלע פון נאזאל אין אויסלויט); קרעמעניץ: שפייין]. — אין קולינע: שפייען — גישפיגן. —

[6]) אויך אין דרילטש, טארלע, יוזעפוו, אופאלע, סומפולנע, קרעמעניץ. אינפ׳: שוואַאַגן (אין די פויליש־יידישע מ״מ), שוואָגן (אין קרעמ׳). —

[7]) אויך אין דרילטש, טארלע, יוזעפוו, אופאלע, סומפולנע, קרעמעניץ. אינפ׳: שרייע [אין סומפולנע: שראַא (מיט א קוים פארגעמבארען נאָכקלאנג פון פארשווונדענעם נאזאל); אין קרעמעניץ: שרייין]. — אין קולינע: שרייען — גישריגן. —

[8]) אויך אין דרילטש, טארלע, יוזעפוו, אופאלע, סומפולנע, קרעמעניץ. — אינפ׳: בראַכן, שטאַכן (ווארשע, דרילטש, טארלע, יוזעפוו, אופאלע), ברעכן, שטעכן (קרעמעניץ, סומפולנע); קריכן [בלויז אין דרילטש: קרייכן]. —

[9]) אויך אין דרילטש, טארלע, יוזעפוו, אופאלע, סומפולנע. — אינפ׳: בראָאַטן. — אין קרעמעניץ — ווי אין ווארשע, נור מיט איינפאכער לענג. —

גיגראַאָטן [1], גיזוטן [2], גילִיטן, גישניטן; גיבאָאָדן [3]; אָאָגישליסן [4], גיביסן [5], גיגוסן, גיגעסן [6], גיזעסן [7], גיפרעסן, גיריסן, פּאַשלוסן.

---

[1]) אויך אין קינסק, דרילטש (אין דרילטש אפילו עפטער: גיראָאַטן), טאַרלע, יוזעפּוו, אופּאַלע, ווישעגרוד. — אין סומפּולנע: גיראָאָטן. — [אין קרעמעניץ: גיראָאַטן (אינפ׳ און פּאַרט׳); אין קאָלנע (און בכלל אין די ליטווישע מ"ם): גירוטן (אינפ׳ און פּאַרט׳)].

די פורזילב גי־ (דײַטשיש ge־) איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם צווייטען פּאַרטיציפּ. אָבער ווערבען מיט די פּרעפיקסען גי־, באַ־, אַנט־, דאַ־ (דער־), פאַ־ (פאַר־), צי־ (צו־) באַקומען שוין נישט אין פּאַרטיציפּ פּרעטעריטי די רוויקע פורזילב (זעי: Prof. Dr. Otto Lyon. „Deutsche Grammatik“. Sammlung Göschen. Leipzig 1908. — s. 93). — נור מונדאַרטליך קומען פור אויסנאַמען. צו „גיראָאַטן“ (אין די אַנגעוויזענע שטעדט) — אַלס צווייטער פּאַרטיציפּ: „גיגיראָאַטן“ (אויסגעשפּרוכען, אָבער: גיגראַאַטן). אין וואַרשע, יוזעפּוו, אופּאַלע אויך: גיבאַרימט (פון „גיבאַרימט“). — ענליך אין דײַטשישע מ"מ; אַזוי, אין Pernegg: geghört, gegreut, gegwent (בעהאַגהעל l.c. ז' 272). —

[2]) אויך אין דרילטש, טאַרלע, יוזעפּוו, אופּאַלע, קרעמעניץ. — אינפ׳: זידן. — [אין סומפּולנע ווערט דער ווערב נישט געברויכט]. —

[3]) אויך אין דרילטש, טאַרלע, יוזעפּוו, אופּאַלע, סומפּולנע, קרעמעניץ. אינפ׳: לאַדן, שנאַדן, באָדן (אין די פּויליש־ייד׳ מ"מ מיט איבערלענג). —

[4]) אויך אין דרילטש, טאַרלע, יוזעפּוו, אופּאַלע, סומפּולנע, קרעמעניץ, אין דעם רעדענסאַרטליכען אויסדרוק, וואָס איז געבראַכט אויבען אַף ז׳ 101, אין דער אַנמ. 5 אונטער׳ן טעקסט.

אין „ספר של ר׳ אנשיל“ דף י"ג ר׳ b: „בָלוּ — זי זיין ור שליסין (דברים כט ד)“; „לְבַלּוֹת — לו ור שלייסן (תילי׳ מט טו)“. — וויצענהויזען l.c. זעצט־איבער די צוויי פורמען: „זייכן פהר שליסן“ (בא אים: דברים כ"ט ה׳), „וורט פהר שלייסן“.

אין וואַרשע, טאַרלע, יוזעפּוו, אופּאַלע, סומפּולנע: גישליסן (פּעדערן).

[5]) אויך אין דרילטש, טאַרלע, יוזעפּוו, אופּאַלע, סומפּולנע, קרעמעניץ. אינפ׳: באַסן (אין די פּויליש־ייד׳ מ"מ מיט איבערלענג). — [6]) אויך אין דרילטש, טאַרלע, יוזעפּוו, אופּאַלע, סומפּולנע, קרעמעניץ. אינפ׳: גיסן, עסן. —

[7]) „גיזעסן אין פּאָויאַק“ (די באַקאַנטע וואַרשעווער תפיסה, ווו אַרעסטאַנטען

גישמיסנ; גיוואַשנ, פאַלושנ; גיבלאָזנ, גיוויזנ; גיזאַלצנ, גישמולצנ [1]), וכ׳.

אַנמערקונג. — אין קרעמעניץ פּאַרטיציפּיע: גיבינדנ, גיצינדנ, גישינדנ, פאַשווינדנ (אינפיניטיווע: בינדנ, צינדנ, שינדנ, פאַשווינדנ). — אין וואַרשע, אין יוזעפּוו — פּאַרט׳: גיבין, גיצין, גישין (אינפינ׳: בין, צין, שין), אָבער פאַשווינדנ [2]) (פּאַרט׳ און אינפ׳). — אין דרילטש: גיבין, גיצין [3]) (צו בין, צין), אָבער: גישינדנ, פאַשווינדנ (צו שינדנ, פאַשווינדנ). — אין טאַרלע: גיבין, גיצין, גישין, פאַשווין (אינפ׳: בין, צין, שין, פאַשווין). — די פאַרקירצטע פֿורמען זענען רעזולטאַט דערפֿון, וואָס -ד- האָט זיך אַסימילירט מיט דעם -נ- וואָס פאַר אים [4]).

אין אופּאַלע: אָגישין (צו: שין); אָגיצין (צו: צין) [עפּטער: גיצינדנ (צו: צינדנ) — מיט שטאַרק אָפּגעשוואַכטען ld; — אָבער גיבינדנ (צו: בינדנ) [מיט אַ קוים הערבאַרישען שאָטען פֿון ld [5]). — אין סומפּולנע: צוגיבין [6]) (פּאַרט׳) —

זיצען ביז צום פּרוצעס). אין אַנדערע פֿאַלען: גיזיצנ (למשל: „גיזיצן אויפ׳ן וועיגעלי״, וכ׳). — אין נײַשטעטל (פּעטריק. ג.), דרילטש, טאַרלע, יוזעפּוו, אופּאַלע, סומפּולנע, שידלעץ, קולנע איין פֿורם: גיזעסנ. — אין קרעמעניץ איין פֿורם: גיזיצנ. — אינפ׳ (איבעראַל): זיצנ. —

[1]) אויך אין דרילטש, טאַרלע, יוזעפּוו, אופּאַלע, סומפּולנע, קרעמעניץ. — אינפ׳: פּרעסנ, ראַסנ, פאַשליסנ [אין סומפּולנע: פּער-], שמאַסנ, וואַשנ, פאַלעשנ, בלאָזנ, וואַזנ, זאַלצנ, שמעלצנ (אין די פּויל׳-ייד׳ מ״ם אַ און אָ איבערלענגען). —

[2]) מיט זייער שוואַכען -ד-. — דאָס וואָרט איז דערהויפּט אין שפּראַך פֿון דער מאַסע, ווי ס׳זעיט-אויס, ניט, — ווערט דעריבער געברויכט מיט דער געוויינליכער ליטעראַרישער ענדונג. —

[3]) זעלטענער: גיבינדנ, גיצינדנ (צו: בינדנ, צינדנ). —

[4]) אַזוי: בינדנ — בינננ — בין. —

[5]) אָבער פאַשווינדנ (אפילו זעלטען געברויכט). — [6]) דער אויסלויט-נ זייער פֿול, קלינגענדיק און הילכיק. ווי פאַרשטעלט: דער d פאַרשווונדען, און דער נזאַל, וואָס פֿאַר אים, מיט דעם נ, וואָס נאָך אים, געטראָפען זיך, און ווערען אויסגעשפּרוכען צוזאַמען (אָבער ניט ווי אַנ׳ איינפאַכיקע, נור ווי אַ פאַרשטאַרקטע קוואַנטיטעט). —

בינ̊ג [1])(אינפ׳)؛ אָאַנגיצינ̊ג [2]) — צינ̊ג [1]) ; גישינ̊ג [2]) — שינ̊ג [1]) .

אין געער : אָאַצינע (אינפ׳) — אָאַגיצינע (פּאַרט׳) ; — אין גאַרוווּלין : שינ̇ (אינפ׳) — גישינ̇ (פּאַרט׳) . — אין די פֿורמען פֿאַרלירט (נאָך דער פּאַלאַטאַליזאַציע פֿון -ד- מיט דעם -ג-, וואָס פֿאַר אים) דער אויסלויט-ג̊ דעם קאָנאַנטישען כּאַראַקטער און פּאַלאַטאַל (לויט׳ן כּלל, וואָס וועט באַהאַנדעלט ווערען ווייטער, אין קאַפּיטעל וועגען פֿאַרלוסט פֿון גישטימלבענבילדענדיקען ג אין פֿרייען אויסלויט פֿון אומבאַטאָנטער ענד-זילב), איבערלוזענדיק נאָך זיך אַ וואָקאַל. —

2) די ציַיטווערטער מיט העברעישען שורש זענען אין יידי-שען, אַלס כּלל, שוואַך. בלויז „שעכטנ̊ג" [3]) איז אַ שטאַרקער ווערב. זיַין פּאַרטיציפּ פּרעטעריטי: „גישוכטנ̊ג" [4]) (וואַרשע, דרילטש, טאַרלע, יוזעפּוו, איזאַלע). —

§ 108 — [ענדונג פֿון פּרעזענס און אימפּעראַטיוו]. — -ג̊ איז די ענדונג פֿון ערשטער פּערזון סינגולאַריס פּרעזענטיס און פֿון צווייטער פּערזון סינגולאַריס אימפּעראַטיווי באַ די ווערבאַ מיט ג-סופֿיקס, ד. ה. באַ אַזעלכע צייטווערטער, ווי (אין קרעמעניצער טראַנסקריפּציע, למשל [5]) : גיזעיגי-גין, דאַווינין, וואָרינין, טריקינין, לעיקינין [6])، לערנין [7])،

---

[1]) אַ שוואַכער שאָטען פֿון פֿאַרשווונדענדיקען ḍ און אַ מילדער אויסלויטנאַזאַל.

[2]) אין נורמאַלען רעדען הערט זיך נור אַ גערעכטער, געוויכטיקער, הילכיקער נאַזאַל באַ לאַנגזאַמען רעדען, קען מען, גוט איינהערענדיק זיך, אויפֿנעמען ווי אַ גאָר לינדען הויך פֿון אַ ḍ און פֿון אַ ג̊. —

[3]) ספּ׳-יהואש 254 : שֶׁחט׳ען ؛ גולומב 353 : שחט׳ן ؛ אַוּע-לאַללעמאַנט IV 466 : שוחטן (schochten) ؛ שטערן 72 : schächten. — אין וואַרשע, דרילטש, טאַרלע, יוזעפּוו, אופּאַלע : שאַכטנ̊ג [אין טאַרלע : „שאַכטנ̊ג אַנ׳ אויס", „קוילנ̊ג פֿ׳עוף"]. — [4]) ספּ׳-יהואש l.c. : געשָׁחט׳ען ؛ גולומב l.c. : גע׳שחט׳ן. —

[5]) באַ ליפֿשיצן (עטוואָס אַלגעמיינער אויסגעלייגט) ו״ז : 70, 74, 89, 106, 115, 116, 140, 172, 206, 206. —

[6]) אין „ס׳ של ר׳ אַנשיל" דף מ״ט : „וַיְכַחֲשׁוּ — זיא ווערן לייקינן (דברים לג כט)" ؛ — גאַ ווינצענהויזען l.c. : „ווערדן ליגן פֿאר זאגן". —

[7]) „ס׳ של ר׳ אַנשיל" דף נ״ה ו׳ b : „יִלְמְדוּן — זי זולן לערנן (דברים ד׳ י׳)" ؛ — ווינצענהויזען l.c. : „יא זולן לערנן".

עפּיִנגיִן, צײַכיִנגיִן, רעיִגיִנגיִן[1], רעכיִנגיִן[2].

אַזוי (אין קרעמעניִץ): „עך גיִזעיִגן זאַך, עך דאַוון, וואָרן, טריִ-קן, לעיִקן, לערן, עפּן, צײַכן[3], רעכן.

און: גיִזעיִגן זאַך! — דאַוון! — וואָרן! — טריִקן! — לעיִקן! — א. אַ. וו. —

אָנמערקונג. — ווילמאַננס II 101 — 102 ווײַזט-אָן, אַז אַזעלכע ווערבן האָבען דעם נ-סופיִקס פון די נאָמיִנאַ, פון וועלכע זיי זענען געביִלדעט.

אַזוי, גאָטיִש rignjan [4], אה״ד rëgonôn [4] — פון גאָטיִשען rign [5], אה״ד rëgan [5]; גאָטיִש laugnjan [6], אה״ד lougnen [6] — פון גאָטיִשען ana laugns [7]; אה״ד rëhhanôn [8], אנגעלזעקסיִש rëconian [8], ניִדער-דײַטשיִש rekenen [8] — צום אה״ד rëhhan [9]*, מיִטעלניִדערדײַטשיִשען rēken [9].

נה״ד איז די צאָל פון אַזעלכע ווערבען ניִשט גרויס. —

§ 109 — אויך בײַ ווערבען מיִט העברעיִשען שטאַם אַזוי. — זיי לאָזען זיך אײַנטיילען אין צוויי גרופּעס:

1) אַ טייל אַזעלכע ווערבען האָבען דעם נ-סופיִקס באַקומען שוין

---

[1]) „ס׳ של ר׳ אנשיל״ דף נ״ז ז׳ b: „הִמְטִיר — ער טעט רעגנן (בראשית ב ה)״, „אַמְטִיר — איך מך רעגנן״ (יחזקאל לח כב)״; דף נ״ח: „וְהִמְטַרְתִּי — אוני איך טוה רעגנן (עמוס ד ז)״; — וויִצענהויזען l.c.: „דער האט לאזן רעגינן״, „וויל איך לאזן רעגינן״, „אוני איך וויל מאכן רעגינן״; — יקותיאל בליִץ אין זײַן תנך-איבערזעצונג: „איך ווער טון רעגינן״ (יחזקאל ל״ח כ״ב), „אוני האב טאן רעגינן״ (עמוס ד׳ ז׳). —

[2]) „ס׳ של ר׳ אנשיל״ דף מ״א ז׳ b: „חִשַּׁב — ער זאל רעכנן (ויקרא כה כז)״; — וויִצענהויזען l.c.: „זאל מאן רעכנן״. —

[3]) „רעגענען״, אַלס אומפערזענליִכער ווערב, ווערט אין ערשטער פּערזון ניִשט געברויכט. ווען שוין — איז נור אין פאַרביִנדונג מיִט „טון״, „לאָזען״ אָדער „מאַכען״ (זעי אַנמ׳ 1). —

[4]) צײַטוואָרט: „רעגענען״. — [5]) סובסטאַנטיִוו: „רעגען״. — [6]) צײַט-וואָרט: „לייקענען״. — [7]) אַדיעקט: „פאַרבאָרגען״. — [8]) צײַטוואָרט: „רע-כענען״. — [9]) אַדיעקט: „איִן ריִכטיִקען צושטאַנד, איִן גוטער אָרד-נונג״. —

העברעישען שורש. — אַזוי (אין דער קרעמעניצער אויסשפּראַך): אַקשינין [1] (זאַך), באַטחינין [2], דאַרשינין [3], דיכינין [4], יאַכסינין [5] (זאַך), כאַקרינין [6], פּאַמאַשקינין [7], קאָסנין [8] (זאַך), שאַטכינין [9]. — דידזיקע צייטווערטער טראָגען־אַדורך דעם נ־סופיקס דורך די גאַנצע קאָניוגאַציע. אַלזו, ערשטע פּערזאָן סינג׳ פּרעז׳ (אין קרעמעניץ): „עך אַקשן (זאַך), באַטכן, דאַרשן [10], דיכן, יאַכסן (זאַך), כאַקרן (זאַך), פּאַמאַשקן, קאָסן [11] (זאַך), שאַטכן"; צווייטע פּערזאָן סינג׳ אימפּעראַט׳: „אַקשן (זאַך)! — באַטכן! — דאַרשן [12])!" — א. ט. ח.

אָנמערקונג 1. — אין דייטשישען יידיש (לויט אווע־לאַללעמאַנט IV) — העברעיש־שטאַמיקע ווערבען מיט נ־סופיקס, וועלכען זיי הובען צו פאַרדאַנקען דעם לשון־קודש׳דיקען ווערצעל: דרשנן [13] (darschenen), דוכנן [14] (duchnen), משכנן [15] (m'aschkenen); און: חלפנן [16] (chalphenen), חשבנן [17]

---

[1]) ספּיוואַק־יהואש 210: עַקְשָׁנ׳ען זיך (צום הויפּטוואָרט עַקְשָׁן). —

[2]) l.c. 21: בַּטְחָנ׳ען (צום ה״ו בַּטְחָן). —

[3]) l.c. 61: דַרש׳ענען (ריכטיקער וואָלט געקענט: דַרְשָׁנ׳ען) — פון ה״ו דַרְשָׁן [אָבער: דַרְש׳ען — פון ווערב דָרַש („מלון" 182), אודער, גיכער, פון ה״ו דְרָש, דְרָשָׁה]. —

[4]) l.c. 57: דוכָנ׳ען [פון דוכָן, דוכָנָא (עסטראַדע); זעי „מלון" 162]. —

[5]) l.c. 109: יַחְסָנ׳ען זיך (פון ה״ו יַחְסָן). — [6]) l.c. 95: חַקְרָנ׳ען זיך (פון ה״ו חַקְרָן). — [7]) l.c. XXIII: פאַר׳משכונ׳ען [פון ה״ו מַשְׁכּוֹן (l.c. 176)]. —

[8]) l.c. 123: כַּעֲסָנ׳ען (פון נומען כַּעֲסָן) [אָבער קאָסן (כַּעַס׳ען) — פון נומען כַּעַס]. —

[9]) l.c. 250: שַׁדְכָנ׳ען (פון ה״ו שַׁדְכָן). — [אין „נאַטינין" (l.c. 191: נַתְנ׳ען) איז דער נאַזאַל אין אַנלויט פון דער ענדזילב — אָרגאַנישער טייל פון ווערצעל נָתַן („מלון" 729)]. —

[10]) פּאַראַלעלישע פאָרם: „עך דאַרשין" (צום אינפיניטיוו „דאַרשינין"). —

[11]) עפּעס: „עך קאָס מאַך" (צום אינפ׳: כַּעַס׳ן). — [12]) אודער: „דאַרשין" (זעי אַנמ׳ 10). —

[13]) ד׳ 355, צום נומען דרשן (darschan). — [14]) ד׳ 353. — [15]) ד׳ 168, צום נומען משכון (maschkon). — [16]) ד׳ 370, צום נומען חלפן (chalphan) [צווייטער ווערבאַלער סובסטאַנטיוו: חלפנר (chalphener)]. — [17]) ד׳ 373, צום נומען חשבון (cheschbon). —

(cheschbenen), כזבנן[1] (kaswenen), מיניכן[2] (minjenen), סרחנן[3] (sarchenen), לחקנן[4] (zachkenen), רלחנן[5] (rozchenen)[6]. — בא שטערנען[7]: askene[8]), darschene, kisfene[9]), laindene[10]), maschkene, sruchene („שטינקען"), zechkene („שפילען")[11]. —

2) צו דער צווייטער גרופע געהערען די ווערבען, וואס דערהאלטען דעם נ־סופיקס ערשט אין יידישען געשטאלט, ד. ה. יענע צייטווערטער, פון וועלכע ס'איז שוין די רייד געווען אויבען אף ז' 133 [אין דער אנמערקונג אין טעקסט[12]]. — זייער קוניוגאציע שטעלט־פור צוויי

---

[1]) ז' 389. צום נומען כזבן (kaswon) [אובער חערב כזבן (kaswen) — צום נומען כזב (kosow)]. — [2]) ז' 404. צום נומען מנין (minjon) [פון וורצעל „מנה"]. — [3]) ז' 420. צום נומ' סרחן (sarchan) [פון שורש „סרח"]. —

[4]) ז' 441. צום נומען לחקן (zachkan), פון שורש „צחק". [צווייטער ווערב' סובסט': לחקנר (zachkener)]. —

[5]) ז' 458. צום נומען רלחן (razchon) [פון וורצעל „רצח"]. —

[6]) אין נתננ (nossnen), טענן (tainen), ישנן (joschnen), המתנן (hamtenen), סימנן (simmenen), עשנן (oschenen) [l. c. 414, 376, 384, 406, 418, 430] איז דער אנלויטנואל פון דער ענדזילב — ארגאנישער טייל פון העברעישען שטאם [„נָתַן, טָעַן, יָשֵׁן, הַמְתָּנָה, סִימָן, עָשַׁן" („מלון" 729, 357, 406, 208, 770, 899)]. —

[7]) l. c. 16, 30, 46, 49, 53, 78, 83 [דער אויסלויטנאואל בא די ווטערדיקע ווערבען אפגעפאלען לויט'ן כלל, וואס חערט באהאנדעלט שפעטער אין קאפיטעל וועגען „אפפאל פון קונסונאנטישען-ן" (אין דער אומבאטונטער ענדזילב)]. —

[8]) פון „עֶסֶק". — [9]) פון „כזבן". — [10]) פון „למדן". —

[11]) אין nossene, hamtene, makwenę („פלייסען זיך, אויפמערקזאם זיין") [mechufene ==], mefursene, mekutene („פארקלענערן"), metargene („אויבערוועצען"), oschene, veraumene („פארשטיין"), zajene („מאלען") [l. c. 27, 38, 52 (56), 57, 58, 60, 67, 82, 83] איז דער אנלויטנואל פון דער ענדזילב — ארגאנישער טייל פון ווערבאלען שטאם [נָתַן, הַמְתָּנָה, כֵּוֵן, פִּרְסֵם, קָטֹן, תַּרְגֵם, עָשַׁן, אָמַן, צַיֵּן („מלון" 729, 208, 423, 970, 1026, 1199, 899, 40, 992)]. —

[12]) זעי אויך: ז' 132, אנמ' 14 — 18 אונטער'ן טעקסט; ז' 133, אנמ' 2—4 אונטער'ן טעקסט. —

פאַראַלעלישע פּאַראַדיגמעס: מיט דעם נ-סופיקס און אָהן אים.

אַלזאָ, 1-טע פערזאָן סינג׳ פּרעז׳ און 2-טע פּ׳ סינג׳ אימפּעראַט׳ (אין קרעמעניצער אויסשפּראַך): קאַסוונ̥ [1], כאַנפנ̥ [1], סאַרפנ̥ [1], גאַנוונ̥ [2], באַטקנ̥ [3], דוהעיקנ̥ זאַך [3], מעיקנ̥ [3], פּאַסקנ̥ [4], אַרגנ̥ [2], דאַגנ̥ [2], אַל-כנ̥ [4], קאַנסנ̥ [3], יאַרשנ̥ [3]; — און: קאַסווי [4], כאַנפי [4], סאַרפי [4], גאַנ-ווי [4], באַטקי [4], דוהעיקי זאַך [4], מעיקי [4], פּאַסקי [4], אַרגי [4], דאַגי [4], אַלכי [4], קאַנסי [4], יאַרשי [4].

די ערשטע פאָרם האָט סאָנאַנטישען נאַזאַל אין אויסלויט, הגם דער אינפי-ניטיוו פון דיזעלביקע צייטווערטער [אין צווייזילביקען געשטאַלט (ד. ה. אין דער פאָרם אָהן דעם נ-סופיקס) — פונקט מיט דעמאייגענעם לויטבאַשטאַנד!] גייט-אויס אויף קאָנ-סאָנאַנט! — דאָך מיידט-אויס די לעבעדיקע מונדאַרט (אַלענפאַלס, פאַר דער קרע-מעניצער גילט די באַאָבאַכטונג, ווי אַנגעוויזען, דורכויס), ווי מעגליך, די ערשטע פאָרמען, באַנוצענדיק גערנער די צווייטע (מיט וואָקאַלישען אויסלויט); נור אין איינצעל-נע ביישפּילען ווערען גלייך געברויכט ביידע פאָרמען [נאַטירליך, די פאַרהעלטענישען אין דער הינזיכט, זענען געוויס פאַרשידען לויט די מ״ם].

אָנמערקונג. — טקענען-זשע, פון אינפיניטיוו זענען פּאָפּולע-רישער די פאָרמען מיט׳ן סופיקס [5]. — אין דייטשישען יידיש (לויט אַלע-

---

[1]) גאָר זעלטען צו הערען. — [2]) צו הערען בלויז אַלס זייער-זייער זעלטענעם אויסנעם. — [3]) יו צו הערען, נור נישט אָפט. — [4]) געברויכט אַלס נורם. —

[5]) ספּיוואַק-יהואש XVIII l. c. שרייבען: „די אינפיניטיווענדונג „-ען" פון פילע העברעישע צייטווערטער ווערט אין דעם מויל פון פאָלק אָפט פאַרדאָפּעלט אויף „-ענען", אַזוי זאָגען פילע: גנב׳ענען (אַנשטאַט גנב׳ען). די פאַרדאָפּלונג אָ-בער מוז באַטראַכט ווערען אַלס אַ פאַרגרייזונג פון דער איינפאַכער ריכטיקער ענדונג און דאַרף אויסגעמידען ווערען אין שרייבען אַזוי ווי אין ריידען". אַזאַ מיינונג איז פאַלש און לייכטזיניק. — נישט „פאַרגרייזונג", נור דערשיי-נונג פון נאַטירליכער און געזונטער שפּראַכאַנטוויקלונג איז פאַר אונז אין דער „פאַרדאָפּלונג", — דערביי פולקום געזעצמעסיקע דערשיינונג (וואָס אירע סבות זענען אין אַלגעמיינע שטריכען אָנגעמערקט אויבען אויף ז׳ 133, אָנמ׳ אין טעקסט). — די „פאַרדאָפּלונג" קומט-פאָר נישט נור מונדאַרטליך, ווי די מחברים פון דעם ציטירטען ווערטערבוך מיינען: זי איז אַנ׳אַלטע דערשיינונג אין דער יידישער שריפטשפּראַך (גענויער וועגען דעם — ווייטער אין טעקסט). — אַז די פאָרמען מיט דער „פאַרדאָפּלונג" דאַרף מען דווקא נישט אויסמיידען אין שרי-

לאַלעמאָנס IV) וועלכע אינפֿיניטיווען: חנפנן [1] (chanphenen), שרפנן [2] (sarphenen), כתבנן [3] (kaswenen), פסקנן [4] (paskenen), הרגנן [5] (hargenen), הלכנן [6] (halchenen), ירשנן [7] (jarschenen) — און: דרנן [8] (darnen), זרקנן [9] (sarkenen), חיינן [10] (chajnen), חלמנן [11] (cholmenen), חלוקנן [12] (chelukenen), זיך חרפנן [13] (sich charpenen), חתכנן [14] (chatchenen), חתמנן [15] (chasmenen), ישבנן [16] (jaschwenen), בכשפנן [17] (bekaschphenen), מימינן [18]

ען און רעדען, דאָס בעווייזט לכל הפחות — — ט ע נ ד ע ל ע מ ו כ ר י ס פ ר י ם, בא וועלכען מיר לייענען: אויס'הרג'ענען, הרג'ענען, אָבחתמענען, ירשה'-נען, אונטער'גנבה'נענדיג זיך [„ד אָ ס ו ו י נ ש פ י נ ג ע ר ל“ (אַלע ווערק, פֿאָלקס-אויסגאַבע פֿון „מאָמענט“, ב' VII) ז"ז 38, 146, 51, 55]; הרגנען, לקחענען [„פ י ש ק ע ד ע ר ק ר ו מ ע ר“ (אַלע ווערק. פֿאָלקסאויסגאַבע פֿון „מאָמענט“ ב' XI) ז"ז 79, 70] א. ט. וו. —

1) ז' 371. פֿון נאָמען חנופה (chanupha). ווערבאַלער סובסט': חנפנר (chanphener) [ווערב אָהן דעם סופֿיקס: חנפן (chanfen)]. — 2) ז' 477. פֿון ווערב שרף (soroph), „ער האָט געברענט“. — 3) ז' 393. פֿון נאָמען כתב (kessaw). [ווערבאַלער סובסט': כתבנר (kasswener)]. — 4) ז' 436. פֿון נאָמען פסק (psak). — 5) ז' 359. פֿון ווערב הרג (horag). — 6) ז' 358. אויך הלכן (halchen) [ביידע פֿון ווערב הלך (holach)]. — 7) ז' 383. פֿון ווערב ירש (jorasch). — 8) ז' 353. אויך דרן (darn) [ביידע פֿון דירה (diroh)]. — 9) ז' 365. פֿון ווערב זרק (sorak). — 10) ז' 369. פֿון אַדיעקט חי (chai) [פֿון דעם איינגענעם שורש גוף אַ ווערב: חייסן (chaisen)]. — 11) ז' 370. אויך חלומן (cholomen). ביידע ווערבען פֿון נאָמען חלום (cholom). — 12) ז' 370. פֿון נאָמען חלק (chelek). — 13) ז' 373. פֿון נאָמען חרפה (cherpo). — 14) ז' 374. אויך חתכן (chatchen). ביידע פֿון נאָמען חתיכה (chaticho) אָדער ווערב חתך (chotach). — 15) ז' 374. פֿון נאָמען חתימה (chasimo). — 16) ז' 384. פֿון נאָמען ישוב (jischuw). — 17) ז' 393. פֿון נאָמען כשף (kischeph, kescheph, kischuph). — 18) ז' 403. פֿון נאָמען מים (majim). —

(maimenen), מכיינן [1]) (mekajinen, makeinen), מלאכן [2]) (meloche-nen), כפקכן [3]) (naphkenen), לעקכן [4]) (zekenen, zaikenen), רלאכן [5]) (roënen, rienen, rojenen), רכבכן [6]) (rachwenen), שכבכן [7]) (schoch-wenen), שלגכן [8]) (schelgenen), משלחכן [9]) (meschalchenen), שרקכן [10]) (schrekenen), שתיכן [11]) (schasjenen). [אובער, בלויז: גנבן (ganven) און קנסן (kansen) (זז״ 349, 449)].

בא שטערנען [12]): abodene [13]), aulene [14]), ausene [15]), badkene [16]),

---

[1]) ז׳ 411. פון נומען מכה (makko). — [2]) צום נומען מלאכה (melocho). — [3]) ז׳ 412. פון נומען כפקא (niphka). — [4]) ז׳ 443. פון נומען לעקה (zeo-ko, zaiko). — [5]) ז׳ 453. פון ווערב רלאה (roo) אודער נומען רלאיה (reja). — [6]) ז׳ 456. פון נומען רכב (rakow, rechew). — [7]) ז׳ 468. פון ווערב שכב (schochaw). —

[8]) ז׳ 469. פון נומען שלג (scheleg). — [9]) ז׳ 469. פון פארטיציפ משלח (meschalleach). — [10]) ז׳ 477. פון ווערב שרק (schorak) [ווערבאלער נומען שרקכר (schrekener)]. —

[11]) ז׳ 478. פון ווערב שתה (schosso). — אין וואַרשע איז אַ געהײַנטליך חסידיש וואָרט: שאַשען (טרינקען, שכור׳ן).

אין ביכעל: „דיא געהיימניסע פין יענער וועלט אדער דער תקיעת כף" („פאן גוסטאוו מאקמאן. ווארשויא 1865) ז׳ 21:

„וואָס — וואַן? עס שטייט דעך דאָרט אַ גאַנצער אָקצעפּט.
אין וויא פיל מע וויל קען מען שאַשין״. —

ספיוו׳־יהואש 264: שתק׳ען. —

[12]) וועגן אַפּפאַל פון אויסלויט-נ בא אַלע ווייטער געבראַכטע ווערבען — זעי אויבען ז׳ 143 אַנמ׳ 7 אונטער׳ן טעקסט. —

[13]) = „ארבעטען" (ז׳ 92). פון עבודה („מלון" 797). —

[14]) = „וואַקסען" (ז׳ 175). — אויך (l.c.): aule [פון הזבר׳: עלה („מלון" 836)]. —

[15]) = „טון" (ז׳ 165). — אויך (17, 165): auze. — פון עשה („מלון" 896). —

[16]) = „פרעגען, אויספרעגען, עקזאַמענירען, פּרוּווען, אונטערזוכען" (ז׳ 17). —

, chassmene [1] , chaswene [2] , chatchene [3] , chorpene [4]
, dagmene [5] , goufene [6] , gousene [7] , lachpene [8]
, maffsene [9] , m ·fı ichene [10] , makesne [11] , megajene [12]
, megejene [13] , mekajene [14] , melamdene [15] , melochene [16]

---

1) ז׳ 26. — ז׳ 28: verchasme (אָהן סופיקס!). —

2) == „שרייבען“ (ז׳ 26). פון כָּתֹב („מלון“ 467). —

3) == „שניידען“ (ז׳ 26). — ז׳ 13: abchatchene („אוועקשניידען, צופּ־שניידען“); ז׳ 83: zerchatchene; ז׳ 84: zuchatchene. —

4) == „פאַרשעמען, ערגערן“ (ז׳ 27). — ז׳ 19: bechorpene („אָנטאָן שאַנד, שענדען“). — ז׳ 68: ousgechorpenet („אויסגעשעמט“). —

5) == „כאַפּען פיש“ (ז׳ 29). פון דָג („מלון“ 159). dagemerl — פּי־שער]. —

6) == „וואַקסען, מעכטיק ווערען, צונעמען, באַזיגען, בייקומען, גובר זיין“ (ז׳ 36) [פון גָבַהּ („מלון“ 121) ?]. —

7) == „איינפירען, באַשליסען, אין אורדנונג ברענגען“ (ז׳ 36) [פון גָזֹה („מלון“ 132) ? אודער גָזֹר („מלון“ 133)?]. —

8) == „גראָבען“ (ז׳ 49). ז׳ 124 אויך: chaporen; lachpe (מיט פאַרלוסט פון אויסלויט־ר). פון חָפֹר („מלון“ 318). —

9) == „פאַראַכטען“ (ז׳ 51). פון „מבזה“ [שורש בזז („מלון“ 75)]. —

10) == „פאַרדינען, פּרופיטירען“ (ז׳ 51). [פון הַרְוָחָה („מלון“ 1071), מיט מעטאַטעזיס פון ר (r און ש געביטען זיך מיט די ערטער); זעי אויבען § 29]. —

11) == „שלאָגען“ (ז׳ 52) [פון פּליוראַל (נומינים) מַכּוֹת]. —

12) ז׳ 57. דרוקפעילער. אַף ז׳ 156 ריכטיקער: mekajene („שטופּען, שלאָגען“) — פון מַכָּה („מלון“ 569). —

13) ז׳ 27. — דרוקפעילער. אַף ז׳ 97 ריכטיקער: megejere („מְגַיֵּר זיין“). —

14) == „שמייסען, שלאָגען; שלאָגען (פון זייגער); נעמען אַ קאָרט (ד. ה. מיט אַ עלטערער אַ קלענערע, אודער מיט „יום־טוב“ וואָסער ניט איז אַנדערע). (ז׳ 58). אויך פון „מכה“. —

15) == „שטודירען, לערנען“ (ז׳ 58). פון מְלַמֵּד. —

16) == „אַרבעטען, טון, מאַכען, פאַרדינען“ (ז׳ 58). פון מְלָאכָה. [me־loche (ז׳ 92) — „אַרבעט“; melocher (l. c.) — „אַרבעטער“; melocheskeit (l. c.) — „אַרבעטזאַמקייט“; melochebajes (l. c.) — „אַרבעטהויז“]. — ליפשיץ.

menuchene[1], merammene[2], mischajene[3], molbuschene[4],
nekumene[5], neschikene[6], ofene[7], paskene[8], poschene[9],
rachbene[10], rofene[11], rojene[12], ruchene[13], rufene[14], sarfene[15]

123: מְלָאכְעַן (אָהן סופיקס, מיט קונסונאנטישען אויסלויטנאזאל) = „подделывать, искусничать“ (אלוי, אין ספעציעלער באטייטונג). — הארקאווי 203: מלאכ׳ען = a) ארבעטען, ווירקען; b) to cack (ר. ה: „נקבים גדולים“). — ספיוואק-יהואש 158: מְלָאכֶה׳ן = „(וולגאר) גיין אפ׳ן שטול“. — ממ״ס („פישקע דער קרומער“ 24, 96): „...א דימענטיג מענשעל, אהן חכמות, ווען עס לוזען זיך גאר אויס, ער איז געמלאכה׳ט, הוט פול פליי אין דער נאז“...; „...ס׳איז געווען א געמלאכה׳טע אין די הייזער ארומגיין“, גאר נישט דער טעם, וואס איין אנדערם מאל“... — אין ווארשע: מְלָאכְעַנע — אין דער איינער טייטש, ווי בא ספיוואק-יהואש. דער ווארשעווער ווערב טראגט-אדורך דעם סופיקס דורך די גאנצע קוניוגאציע). — אין אופאַלע: מְלָאכֶע (אין מויל פון המון) — „מאכען, טון, פאלסיפיצירען“ (וולגאר); מלאָכענע (אין ווארשעווער טייטש). —

[1]) = „רוען“ (ז׳ 59). פון מְנוּחָה („מלון“ 596). —

[2]) = „נארען, אפנאר׳ען“ (ז׳ 59). פון רַמָּה („מלון“ 1082). —

[3]) = „באשטימען“ (ז׳ 62). — פון שִׂיחַ, שׂוּחַ („מלון“ 1126)? —

[4]) = „אנטון“ (ז׳ 63). — פון מַלְבּוּש („מלון“ 577). —

[5]) = „נוקם זיין זיך, נקמה נעמען“ (ז׳ 65). —

[6]) = „קושען“ (ז׳ 65) פון נְשִׁיקָה („מלון“ 725). —

[7]) = „באקען“ (ז׳ 67). — פון אָפָה („מלון“ 50). —

[8]) = „ארויסגעבען א באפעיל“ (ז׳ 68). —

[9]) = „עפענען, אויפמאכען“ (ז׳ 69). — פון פָּתַח („מלון“ 978). —

[10]) = „רייטצען“ (ז׳ 70). — rachbenerl — „רייטער“; rachbene suss — „רייטפערד“]. —

[11]) = „הונגערן“ (ז׳ 71). — פון רָעֵב („מלון“ 1085) [אודער פון רְעָבוֹן?]. —

[12]) = „זעין“ (ז׳ 71). — ז׳ 15: ahnrojene („אנקוקען“). —

[13]) = „שמינקען“ (ז׳ 72). — פון רוּחַ („מלון“ 1071). —

[14]) ז׳ 72 (= rofene). — [15]) = „ברענען“ (ז׳ 72). —

sarkene [1], schaskene [2], sersene [3], sliechene [4], srikene [5], tfillene [6], ziffene [7], וכ׳. — [אויבער: gannefen [8], holchen [9] און holgen [10], knassen [11]]. —

בײַ גליקעל האַמעל[12]: ...„האָב איך אָן פאַנגין צו בעקנין“... (ז׳ 328)[13]. —

---

1) „וואַרפען, שלײַדערן“ (ז׳ 72). —

2) == „טרינקען“ (ז׳ 73). — זעי אויבען ז׳ 146 אַנמ׳ 11 אונטער׳ן מע;סט. —

3) == „האַנדלען, בײַטען“ (ז׳ 77). — פון סָחַר („מלון“ 792). —

4) == „פאַראַטען“ (ז׳ 77). [sliechen — „פאַראַט, פאַרעטערײַ“].

דאָס איז, אייגענטליך, אַ וואָקאַבעל פון גנבים-לשון. אווע-לאַללעמאַנט IV 608 פון דער דײַטשישער גנבים-שפּראַך: slichnen („מודה זײַן, פאַראַטען“), verslichnen („פאַראַטען“), slichner („דער, וואָס פאַראַט זײַנע חברים“), slich-nerzink (דער צייכען, וואָס גנבים מאַכען זייער חבר דעם פאַרעטער, אַלס שטראָף און אַלס סימן, צו וואָרענען די קולעגען; ס׳איז געוויינליך אַ קערפּערליכער פעילער אודער וונד, על פי רוב אַפ׳ן פנים, — למשל: אַ שניט אַף דער באַק, נאָך וועלכען עס בלײַבען העפטען; אַנ׳אויסגעשלאָגען אויג וכ׳).

פון דער וואַרשעווער יידישער גנבים-שפּראַך איז דער וואָקאַבעל אריבער אין די פאָלקסשפּראַך און איז באַקאַנט איטליכען וואַרשעווער ייד, וואָס רעדט יידיש. סליכענע הייסט אין וואַרשע: a) מודה זײַן זיך און אויסגעבען די אַנטיילנעמער פון פאַרברעך; b) פאַרמסר׳ן די פאַרברעכער; סליכע — מסירה; סליכענו — מוסר, בוגד, אויסגע-בער; סליכענורג — פאַרעטערין, דענונציאַנטין.

דער שורש פון די ווערטער — די העבראישע סָלַח, סְלִיחָה („מלון“ 764). —

5) == „אַמלענקען, אַפּפירען“ (ז׳ 78). —

6) == „בעטען“ (ד. ה. דאַווענען) (ז׳ 80). פון תְּפִלָּה („מלון“ 1195). —

7) == „באַפעילען“ (ז׳ 83) [ziffe — „געבאָט, באַפעיל“]. — פון צִוָּה („מלון“ 987). —

8) ז׳ 34. — אָהן נ-סופיקס! — 9) == „געין“ (ז׳ 39). — 10) == „געין“ (ז׳ 49). — 11) == „שטראָפען“ (ז׳ 46). —

12) „זכרונות מרת גליקל האמיל משנת ת״ז עד תע״ט“ („הו״ל דוד ב״ר יהודה קויפמאַנן“. 1896). —

13) ז׳ 239: ...„ויא האט אביר גיצעקנת“ (ד. ה. „גישריגען“); — ז׳ 333: ...„הגם דאש הגאון הגדול מהור״ר אברהם בקול רם גיצעקנט בהרם“... —

110 § — [פדוורבענדונגען] . — 1) בא ליפשיצן [1]) : אויבנ [2]), אינטנ, הינטנ, דורטנ, אינדרויסנ [3]), פינדרויסנ [4]) ; מורגנ, איבערמורגנ, נעכטנ [5]), עה-נעכטנ [6]), פאראכטאגנ, פאראיאהרנ ; גערנ ; מחשבותנ [7]). — די אומשטאנד-ווערטער זענען באקאנט אין אלע, קען מען זאגן, יידישע מ״ם, — נאטירליך, מיט די אודער יענע עטימולוגישע וואריאציעס. —

2) אין קרעמעניץ נוך : אינדאליפטנ [8]), אינדאוולכנ [9]), פאכטאגנ, פאיארנ [10]). — אויך : אינדארעמיסנ , אופדארעמיסנ, אינעמיסנ [11]).

---

[1]) ז״ו 3, 14, 85, 75, 80, 80 ; 118, 5, 133, 138, 146, 146 ; 71, 121. —

[2]) אין קרעמעניץ, טורטשין, קאמענעץ-פודולסק, ווארשע, דרילטש : אויוונ. — אין אויבען שוין דערמאנטען ביכעל „דיא געהיימניסע פון יענער וועלט״, אין פרולוג : „נאר אויוין אין הימיל ; אויוין דארט״...— י. אקסענפעלד, „דאס שטערינטיכל״ ז׳ 71: „אנידער גיזעצט גאנץ אויווין אן״...—אין „ספר בחינת עולם״ (יוזעפאוו 1845) ז׳ 53 : „פון אויבין״ (די „ב״ — אהן א דגש !). ענליך אין ווארשעווער אויסגאב פון יאר 1865 (דף כ״ב). — אין „ספר שחיטות ובדיקות של הגאון מהר״י וייל זלה״ה״ (פיורדא תקכ״ח) ל״ט b : „דיא ערשטי בדיקה מוז זיין אוב די אומה איז אב גישיידן אויבן״... (מיט א הוריזונטאלען שטריך אף דער „ב״ — אלזו ש). —

[3]) ממ״ס („ווינשפינגערל״ 21) : „אין דרויסען״ ; אקסענפעלד („דער ערשטער יור׳ רעקרוט״ 8) : „אין דרויסין״. — [4]) אקסענפעלד l.c. 8 : „פין דרויסין״. —

[5]) אין ווארשע, דרילטש, טארלע, יוזעפוו א. א. וו. : נאכטנ. — [6]) אין ווארשע : איונאכטנ ; אין דרילטש א. א. וו. : איענאכטנ. —

[7]) העברעיש. — אויך הארקאווי 198, ספיוו׳-יהואש 153, מאני דלוגאטש l.c. 117, 146. — גולומב 227 : „אין מחשבות׳ן״ ; ממ״ס („קצור מסעות בנימין השלישי״, ווילנא תרס״ח ז׳ 14) : „אין מַחְשָׁבוֹתֶ׳ן איז דערווייל צוגעפאלען דיא נאכט״... —

[8]) ממ״ס („ווינשפינגערל״ 17) : „אין דער לופטען״. — [9]) עטינגער l.c. 209 : „אין דער וואכען״. — [10]) דער -נ איז, אין די 4 וואקאבלען, איבערעשטעל פון דער דאטיוו-פלעקסיע, וועלכע דער יידישער סובסטאנטיוו האט אים אלגעמיין אויסנאמען — אויבען אין § 96) פארלוירען. זעי אויך : גערוון 46. —

[11]) פון העברעישען שורש : אֶמֶת. —

§ 111 — 1) ליפשיץ 76: דעסגלייכנ (=„подобно тому“); — אין ווארשע: דעסגלאַכנ (=„כדומה“).

אנמערקונג 1. — מט"ם („ווינשפינגערל“ ז׳ 3): „קרעסער זענען דא חיי מינט, און א קונה נישט איינער. דעסגלייכען איז אין אנדערע זאכען“. — אין ביכעל: „דער עולם התהוניק אדער דער פוילישער בר מינן“ [1]) ז׳ 43: „אַ קיצור איך בין דאך דרוף ניט אויסן דיא חברה האבן זיך אויס גיקרעכצט אוס גיסטאנעט אין האבן זיך ארויף גיראטשקוועט צידוק אויף דער עגלה — איך — דעסגלייכן“... — אין „סוד ה׳“ [2]) כ"ט: „איין (מוהל) דעס דיא העכל ליטרן... דעס גלייכן וועלכר (מוהל) ניט וואול זעהן קען“... —

2) אין זוואלין: דעסטוגלאַכנ.

---

[1]) ...„איין אויסגעצייכענט פרעליך סאטיריש ערצעהלונג וועלכס דער געוויסער פוילישער צדיק ר׳ מאשע קין קוצעפערדיק ערצעהלט יעצט נאכין טויט דיא אלע זיינע זאכען וואס האט איבער געזעהן און איבער געהערט דא אויף דער וועלט פון דער גאנצער צייט אן צייט מען האט אים אראפ גילאזט פונם עולם העליון אהער אויף דער וועלט ער זאל זיך דא ארום — דרייען אופין עולם התהו — הובא לבית הדפוס ע"י פייוויל מאלדאווסקי מ"ס מבארדיטשוב (ערשטע טהייל) פון מאני דלוגאטש (אויס אלט קאנסטאנטין) 1875“. — קליין 8^0. —

[2]) „סוד ה׳ עם שרביט הזהב אשר חבר הרב הגדול נר ישראל· כבוד מהר"ר דוד דלידא נר"ו· אשר הרביץ תורה בכמה וכמה קהלות קדושות והיה אב"ד בק"ק אמשטרדם· — ועתה נתוספו בו כמה דינים והלכות פסוקות מלוקטות מהפוסקים האחרונים ומהר"י סג"ל ומשאר ספרים והדינים המחודשים נרשמים בשני סימנים כזה ( ) — גם הטבנו לדפוס וכרות גם הרחטן לתאומים וכל הברכות והתפלות להמוהל באותיות גדולות ומנוקדים למען ירוץ קורא בו· — נדפס כמו מקדם — ווין געדרוקט בייא אנטאן שמיד ק׳ ק׳ בוכדרוקער· 1814“.

ביז דף כ"ד גייט דאס העברעישע ווערקעל. — אף די דפים כ"ה — ל"ב געפינען מיר, אונטער׳ן נאמען „ברית ה׳“ א יידישען טראקטאט וועגן מילה (געזעצט מיט מאשקעט).

„סוד ה׳“ — פארפאסט אין מיינץ (יאר ת"ם), געדרוקט אין אמסטערדאם (אויך ת"ם). איבערגעדרוקט דורטען (תס"ט) מיט דעם ביילאג „ברית ה׳“ (זעי בן־יעקב ז׳ 416, נ׳ 235).

אנמערקונג 2. — מאַני דלוגאטש 1.c. 30: „דֶעסט גְלַייכֶן".
אין „ספר עץ חיים" (פאריצק, תק"ג), אפ'ן צווייטען בלאט (דאָס בוך איז לגמרי ניִשט פאַגינירט): „אוכזרי חכמים שרייבן ווער עס קאן וואַרכן אוג אפ שטראפן זיין הויז גזינד אוג וואַרכט זי ניט אזו ווערט ער גישטראַפט פין זיין הויז גזינד וועגן דעסט גלייכן[1]) ווען איינר האט לו בפעלן איבר איין קהלה אוג וואַרכט זי ניט אזו נעמט מן איס פר די גנלי קהילה אן דעסט גלייכן[1]) ווער עס לו בפעלן האט איבר גנלי מדינות אוג שטראפט זי ניט אזו נעמט מן איס אן פר די גאנלי מדינות"... ; 1.c. („הלכות תפלה"): "דעסט גלייך".

אין ספורי מעשיות פון רבנו נסים ב"ר יעקב"[2]) ב'; "דעסט גלייכן". —

בן-יעקב (1.c.) חיַיוט בוך אָן, אַז דאָס ספר'ל איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אויך מיִט דער הוספה „מקוה ישראל לקוטי דינים גם סגולות ורפואות השייכות לזה בל"א לה"ר מרדכי ב"ר אריה ליב מרגליות" [דהיינו: אין אַמסטערדאַם (ת"ע), בערלין (ת"ע), מאַנטוואַ (תק"ג), נאווידוואר (תקנ"א), וויִן (תקס"א און תקע"ד)], — זול דאָס זיין אַ מיִספאַרשטאַנדעניש? — אין מיַין עקזעמפלאַר (וויִן, תקע"ד) איז קיין צוגאָב „מקוה ישראל" ניִשטאָ; פאַראַן דורט, ווי אַנגעוויִזען, בלויז צוויי טיילען: דער העברעיִשער „סוד ה'" מיִט דעם יידיִשען „ברית ה'" [אַף ז' 85 אונטער נ' 601 ברעינגט בן-יעקב: „ברית ה'. ה"ר דוד ב"ר אריה ליב לידא. הוא הוספה אשכנזית לספרו סוד ה', עיין זח"]. —

[1]) — = тoчно также, גם, אויך. —

[2]) „ספורי מעשיות פון רבנו נסים ב"ר יעקב וואס ער גשריבן האט צו זיין איידם (דונש) אום איהם צו טרייסטן זיין טרויאריג הערץ זויא וויא אין דער (הקדמה) שטייט: דאס ספר איז גידרוקט גיוואָרן עטליכה מאהל אויף (לשון הקודש). אילונד האבן מיר עס איבר גיזעלט אין דייטשן (כדי) איטליכר זאל קענן לייענן דיא (מעשיות) פון אוכזרי הייליגי (חכמים ז"ל) אוג אפ לו לערנן דען פרשטענדיגן (מוסר) וואס זיך דרינן גיפינד. עס זאל אונס וואול זיין אויף דער וועלט. אוג מיר זאלן (זוכה) זיין לו ארבין (עולם הבא) אמן: — ברשיון הצענזור ווארשא בדפוס הרב מוה' דוד בהרב המפורסם מוה' ארי' ליב שקלאוור התן הרב הגאון המפורסם מוה' יוסף מייא זצ"ל שהיה מקדם בדיהרנבורט: בשנת תקצ"ז לפ"ק". — [בײַ בן-יעקב'ן נישט רעגיסטרירט]. —

אנמערקונג 3. — אין דערמאנטען „ספר שחיטות ובדיקות״[1],

ב״א: „ווען איין איינליגר טראפפין ליחה איז דריכן אזו איז טריפה· דערי גלייכן[1] ווען דער גגב וועד גלעכרט איין נקב מפולם איז טריפה; מ״א b: „דס וויס מן וואול דז איין (סירכא תלויה איז כשר) אוכ׳ מן ברויך ניט לאזן אויף בלאזין· ווען עס אבר העטע ביטראפן דז מן דיא (ריאה) האט אויף גיבלאזן אוכ׳ מן גפינט דז דיא (סירכא תלויה) אך וועלט אויף גין איז טריפה· דערי גלייכן[1] ווען אן דער (סירכא תלויה) ווערט גיפונדן איין קנעפכין דראן אונטן איז טריפה· דערי גלייכן[1] ווען קיגן דער (סירכא תלויה) וועד איין צו בראכני ריפף ווען גלייך זיא ווידר צו אננדר וועד גהיילט איז (טריפה)· דערי גלייכן[1] ווען מן זיכט דז דיא (סירכא תלויה) איז אב גיריסן גיווארן״..—

---

[1]) „ספר שחיטות ובדיקות של היאון מהר״י ווייל זלה״ה עם תוכפת פירוש אהל ישראל אשר תקע אהלו במקום נאמן ויסד עמודי ומיתרי הלכות שחיטות ובדיקות ביסוד מוצק ואבן פנה: לפנות אנה ואנה. לא הניח דבר גדול וקטן מדיני שחיטה. ובדיקת הריאה: כדעת כל פוסקים ראשונים ואחרונים. וסופו מוכיח על תחילתו. כל הדינים בקוצ״ר וצ״ח בלשון חידה עיניך תחזינה: ופתרונה בצדה הקורא ימצאנה חבר האהל להיות אחד. ה״ה המאור הגדול הרב המופלג נ״י ע״ה פ״ה מוהר״ר ישראל ולה״ה שחיה אב״ד בק״ק קאפינהאגין יע״ה. והובא לבית הדפוס ע״י התגו האלוף התו׳ אברהם בן כהר״ר משה גאשלר ז״ל: ש״ץ ונאמן בק״ק הנובר יע״א: בין גאולה לגאולה. בסדר דבר אל בני ישראל. ואמרת אליהם אדם כי יקריב מכם קרבן לה׳ וגומר: באותיות אמשטרדם לפרט יזבח כאשר צויתיך לפ״ק:״ —

די ווערטער „באותיות אמשטרדם״ זענען געשטעלט לשם רעקלאמע. אין דער ווירקליכקייט איז דאס ביכעל געדרוקט אין פיורדא, ווי מיר לייענען אפ׳ן לעצטען בלעטעל: „דיזה סיכה שחיטות ובדיקות וויא אויך אליר האנד ספרים יהיה מה שיהיה זיין צו בקומן בייא דער אלמנה זעלבסט אשת ה״ה הר״ר חיים ז״ל בן המנוח כהר״ר צבי הירש ז״ל אויך דרוקט זיא פר אנדרי וועד דא קומט פר בילכי פרייסין· בביתה ברחוב הנקרא סינדל הויף בפיורדא״ [דערנאך גייען די נעמען פון זעצער און פון ביידע דרוקערס, אלע דריי — אין פיורדא].

געדרוקט צום ערשטען מאל אין וואנזבעק תצ״ג [בן־יעקב ז׳ 19 ג׳ 1378].

§ 112 — אינטערעסאַנט איז דער צייטאַדווערב: איטצנ (ווישעגרוד), יעטצנ (וואַרשע, נאָוואָראַדאָמסק). ער אַנטשפּרעכט דעם מה״ד iezen [1] (וואָס איז אַנטשטאַנען פון עלטערען ieze דורך צוגאַב פון נ-סופיקס). — אין גראָדנע: אַ?צטנ [2].

אַנמערקונג. — נה״ד — jetzt = דעם עלטערען דייטשישען jetz [3] מיט עפּיטעזע-t [4]). — דער גראָדנער וואָקאַבעל האָט אויך דערפּראָזיקען -ט צווישען דעם -צ- און דעם אויסלויטסופיקס).

אין די יידישע מ״ם קומען פאָר נאָך פאָרמען אָהן דעם ט (נאָכ׳ן צ): — איצאַט [יאַנעוו, לענטשנע (לובל. ג.)], היצאַט [לובלין, ריקי, לוקוו מעזשעריטש (לובל. ג.)], היצעט [נאָוואָמינסק, טאַרטשין, רוסוק [5]), דרילטש, טאַרלע, יוזעפאָוו, גאַרוואָלין] [צום מה״ד ieze (מיט געענדערטען אַנלויט) צוגעהאַקסען די זילב -ער, און נאָך איר צוגעקומען אַן עפּיטעזע-t. דער r ווערט אין יענע מ״ם נישט אויסגעשפּראָכען, לויט׳ן כלל, וואָס אָנגעוויזען אויבען, §§ 4 — 16.

ביז דף ל״ז — דאָס העברעישע ווערקעל. פון דף ל״ז b: ביז דף מ״ב — „שחיטות ובדיקות מהר״י וויל״ אף יידיש [בן-יעקב דערמאָנט לגמרי נישט די יידישע הוספה!] —

[1]) לעק׳ 112. — מה״ד דיפטונג ie גייט אין אלע יידישע מ״ם, אלס כלל, איבער אין ?. אין ווישעגרודער וואָקאַבעל איז דער לאַנגער מאָנאָפטאָנג פאַרקירצט געוואָרען — פאַר טצ [אין דער ווישעגרודער מונדאַרט, ווי אין אַ גרויסער צאָל אַנדערע יידישע מ״ם, קען איבערהויפּט פאַר צ (אָדער פאַר טצ, וואָס איז מער נישט, ווי גראַפישע באַצייכנונג פון פאַרטופּעלטען דענטאַלען אַפריקאַט) קיין לאַנגער וואָקאַל נישט קומען (זעה „זאַמעלביכער״ II ז״ז 251, 278). —

אין דער וואַרשע-נאָוואָראַדאָמסקער פאָרם האָט דער מה״ד דיפטונג אָפּגעגעבען זיך יע, ווי אין נה״ד. —

[2]) ? אָפּגעגעבען מה״ד ie. —

[3]) פאַרגלייך מיט ieze. —

[4]) זעה: „Etymologisches Wörterbuch der deutschen Sprache von Prof. Friedrich Kluge“. Achte Auflage. Strassburg. 1915. — ז׳ 218.

[5]) דורף אין גמינע משערסק (גריצער א. וואַרשעווער ג.) [געהערט פון דעם איינציקען דורטיקען יידישען איינוואוינער. ער איז אין דורף (ווו זיין פאָטער נאָך האָט געוואוינט) געבוירען געוואָרען און אָפּגעלעבט 36 יאָר]. —

[6]) אלזו, דער וואַרשיינליכער אַנטוויקלונגסלייטער: ieze—iez — *איץ (אָדער:

אַנדערע יִדִישע פֿאָרמען הױבען זיך דעם -ט נאָכ'ן -צ-: — **אִיצט** [אָנגעװענדעט אִין דער מאָדערנער לִיטעראַרִישער שפּראַך [1]); אױך מונדאַרטלִיך: אִין גוּבּ.-װילעקסאַנדראָװסק (קאָװנ. ג.), פּלוּנגיאַן [2]) (קאָװנ. ג.), פּינסק, קראַסנאָ-סטאַװ (לובּל. ג.)]; **אִיצטער** [3]) [אִין גוּבּ.-װילעקסאַנדראָװסק, פּינסק [4]), גראָדנע, װאָלקאָװִיסק (גראָדנ. ג.), דװִינסק, לִיוּצִין (װִיטעבסק. ג.), קאָל-נע, אוּסטרוֹוו [5]) (לאָמז. ג.), פּולטוּסק [6]), טאָרטשִין [7]), סלאָװוּטע [4]), קרעמענִיץ (װאָלִין) [8])] [9]); **אִלְצטער** (סקידל); **אִיצטערט** [10]) [אִין פּאַלעשטִין: (בעסאַראַבִּיע), קרעמענִיץ [11]), קאָזמער [11]) (לובּל. ג.), גראַבּאָװִיץ [11]) (כעלם. ג., גרובּעשאָ.), קערנאָזִיע [12])]; — אױך: **יעצט** [אִין דער מאָדערנער לִיטע-

---

* חִיץ) — ***אִיצער** (אודער: *הִיצער) — **אִיצערט** (אודער: הִיצערט) — **אִיצאַט** (הִיצאַט, חִיצעט). —

[1]) עטינגער .l.c (שלם גורם; למשל דף ז"ז 45 א. אַ. ו., 128, 129, 130, 151, 154, 156). — ממ"ס, „דיא טַאקְסֶע" (װילנא 1872) ז' 6 א. אַנד.. — מיכל גורדון .l.c 8, 13, 15 א. אַ. ו.. — אִין „פּרק אבות" (לעמבערג 1817), דף ח' b: „אונ װֶען אִיךְ עֶס נִיכְט אִיצְט טֻהוּא"...

[2]) „מִיט". 1906 ז' 71. — [3]) ד. ה. מִיט צוּװאַקס פֿון -**ער**. —

[4]) אױך: „אִיצטער אוּ" (=„פּונקט אִיצט", „אוט אִיצט", „אִיצט אִין דער מִינוּט"). —

[5]) מִיט זַײער אופֿענעם e אִין דער ענדזִילב. — [6]) אױסגעשפּראָכען: „אִיצטע". —

[7]) אױסגעשפּראָכען: **אִיצטאָ̈ר**; אױך: ט'אִיצטאָ̈ר (=„פּונקט יעצט", „יעצט טאַקע"). — [8]) „אִיצטאַ". —

[9]) אױך בּאַ לִינעצקִין .l.c 9, 31; אִין אַקסענפֿעלדס „געגנאַרטער װעלט" ז' 35. — אִין „ספר בחינת עולם" (נדפס בּיוזעפֿאָף 1845) ז"ז 94, 103: **אִיצְטֶר** [ס'אִיז דאָס בּאַװוּסטע װערק פֿון ר' ידעיה הפניני ב"ר אברהם הבדרשי (געדרוּקט צום ערשטען מאָל אִין מאַנטוּע, װאָרשַײנלִיך פֿאַר שנת ר"מ), מִיט דער יִדִישער אִיבּערזעצוּנג פֿון „אליעזר פּאַװִיר ספרא דק"ק װאלקװא" (געדרוּקט צום ערשטען מאָל אִין זשאָלקעװ, אִין יאָר תקס"ה, ד. ה. 1806); דער אױסגאַבּ, װעלכען אִיךְ צִיטִיר, אִיז בּאַ בּן-יעקב'ן (ז' 68 נ' 232) נִישט דערמאָנט; נִישט פֿאַרצַײכענט אִיז אױך בּאַ אִים אַ שפּעטערער אױסגאַבּ (װאַרשע 1865)]. —

[10]) מִיט עפּיטעזע-ט נאָך דער צוּגעװאַקסענער -**ער**-זִילבּ. — [11]) אױסגע-שפּראָכען: „אִיצטאַט". — [12]) „אִיצטעט" (מִיט זַײער אופֿענעם e). —

ראַרישער שפּראַך [1]; און מונדאַרטליך [2]: אין מורמשין, אין בענדערי (בעסאַראַביע), סומפּולנע, פּאַרמשעה [4], זאַמישמש, קולנע]; יעטצט [5] (ביימען); איעצט [6] (וואַרשע); יעצטעט [7] (ראָדעם, אאַמ); — און: הלצט [8] (ביימען); היצט [9] (וואַרשע, בלוינע, קערנוזיע, לובלין, פּאַרמשעוו, גאַרוואָלין, ריקי, איוואַנגורוד, קאָזמער), היצטעט [7] (אין וואַרקע).

---

[1]) אין „קורות העתים" דף ב׳ ז׳ b: „יעצט". — דער גאַנצער שער פון ביכעל איז: „ספר קורות העתים לישורון בארץ ישראל

„אין דען ספר איז פר לייגט דען גרויסין אוס גליק פון ארץ ישראל, לכן האבין מיר מעתיק גוועזין דעס ספר אויף לשון אשכנז פון וועגין דיא וואס קענין ניט לשון הקודש, אויך נשים לדקניות זאהלין וויסען אונ קלאגין אויף דען גרויסין שרעק וואס איז גיוועזין אין דיא היילינגע שטאט ירושלים, אויך אין טבריא. אונ דען גרויסין חורבן פון חברון, הן פון דיא פלאחין, הן פון ערד ציטערנים אונ דבר רח״ל בשנת תקל״ד ותקל״ז,

„אונ אין אנדערין טייל, ווערט פר לייגט, דער סדר פון דעם וועג פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל איבער דיא ימים, אויך פון דיא הייליקייט פון דעם לאנד פון דעם בארג פון בהמ״ק אונ דיא קברי צדיקים, אונ די שיינה מנהגים אונ דיא גוטע פירות אונ ירקות אונ מטבעות, אונ דעס סדר הלשון וואס מען דארף וויסען,

„ממני מספר דיא נפלאות אונ די נסים וואס הש״י האט גיטאן מיט מיר אז ער האט מיך פון אלעס מציל גיוועזין מנחם מענדיל בא״א אהרן בעל המחבר ספר סייג לתורה: — ווארשא. 1841".

[זעי בן־יעקב ז׳ 7 § נ׳ 328 [אף העברעיש ארוים אין ווילנע ת״ר (1840 — 1841)]. —

[2]) אויך אין „דיא געהיימניסע פון יענער וועלט" ז׳ 138: יעצט (אומער נור איין מאָל אין גאַנצען ביכעל). — באַ מאַני דלוגאַמש l. c. אפ׳ן טיטעלבלאַט (זעי אויבען ז׳ 151 אָנמ׳ 1 אונטער׳ן טעקסט). —

[3]) „מימ." 1902 ז׳ 104. — [4]) אפילו זייער זעלטען. — [5]) „דער אורקוועלל" I ז׳ 80. — [6]) מיט „פּטראַזיט"-a אין אַנלויט. — [7]) מיט צוואַקס פון -ער און מיט עפּיטעזע-ט נאָכ׳ן -ר, וואָס ווערט אין יענע קאַנטען גישט אַרויסגערעדט. —

[8]) „דער אורקוועלל" I 80. — [9]) אין „דיא געהיימניסע פין יענער וועלט" (אָנגעשריבען אין אַ פּויליש-יידישער מונדאַרט), ז״ז 16, 34, 36, 48, 81, 119, 120, 122, 137, 138: היצט. —

אויסער די געבראַכטע 15 געשטאַלטען פֿון דעם איינעם אַדווערב, זענען פֿאַראַן אין די יִדישע מ"ם נאָך אַנדערע, וועלכע וועלען בעהאַנדעלט ווערען באַזונדער (אין קאַפּיטעל וועגען „גערעדקטען נ̥"). —

§ 113 — !) ליפשיץ 76: „פֿין דעסט וועגנ̥" (און: „דעסט") און טאָפּעלער טײַטש: a) „ради того, для того"; b) „тѣмъ не менѣе, несмотря, однако".

אָנמערקונג 1. — האַרקאַווי 348: „דעסטוועגען", „פֿון דעסטוועגען": a) on that account („אַף דעם פֿאַל"), b) nevertheless, yet („דאָך"), — אַלזאָ, אויך צוויי באַטײַטונגען.

אין דער טײַטש a איז דער אַדווערב ענטפֿער אַף דעם פֿרעג, וואָס שטעקט אין אַדווערב „פֿונוועסטוועגנ̥?"—אַזוי, לאַשל, אין „ר' חיימיל דער קצין"[1] ז' 5: „פֿון וועסט וועגין וועט איהר מיך פֿרעגין, איך האָב דאָס טהעאַטעריל גישריבין?". —

2) אויך אין קרעמעניץ, שעדלעץ, פּולטוסק, סומפּאָלנע, דרילטש, לובלין, מישנליץ: „פֿינדעסטוועגנ̥" (בלויז אין טײַטש b).

אָנמערקונג 2. — אין „ס' בחינת עולם": „פֿון דֶעשְׂט וֶועגִין" (יאָזעפֿאָווער אויסגאַבע ז' 68), „פֿון דֶעסְט וֶועגֶן" (וואַרשעווער אויסגאַבע דף כ"ח); — י. אַקסענפֿעלד („דער ערשטער יודישער רעקרוט" ז' 5): „פֿין דעסט וועגין"; — מאַני דלוגאַטש l. c. 79: „פֿון דֶעסְט וֶועגִין"; — ש. עטינגער (l. c. 46, 116), שלום-עליכם („אַלע ווערק". פֿערלאַג „פֿאָלקסבילדונג" וואַרשע. תרס"ד, III ז' 6): „פֿון דעסטוועגען"; — ממ"ם („ווינשפֿינגערל" 7), מיכל גורדון (l. c. 9): „פֿונדעסטוועגען", — איבעראַל אין טײַטש b[2]. —

אָנמערקונג 3. — שוין לויט דער עטימאָלאָגיע פֿון דעם אַדווערב, דאַרף די טײַטש a זײַן די אורשפּרינגליכע. „פֿון וועגען" איז פֿאַרהעלטעניש

---

1) ...„איין טהעאַטער אין 4 אַקטען. בעאַרבייט נאַך ...K. געשריבען אין ס. פּעטערסבורג. — 1864. אַדעסאַ תרכ"ז". —

2) == דעם נה"דײַטשישען nichtdestoweniger (טיַאַנדער 285) [שוין מה"ד: dëste, dëst, dëster (לעקסער 34) אין טײַטש פֿון נה"דײַטשישען desto. —

וורט מיט דער באַטײַטונג: „צוליב"[1], און הוט צו שאַפן מיט דעם גענעטיוו, וואָס ווערט, געוויינלעך, אַרײַנגעשטעלט צווישן די צוויי גלידער פון דערדוזיקער פּרעפּאָזיציע. דאָס מיטעלגליד פון דעם אַדווערב (ליפשיץ נאָטירט עס אויך אַלס זעלבסטשטענדיקע פאָרם) הוט טאַקי פאַר שטאַם דאָס מה"ד dës (לעק' 34), ד. ה. גענעטיוו (פון אַרטיקעל). — אויך דאָס נה"ד deswegen ווערט געברויכט אין טײַטש a[2].

אין דער עלטערער ליטעראַטור באַגעגענען מיר דעם אַדווערב טאַקי הויפּטזאַכליך אין טײַטש a.

אין „ספר תחינות"[3] קפ"ח b: „דאש מוז מן וויסן דז איין מלוס איז אונטר דען מלות דיא אונז קינדר ישראל הש"י גיבאטן האט דז מן

---

[1]) — רוסישען радм ,для; פּוילישען dla; נה"ד halben ,halber, wegen ,um—willen (זעי Lyon l. c. 125). —

[2]) זעי טיאַנדער 285. —

[3]) ס'איז אַ גאַנצע ריטועלע ענציקלאָפּעדיע. דער טיטעלבלאַט (די רעכטע זײַט פון ערשטען דף):

„ספר תחינות דער וייל איך האב גיזעהן דאס דיא הייליגי תחינות זיין נון טעליכי מאל גידרוקט וואָרן מיט פיל טעות אונ' מטושטש דאס איין איטליכר דער דרינן טוט לייאנין דער איז מחרף ומגדף. דרום האב איך עס ניט קענן אונטר לאזין צו דרוקין נאך איין מאל זונדר טעות. אונ' גאר וואול גידרוקט אויף פיין פפייאר דאס זיא נאך ניא מאל אזו בישיידליך גידרוקט זיין וואָרן. דאס ווערט איר זעלברט זעהן. אונ' זיינן גאר היפש בישיידליך. פאר פרומי ווייבר אונ' מיידליך. אלי דיא דא האבן גוטי רייני גידאנקן. צו לובן גאט יתברך אונ' צו דאנקן. אוס דיא גרוש גנאד דיא ער טוט געבן. דען מענשן אלי טאָג זיינס לעבן. דא זאגט מן דיא תחינות פאר אלי זאכן. צו מארגנס פריא ווען זיא אויף וואכן. אונ' האט זיך אן גילוגן ריין אונ' גיוועשן דיא הענד. אונ' האט גאט יתברך שמו דער קענט. דא מיט ווערין דיא גאטס הנד דר ווערבן. אונ' דאס הייליג לאנד צו ערבן. אמן: — אויך זיינן פיל תחינות אין דער תפילה גידרוקט וואָרדין דאס נאך ניא מאל איז גידרוקט וואָרן אין קיין תפילה: — נדפס פה ק"ק פרנקפרט דמיין שנת דע"ת לפ"ק. באותיות חדשות בבית יאהאן קעלנר".

זאל אונזרי קינדר דיזי נאכט ארצילן פון יציאת מצרים וואס אונז השי"ת האט פאר נסים ונפלאות גיטאן וויא ער אונז אויז לאנד מצרים הט רויז גיליגין אלז וויא דא שטיט אין פסוק והגדת לבנך ביום ההוא דאס איז טייטש דוא זאלסט דיינן קינדר זאגן וואס דא גישעהן איז אונזרן עלטרן דא זיא אויז גאנגן זיין אויז מצרים. פון דעסטוועגן [1] האבן אונזרי חכמים דיא הגדה מתקן גיוועזן צו זאגן דיזי נאכט. ווייל

אַף די דפים א׳ — רכ״ח גייען נאָכאַנאַנד: „טייטשי תחינות — הלכות ציצית — הלכות תפילין — הלכות אמן — הנהגת החזנים — דיני חזנות — דיני תפלה — סדר עטיפת הטלית — סדר הנחת תפילין — דיני הליכת לבית הכנסת — תחנות ובקשות שאומרים קודם התפלה — שחרית" א. אַ. וו. א. אַ. וו., ווי אין איטליכען סידור פאַר אַ גאַנצן יאָר. — אַלע דינים און כללים זענען אין דעם חלק איבערגעזעצט אַף יידיש, פאַראַן דאָ אויך גאַנצע עטיודען (ווי: „דינים של פסח", „דיני נטילת ידים", „דיני ברכת המוציא", „דינים של ברכת המזון", „דיני ברכות" וכ׳) און אַ סך איינצעלנע נאָטיצען, דערקלערונגען און באַמערקונגען בלויז אַף יידיש. אייניקע תחינות קומען אין ביידע שפּראַכן, אַנדערע בלויז יידיש. די תפילות בלויז לשון-קודש (מיט ווייניקע אויסנאַמען).

נאָך דף רכ״ח הייבט זיך די נומעראַציע צוריק אָן פון א׳ און גייט ביז ק״כ. דער טייל איז כולל: „פרשיות שקורין בשבת למנחה ובשני ובחמישי" א. אַ. וו., „שיר היחוד", „יוצרות", „קרובץ לתשעה באב" א. אַ. וו. — אַלץ בלויז די העברעיִשע טעקסטען. נור אַף די דפים ק״ו — ק״כ געפינען זיך אויך יידישע שטעלען.

דערנאָך גייט אַ דריטער טייל מיט אַ באַזונדער נומעראַציע (א׳ — קט״ז). דער ערשטער דף פון דערדוזיקער סעריע פעלט אין מיין עקזעמפּלאַר. „סדר אמירת תהלים" און „תהלים" (מיט יידישער איבערזעצונג) פאַרנעמען 92 דפים. אַף דעם 93-טען (אָהן פּאַגינירונג) געפינט זיך אַ טיטעלבלאַט „סדר מעמדות" [„איין גרוסי מצוה איז ווער (כל יום) מיט גרוסה (כוונה מעמדות) טוט זגן"... א. אַ. וו.]. אַף דעם נאָכפאָלגענדיקען דף הייבט זיך די נומעראַציע על פי טעות אָן בוכשטאַב פון צ׳. אין די „מעמדות" קומט קיין יידיש נישט פאָר. קט״ו b — קט״ז גייט „לוח של התפלות" — אינהאַלטספאַרצייכניס פאַר אַלע טיילען פון ספר, וואָס איז געדרוקט אין קוואַרטאָ אַף גוט פּאַפּיר מיט שיינער ריינער שריפט. — [ביי בן-יעקב און א. שולמאַן נישט רעגיסטרירט]. —

[1]) ד. ה.: „דערפאַר, צוליב דעם, צו דעם צוועק". —

אבר בעוונות הרבים אין דיזן דורות דז מיינסטע לייט מאכן פרשונן ניקס פר שטיינן מכל שכן ווייבר אונ' קינדר דיא פר שטיינן פשיטא ניקס אופ' וויל דיא עיקר מצוה איז דיא הגדה צו פר שטיין וואס גישעהן איז אזו איז דער מנהג אין פיל מדינת דז נעבן דער לשון הקודש הגדה דר בייא גידרוקט איז דאס זעלביג לשון דס מן אין דער זעלביג מדינה רעט אלס אין וועלש לאנד זאגט מן דען ווייבר אונ' קינדר וועלש לשון פאר. אזו דינקט מיך שפל גאר גוט צו זיין וויל מן אין דיזר מדינה הוך טייטש לשון רעט דז איין מצוה איז דז איין איטליכר בעל בית אפילו דער שון איין למדן איז זיינן גזינד דיא קיין לשון הקודש פר שטיינן אויף טייטש זאגט ווען מן הלט עבדים היינו לפרעה וויא דא ווייטר שטין ווערט דר גינן ווען אייכר וויל אזו מאג ער דאס לשון הקודש איבר הופפען פון עבדים היינו אן ביז אן כמה מעלות טובות למקום עלינו"; —
דף קי"ט b (צווייטע סעריע): "דיא חכמי הקבלה שרייבן דז פון דער עבירה ויעגן דס דיא לייט..., דס בעונת הרבים דאס מיינסטע קינדר פון דעשטע וועגען קליינר הייט שטערבן"...

אין "ספר עץ חיים"[1] ("אות יוד"): "יצר טוב ער הישט פון דעשטע וועגן (יצר טוב) וויל ער דעם מענשן אן רידט צו תלים

---

[1] "ספר עץ חיים דאש איז קעסטליכי ספר קיצור שני לוחות הברית אויף טייטש גישטעלט. יראה אונ מוסר וואול במעלט. פון אלי דינים פון גאנצן יאר פעלט ניט אויף איין האר (הלכות חול ושבת וימים טובים וימים נוראים חנוכה ופורים) (הלכות תשובה תפלה צדקה ביקור חולים גמילות חסדים) דעשטע גלייכן (הלכות תפילין ציצית מזוזות) אונ אלר האנט תפלות אונ תחינות וואס צו איין איטליכר זאך גיהערט אונ אנדרי גוטי ווענן. דס ווערט איר שון אין דען ספר גיפונדן אונ לעזן. דרום זייט ניט חס אויף אייער געלט. איר ווערט אייך אויך גוויס קויפן די איביגה וועלט. דאס גאנצי ספר (קיצור שני לוחות הברית) איז אפ גשריבן עס איז ניכט אויסן גבליבן. פון אנפאנג ביז צום ענד' בן דוד זאל באלד ווערן צו אונז גזענט. נדפס בדפוס דפה ק"ק פאריצק תחת ממשלת ארונינו האדון הגדול החסיד יאסניע ווועלמאזני שטשענסני טשאצקי על קסיעניספאווא. פאריצק ובראסילוב וסעלץ וסערחאוויטש קאוואליער ארדערא ביאלעגא ארלא ירום הודו בדפוס השייך לששת המשותפים ואחת מהם האשה

גוטן וואָס הש"י וויל האָבן דען הש"י הייסט (טוב) אוג די נשמה פון מענשן הייסט אוך (טוב) ווייל זי איז איין טייל פון די שכינה אוג דער (ילד טוב) איז איין (אפוטרופוס) איבר די נשמה דרום הייסט ער (ילד טוב)"...

אין „ספר ספורי הפלאות"[1] ט': ...„דא פֿאָגט אן דר יונגסטר ברודר מיט איין (עזות מלח) אוג זאָגט · איר ליבע לייט אילונד זעהט

החשובה הגבירה מרת חייה אלמנת ר' אלימלך וצ"ל. בשנת ופריו ימתק לחיך הקורא בו לפ"ק".

[אף דעם ראנד פון שער-בלאט פון אלע 4 זייטען פסוקים. רעכטס, פון אונטען ארוף: „אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד"; לינקס, פון אויבען אראפ: ...„היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר"; אונטען, מיט'ן קאפ אראפ: „דרכית דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום"; אויבען... (אין מיין עקזעמפלאר אפגעריסען)].

דאָס ספר איז—די יידישע איבערזעצונג פון „קיצור שני לוחות הברית". דער מחבר פון העברעישען אָריגינאל— ר' יחיאל מיכל ב"ר אברהם סג"ל עפשטיין. [בן-יעקב, ז' 535 נ' 531, רעכענט-אוים בלויז די העברעישע אויסגאַבען; דער-מאָנט אפילו די יידישע איבערזעצונג, נור וויזט נישט אָן, ווען און ווו זי איז געדרוקט געוואָרען]. —

[1]) „ספר ספורי הפלאות אדער געריממטע געשיכטע. דיזעס ספר איז גידרוקט געוואָרן בשנת תס"ה. ונקרא בשם מעשה בוך. אוג אילונד האָט הרבני מוהר"ר אליעזר פאָוויר ספרא דק"ק זאָלקווי דאָס ספר מעתיק געוועזן ללשון לח ונקי. כדי אז יעדרר זאָל קענן בהענד לייגן. וירוץ הקורא בו ונקרא בשם ספורי הפלאות ווייל אין דיזן ספר ווירד דער לייט פיל וואונדרליכי מעשיות פון הגאון החסיד ר' יהודה ואביו הגאון ר' שמואל חסיד זכותם יעמוד לנו. אויך ווירד דריגן דער לייט אלר מעשיות נפלאים. דרום מאנן אוג ווייבר זאָלן קופן דאָס ספר בהענד. אוג זאָלן ניט חס זיין אויף דעם געלד. בזכות זה ווערט קומן אונזר גאולה גשווינד אוג באלד. אמן כן יהי רצון: — ווארשא... שנת תר"ה לפ"ק". 4⁰

בן-יעקב ז' 424 נ' 468 רעגיסטרירט: „ספורי הפלאות. ה"ר אליעזר פאוויר ספרא דזאלקווא...: זאלקווא, תקס"...; ווילנא, תקצ"ז, 4⁰; ווארשא, תרי"ג, 8⁰" (אף ז' 353 נ' 1794 פארצייכענט ער באזונדער אלעמבערגער אוים-

ווי מייגע ברודר מיט מיר ביז אהעט האבן געהאנדלט· אילונד זעס איך
דס דעסט וועגן האבן מיר מייגע ברודער אלע ווילי געלד געגעבן

גאַב פון יאָר 1851 , 4^{0}). — דער אויסגאַב, וועלכען איך ציטיר, איז בא דעם ביבּ־ליוגראַף ניט דערמאָנט. — [איך האָב אין מיין ביבּליָטעק אויך דעם וואַרשעווער אויסגאַב פון יאָר תרי״ג און נאָך אַ׳עקזעמפּלאַר, אין 4^{0} , נור אָהן טיטעלבלאַט (קענ־טיק, אַ׳עלטערער דרוק; מעגליך, דער זשאָלקווער אודער ווילנער)].

ס׳איז דאָס באַרימטע „מעשה־בוך“ [יידישע איבּערזעצונג פון העבּרעיִשען „ספר המעשה“, וואָס זיין מחבר איז געוועזען ה״ר אשר אנשיל ב״ר ליזר חזן (זעי: בן־יעקב ז׳ 353 נ׳ 1793)]. מ. גרינבוים (.l. c 385 — 458) באַהאַנ־דעלט צוויי אויסגאַבען פון יידישען „מעשה־בוך“: איינער געדרוקט אין „ווילמרש דאָרף“ (דאָס יאָר פון דרוק ניט אָנגעוויזען), דער צווייטער — אין רעדעלהיים אין יאָר תקי״ג (1753) [דעם ערשטען רעגיסטרירט אויך בן־יעקב]. — אליעזר פּאַווער האָט בלויז איבּערגעזעצט דאָס ווערק פון דייטשישען יידיש אַפ׳ן פּויליִשען יידיש פון זיין צייט, ווי ער דערציילט אַליין אַפ׳ן טיטעלבלאַט, ווי אויך אין „מליצת המעתיק“ (לינקע זייט פון שער): „הן כל יקר ראתה עיני, ומה נכבד היום שבא לידי ספר הנכבד מעשה בוך שהיה נדפס זה זמן זמנים טובא בשנת תקס״ה לפ״ק בדפוס אמשטרדם ובו יסופר מעשיות ומאורעות נפלאים ויקרים מן הגאון ר׳ יהודא חסיד זללה״ה ומאביו הגאון החסיד ר׳ שמואל נ״ע. ושאר ספורים המושכים את לבו של אדם לשומעם ולהטות אזנם אליהם. וחיך הטועמו לי לי אומר: אמנם כן הספר הלז היה נדפס בלשון אשכנזי. שהיו משתמשים בהם סבי האשכנזים. אשר אנשי מדינתינו הנמצאים בעת ממש רובם לא יבינו ולא ידעו מהות הסיפור. והנה רבים וכן שלמים חלו ובקשו פני שאעתיק להם את הספר הלז בלשון קל ונקי ומלאתי את רצונם והעתקתי את הספר הלז כאשר עיניכם תחזינה מישרים בלשון צח וקל למען יבינו כלם אנשים ונשים וטף. וקראתי את הספר הלז בשם סיפורי הפלאות כי נפלאים מעשיותיו המה מאוד מאוד. והקורא בו שנים ושלש גרגרים ירוה צמאונו. ויאמר אליהם כי טוב הוא. לכן עם ה׳ חושו עושו וקנו את הספר הישר הלז ואל תחוסו אל כספיכם כי טוב סחרה מסחר כסף. ובגין דא יבלו ימיהם בטוב ובנעימים ויעלו לציון ברננים. אמן כי״ר“: — [„תקס״ה“ איז דאָ אַ קענטיקער טעות; ריכ־טיקער אַפ׳ן שער: תס״ה (בן־יעקב דערמאָנט אַ׳אַמסטערדאַמער אויסגאַב פון תס״א)].

די שפּראַך פון פּאַווערס „איבּערזעצונג“ איז ווירקליך אַ׳אַנדערע (נאָענטער צו אונזערער), ווי אין די אַלטע אויסגאַבען (איך האָב פאַרגליַיכט מיט די שטעלען, וועלכע גרינבוים ציטירט). —

ווייל זיי האבן דם גנאלע האב אוג גוט אויס דעס קאסטן ארוים גנומן אוג האבן שטיינר אין קאסטן אריין גלייגט"[1] ... —

3) אין וואַרשע: פינדעסטאָטוועיגן[2], פינדיעסאָטוועיגן[3], פינדעסטן[4], דעסוועיגן[5] (די אַלע 4 פארמען = „פונדעסטוועגן" אין טייטש b). —

4) אין ווישקאָוו: פינדעסטערוועיגן[6] (= „פונדעסט-וועגן" אין טייטש b). —

5) אין יאַגיסטאָוו[7]: פינדעסאַרטוועיגן[8]. —

6) אין מונקעביטש[9]: פינדענסטוועיגן[10]. —

---

[1]) l.c. י"ב: ... „דעסט האלבן בין איך דא דאס איך וויל דיר דיין נשמה נעמן"... [„דעסט האַלבן" = „דעסט וועגן" (אין טייטש a)], שטערן 49: Leche„ (ד. ה. לכן) = dorum, döshalb, döst- wegen" (טייטש a). —

[2]) דאָס מיטעלגליד פון דעם אדווערב דערמאַנט דאָס מה"ד dëster (ווי אויבען ז' 157 אָנמ' 2 אונטער'ן טעקסט), צו וועלכען ס'איז, וואַרשיינליך, צוגעקומען אַ'עפּיטעזע-t [אַלזו, אייגענטליך: * פינדעסטערטוועיגן (נור דער r נישט אויסגעשפּראָכען לויט'ן כלל פון § 6)]. —

[3]) זעיט-אויס, געבילדעט פון דער ערשטער פארם דורך דיסימילאַציע (דער ערשטער t אַרויסגעשטופּט דורכ'ן עפּיטעזע-t!). —

[4]) זול דער -ן פאָרשטעלען דאָס איבערעשטעל פון רעדוצירטען „וועיגן"? — אויך אין דרילטש ווערט געברויכט די פארם. —

[5]) קלינגט, ווי דאָס נה"ד deswegen (הגם הוט אַנ'אַנדער טייטש). —

[6]) דאָס מיטעלגליד פון דער פארם דערמאַנט דאָס מה"ד dëster אין ריינעם געשטאַלט. —

[7]) יידישער נאָמען פון דער שטאָדט אַחגוסטוו (סוואַלק. ג.). —

[8]) אין טייטש און עטימולוגיע — אידענטיש מיט דער צווייטער וואַרשעווער פארם. —

[9]) יידישער נאָמען פון מוקובודי (שעדלעצער גמ. און א.). —

[10]) = „פונדעסטוועגן" (אין טייטש b). דער -נ-, וואַרשיינליך, דערשיינונג פון שפּונטאַנער נאַזאַלירונג. —

7) אין סומפּולנע: פינדעסנטוועיגנ [1]. —
8) אין אַמשינוו: פינדעסנ [2]. —
9) אין טאַרלע: פינדעסוועיגנ [3]. —

§ 114 — אין קרעמעניץ, דובנע: פּאַמעילאַכנ (ממ"ס, „ווינשפּינגע" 33: „פּאַמעליכען").

אָנמערקונג 1. — ס'איז דעמינוטיוו (אודער פאַרשטאַרקונגספאָרם) פון פּאַמעילאַך [4]) [אין קרעמעניץ אויך: פּאַמעילאַכאַ (קאָמפּאַראַטיוו)].—אין וואַרשע: פּאַמעילוכו און פּאַמעילוכוטשקע [5]) (אַלס דעמינוטיוו). — אין פּולטוסק: פּאַמעי-לעך [6]) און פּאַמעילעכטשקע [5]) (אַלס דעמינוטיוו). — אין לובלין [7]), אופּאָלע [8]): פּאַמעילעך. — אין דרילטש, טאַרלע: פּאַמעילעך. — אין פּינסק: פּאַמעלאַך

---

[1]) = „פּונדעסטוועגן" (אין טייטש b). דערמאָנט דאָס נח"ד des-sentwegen (טיאַנדער 1422). —

[2]) = „פּונדעסטוועגן" (אין טייטש b). — פאַרגלייך מיט דער דרי-טער חאַרשעוועער פאָרם. —

[3]) = „פּונדעסטוועגן" (אין טייטש b).—

[4]) ממ"ס l.c. 67: פּאַמעליך; — מאָני דלוגאַטש l.c. 25, 75, 84, 103, 116: פּאַמעלעך; — ליפשיץ 144 און 54: פּאַמעילאַך און באַמעילאַך; — האַרקאַווי 234: פּאַמעלאַך; — דרייזין 240: פּאַמעלעך. —

[5]) -טשק- איז דער באַקאַנטער יידישער סופיקסענקאָמפּלעקס, מיט וועלכען עס ווערען געבילדעט דעמינוטיווא צו אַדיעקטיוען, — ווי (אין ליטעראַרישער אויסלייגונג): „אַלטיטשקער, קליינינטשקער (און: קליינטשיקער) וכ'. — דער טאָפּעל-סופיקס איז פון סלאַווישער אָפּשטאַמונג. מיר באַגעגענען אים אין פּוילישען, אין עטלעכע דעמינוטיווא, ווי: babeczka, babunieczka, babuleczka, babuli-neczka, babusineczka [אַנטאָני מאַלעצקי l.c. II 160]; אין רוסישען, אין עטלעכע פאָרמען, ווי: малюточка (אימינוטיוו) тихоничка וכ'. —

[6]) עפּטער: פּאַוואָליי. — ליפשיץ 142: פּאַוואָליע (= „פּאַמעילאַך"); האַרקאַווי 232: פּאָוואָליע; דרייזין 240, הורוויץ 69: פּאַוואַליע. — פּויליש: powoli. —

[7]) אויך: פּאַוואָליע. — [8]) בלויז אין מויל פון עלטערע לייט (ס'יונגוואַרג גע-ברויכט: „פּאַוואָליע"). —

און פּאַמעלאַכּקע (אַלס דעמ׳). — אין מישניִץ: פּאַמעלאַך און פּאַמעלאַכל (רעמ׳). — אין קלינע, יאַקובשטאַט: פּאַמעלעך [1]. —

אַנמערקונג 2. — נאָך באַ ליפּשיִצן איז נאָטיִרט, ווי מיר האָבען געזען, די פאָרם מיִט b אין אַנלויט. — משה מאַרקוזע דף צ״ר: באַמעלאַך [2] דף צ״ז: באַמעלאַכער (קאָמפּאַראַטיִוו). — אין „זמירות של שבת״ [3]: „הלוכך

---

[1]) אין פּוסעלאַט (קאָוונ. ג.) ווערט דער אַדווערב סובסטאַנטיִוויִרט. פּאַראַן דאָרט אַ רעדענסאַרט: „אַ האַסטיִקער פּאַמעלעך״. — [2]) דף כ״ד b: בַּמֶלאַח; דף ד׳ b: בַּמֶלַה. —

[3]) „זמירות של שבת עם פירש מטה יהודה על כתב עברית ולשון אשכנז: נעים זמירות ישראל. אשר זקני׳ עם נערי׳. נושאים אלומת רנן. ויהגו בגרונם רוממת אל. ביום השבת יערכנו. ולבקרי׳ יפקדנו. ובלילה שירה עמם יתרועעו אף ישירו. וזמירות יאמרו. ומקדמונים אחוז שער שירי ההרוזות בשרשר׳ גבלו׳ מעשה אבות המליצות אחוזו׳. משובצים זהב במלואו ותקועי׳ בראשיהם שמות׳ רמוזות. אך לא רבים יחכמו. להבין דגלי משבצותיה׳. כי בשוט לשון החבאו ודרכי השיר לא דרכו ברגליה׳. ונופת תצופנה. שפתותיה׳. ועל במתי קולה ישאו מרברותיה׳. ויפתוהו בפיה׳ מלב לא נכון ויחרגו ממסגרותיה׳. וינסך על יה׳ רוח תרדמ׳ הגי׳ והוטי׳ בלשוניה׳ ע״כ קם שבט מיהודה. ועל מאור׳ צפוני שירות אלה ידו הרה. וחיבור פירו׳ מספיק וקרא שמו מטה יהודה לזאת עוררינו לבבי לאמר את המטה יהודה הזה תקח בידך אשר תעש׳ בו את אותו׳ העתק על לשון אשכנז אשר אנשי׳ באות מאירי׳ אות׳ וכל אחד ירווה צמאונו. ולא יכשל בלשונו. וענת׳ בי צדקתי. כי למען לזכו׳ את הרבי׳ זאת עשיתי. לזה אחלי מאת אח״בי אבות ובנים. אתם תהיו לי ממלכת קוני׳ לרצות בריבוי כסף הוצאו׳ הדפוס עשר׳ מוני׳ בזכות זה תעלו לציון ברננים:

„Franciszek Salezy Lukawski dziedzic Dobr y Miasta Laszczow

„בדפוס השותפים ח״ה הרבני המופלג מו׳ יהודה ליב רבין שטיין וה״ה הרבני המו׳ מוהר״ר שאול משה גאלד שטיין — זמרן לשמו כי נעים לפ״ק״. — [יאָר תקע״ו — 1816].

ס׳איִז, זעיט-אויס, איינס פון די ערשטע ייִדישע ספרים, אין וועלכע די ייִדיִשע איבערזעצונג איִז געדרוקט ניִשט מיִט מאַשקעט נור מיִט אותיות מרובעות (און מיִט נקוד), און אין וועלכע די העברעיִשע וואָקאַבלען זענען ניִשט אויסגעטיילט פון ייִדיִשען טעקסט מיִט האַלבע לבנות.

דיין גאנג: תהא בנחת זאל זיין באמילך״ [1]. —

אין „סדר זמירות של שבת״ [2] כ״א: „הלוכך תהא בנחת דיין גאנג זאל זיין באמלך״.— אין ווילנער כתב-יד [3] פון יאר תע״ד, דף ע״ה: „לאט [4].. במעלך.. פולטים״. — אין „ספר לב טוב״ [5]: ...„נאך איז דר דרך ארץ דש איין פרויא ניט זאל הוך רידן עש איז פון איין מאן קיין דרך

דער ציטירטער אויסגאַב איז, וואַרשיינליך, נישט דער ערשטער,—ווי ס'איז זיך משער צו זיין לויט דער „הסכמת הרב המאה״ג אב״ד דק״ק לאשצוב ובית דין הצדק דפה״. מיר לייענען אין דערדערמאָנטער הסכמה: „יען כי הועד לפני, כי בהיות, בעל המדפים מזמירות ושיר השירים עם דייטש בכתב עברית, פח הרשה, עוד הפעם להדפיסם, יען כי ספו וגם תמו הנדפסים על ידו מכבר, ולא יגיע לו שום נזק מהמדפיסים שנית״... א. א. וו.

דאָס ספר איז בא בן-יעקב נישט רעגיסטרירט. —

[1]) אף דף ה׳ (פאַגינירט זענען אין דעם ספר׳ל נישט אַלע בלעטער). —

[2]) „סדר זמירות של שבת עם אתקינו סעודתא מהאר״י ז״ל עם פירוש הגאון בעל מנחת יעקב. — יען ראינו בני עליה והמה מועטים, ורבים מבקשים לעלות והסולם נלקח מביניהם הנה הקרה ד׳ לפנינו פירוש נחמד מהגאון בעל מנחת יעקב והנה ראיתי שפירוש הזה הוא נתעלה מאוד מזמן קדמון על כן אזרנו כגבר חלצינו והתקנו אותו בלשון אשכנז כדי שיבין כל אחד בו ובזכות זה תמלא הארץ דעה את ה׳ ונעלה לציון ברנה אמן: — קעניגסבערג, שנת תרכ״ו לפ״ק״. —

[3]) זעי אויבען ז׳ 114 אַנמ׳ 5 אונטער׳ן טעקסט. —

[4]) ווי צענהויזען (שמואל ב׳ י״ח ה׳) ועצט-איבער: לאַכלוס [„אוג׳ דער קיניג גיבאט (יואב· אוג׳ אבישי· אוג׳ אתי) לו זאגין· גיט לאַכלוס אוס פון מיינט וועגין מיט דעס יונגלינג (אבשלום)״...]. —

[5]) פרק חמישי: „הלכות דרך ארץ״ („דאש פירד חלק איז דער דרך ארץ פון ווייבר אונ מיידן״). — דאָס ספר איז לגמרי נישט פאַגינירט.— דער גאַנצער שער:

„ספר לב טוב איר אלי מאנן אוג פרויאן: אוג אל די פון בישעפר זיין גיהואין: די דיא וועלט אוג יעני וועלט וועלן בויאן: קומט דש הערליך בוך אן לו שויאן: איך גלויב עש ווערט נימנט גרויאן דר עש דראך אויש לייאנט· דר פינט די גאנץ יודשקייט. נאך דר לענג אוג נאך דר ברייט: אין לוונליג פרקים אויש גשפרייט. ווער עש ווערט דורך אויש לייגן: דר ווערט זיך מיט זייגן גאנץ הערץ פרייאן: אוג מיט גרוישי זענפטקייט דר מייאן: אויך אלי לפ.. גל משגן דריכן לייאכן·

ארץ מנל בנן פון איינר פרויא אז דר פסוק גיט בייא דר לדקות
(וחנה היא מדברת על לבה רק שפתיה נעות וקולה לא ישמע) אונ חנה
זי הט גרעט מיט זיך זעלברט אונ אירי לעפלן פר וואגלטן אבר איר
קול לוס זי ניט הערן דען עס איז איין פרילות ווען איין פרויא הזוי

אבר פר אל דינג פאר אן וויל איך ענק וויסן לאזן אן קענן אונ לעזן
ליגט ניקס דראן: עס ליגט נייארט אן האלטן אונ טאן: זייא וואס
עס וויל איין פרס אן: ער האלט אינן אין זיין גיוואלט· אלי דם מענשן
דינים וויא מן זיך פר האלט· פון זיינר גיבירט ביז ער ווערט אלט:
אונ אלי (הנהגה) אין אליר גיסטאלט· זוימט ניט נור קויפט באלד: וייל
אירם נאך פיל פינט· דר עס ניט וואול בילאלט דר זינט: (עולם הבא)
ווערט איר דר מיט פר דינן: גרוים עהר אונ רייכטים ווערט אייך
נימר מער אנטרינן אמן סלה: — נדפס פה ק״ק פאריצק — **תחת** ממשלת
אדונינו האדון הגדול החסיד **יאסגיע** **ווי**עלמאזני **ש**שענסני **ט**שאצקי על קסיענסטוואי
פאריצק ובראסילוב וסעלין וסערהאוויטש קאוואליער ארדערא ביאלעגא **ארלא ירום הודו:**
בדפוס השייך לששה המשותפים ואחת מהם האשה החשובה הגבירה מרת **חיה אלמנ**
ר׳ אלימלך ז״ל לפרט קנו הספר לב טוב לפ״ק״. — 4°.

[אפ׳ן ראנד פון **שער**: אויבען — „**זה השער לי**י **צדיקים יבואו בו**״; רעכטס (פון אויבען אראפ) — „**פיה פתחה בחכמה ותורת חסד על לשונה**״; לינקס (פון אונטען ארויף) — „**יקרה היא מפנינים וכל חפציך לא ישוו בה כי מוצאי מצאו חיים**״; אונטען (מיט׳ן קופ אראפ) — „**ויפק רצון מה׳. צור תעודה חתום תורה בלמודה:**״].

דער מחבר — **יצחק** בן לא״א מהור״ר אליקום זצ״ל מק״ק **פוזנא** (אונטערגעשריבען אף דער הקדמה).

בן־יעקב ז׳ 254 נ׳ 20 רעגיסטרירט די אויסגאבען פון **אלטזולצבאך** (דאס יאר פון דרוק אומבאקאנט), **פראג** (יאר ש״פ), **אמסטערדאם** (ת״ל), **ווילמרשדארף** (תל״ט), **פראנקפורט אם־מיין** (תמ״א), **פראג** (תמ״א), **זולצבאך** (תמ״ג), **פראנקפורט אם־אודער** (תמ״ה), **פראג** (תמ״ה).

אויסער דעם איז דאס ספר נוך געדרוקט געווארען מיט דעם ביילאג „**ספר לב חכמים**״ (פון ר׳ חיים ב״ר יעקב ארביך **מדפיס**): אין **קראקע** (ת״א), **אמסטערדאם** (תס״ו), **פראנקפורט אם־אודער** (תס״ח), **פראג** (תס״ט), **ווילמרשדארף** (תע״ד), **פראנקפורט אם־מיין** (תע״ה), **אמסטערדאם** (תפ״ג), **זולצבאך** (תפ״ג), **ווילמרשדארף** (תפ״ד), **שקלאוו** (תקנ״ג), ... (תקס״ה), און נוך א סך מאל [**בן־יעקב** ז׳ 254 נ׳ 21].

איין הוך קול אויף ווערפט אז דר פסוק גיט ביי דר פרוגה (ויהי בהרימי קול) זי שפראך דא איך האב מיין קול אויף גיוואורפן האב איך איין גרוס גשרייא געהאט דא זעכן מיר יוא וואול דש ביי דר פרוגה שטיט גשריבן דא איך מיין הוך קול האב אויף גיוואורפן אבר ביי דר לנוטה שטיט זי האט לאגנוס במעלך גירעט דרום זאל איין פרומה פרויא זיך הוט אירה קינדר גיוויינן במעלך צו רידן דש אירי שכינים ניט זאלן הערן אירי ריד הוך גיט די גמרא (ר' מאיר אומר אף הקולנית) די משנה רעכנט אלי די פרוגות די דא מוזן אויז גין פון מאן אן כתובה זאגט ר' מאיר דרום איז אוך איין בייזי זאך פון איין פרויא די אזו הוך רידיג איז איר מאן זאלט ניט פון איר ליידן· הוט ווערן די ריד היימר געהערט הוט ווילגר אן גיכעס פון די ווייבר די במעלך רידן מיט אירס גזינד דז דר פסוק גיט (דברי חכמים בנחת נשמעים) ווען די קלוגי לייט זאנפט רידן מיט דען לייטן דא ווערן אירה ריד גיהערט מער ווערדר דער די לייט אן שרייאט די זעלביגי ריד ווערן ניט געהערט כלומר זי ווערן ניט אן גיכעס"...[1]) —

באַ א. שולמאַן l.c. 91 געפינען מיר דעם שער פון פראַגער אויסגאַב פון יאָר ש"פ (1620), וועלכען דער שריפטשטעלער האלט, ווי ס'זעיט-אויס, פאַר דעם ערשטען [דער שער פון פורצקער אויסגאַב שטימט, אויסער קליינע אפווייכונגען, אינגאַנצען מיט דעם פראַגער]. —

[1]) אין אַ שפּעטערדיקען אויסגאַב פון דעמזעלביקען ווערק געפינט זיך די געבראַכטע ציטאַטע אויף דף ל"ד ט. — די ערשטע צוויי מאָל אויסגעלייגט: במעלך; דאָס דריטע מאָל: במעליך.

דער שער פון דעמדוזיקען אויסגאַב — מיט עטליכע ניואַנסען, איך ברענג אים דעריבער אינגאַנצען: „ספר לב טוב חלק ראשון עם חלק שני איר אלי מאכן הוט' פרויאן· הוט' אל דיא פון דען בשעפר זיין געוויאן· דער דיא וועלט הוט' יעכי וועלט טוט בויאן: קומט דאם הערליך באך אן צו שויאן: איך גלויב עס ווערט נימאנט רייאן· דער עס דארך אויס לעזט דער פינד דיא גאנצי יודשקייט: נאך דער לענג הוט' נאך דער ברייט· אין צוואנציג פרקים אויס גשפרייט· ווער עס ווערט דארך אויס לייאנן: דער ווערט זיך מיט זיינן גאנצן הערצן פרייאן· הוט מיט גרוסי זאנפטיקייט דער מייאן אויך אלי לערנר מעגן דריכן לייאנן: אבר פר אלי דינג דיא פרויאן וויל איך אייך וויסן לאזן· אן קענן הוט לעזן ליגט

ווי מיר זעיען, איז דאס געשטאלט מיט b אין אנלויט אנ׳אלטער בירגער אין דער יידישער שפראך.

מאקס גרינבוים[1]) רעכענט, אז דער וואקאבעל איז גענומען פון סלאוויש. — ער שטיצט זיך אויף וואס: אין א עלטער דייטשיש ווערק ווארפט זיך דורך meylich אין זין פון gemächlich, באמערקט דערצו יוהאן לעאנארד פריש אין זיין „דייטש-לאטייניש ווערטערבוך“[2]): „אפשר איז דאס סלאווינישע malo א קרוב מיט meylich; די פויערן אין די דייטשישע געגענדען פון ביימען שרייען אויף דאס שפאנפי, ווען זיי ווילען, עס זאל גיין לאנגזאם: Pomali!“. — ווייטער: בא א שלעזישען מחבר קומט-פאר bemählich, ווערט אין „פראמאנס צייטשריפט“ (476, V) אנגעוויזען, אז דאס איז ווארשיינליך פארדייטשונג פון סלאווישען pomalig (צפון-ביימיש: pumâlich).

מיר דאכט זיך, אובער, אז צוציען דאס סלאווישע איז דא איבעריג. — אין „ס׳ של ר׳ אנשיל“ דף נ״ה לייענען מיר: „לָאַט — גימעליך (שמואל ב יח ה)“. „גימעליך“[3]) דערמאנט דעם מה״ד אדיעקט „gemechlich“[4]) און אדווערב

ניקס דראן: עס ליגט נייארט אן האלטן אונ טאהן · עס זייא וואס עס וויל פר איין פרשאן · ער האלט אינן אין זיין גוואלט אלי דאס מענשן דינים: וויא מן זיך פאר האלט · פון זיינר גיבורט ביז ער ווערט אלט אונ אלי (הנהגה) אין אליר גשטאלט · זוימט ניט נור קויפט באלד: וויל אירם נאך פיל פינד · דער עס גיט וואול בילאלט דער זינד (עולם הבא) ווערט ער פר דינן · גרויס עסר אונ רייכטום ווערט אייך נימר מער אנטרינן אמן סלה: — בדפוס של הרבני הנגיד המפורסים מוהר״ר דוד סעדי׳ ישעי׳ בן הרבני המופלג החריף הגביר המפורסים מוהר״ר בצלאל וואקס נ״י: בשנת תקפ״ז לפ״ק נדפס פה ק״ק יוזעפאף״. —] אין דער פראזע: „אבר פר אלי דינג דיא פרויאן“, זענען די לעצטע צוויי ווערטער דיכטונג פון יוזעפאווער ארויסגעבער. אין פורוצקער אויסגאבע געפינען מיר: ...„פאר אן“ (דער דגש אין דער „פ“ דרוקפעילער); אין פראגער אויסגאבע פון יאר 1620 (א. שולמאן 91): „אבר פאר אלי דינג פאָר אן“]. —

[1]) l. c. 547. — [2]) בערלין 1741. —

[3]) אויך אין אנדערע גלאסארען קומט דער וואקאבעל פאר. —

[4]) הוט די טייטש: bequem, bedächtig, ruhig, langsam, zu-thunlich, zahm (לעק׳ 67). — נאך געפינען מיר מה״ד (לעק׳ l. c.): ge-mach = 1 (סובסטאנטיוו) ruhe, wohlbehagen, boquemlichkeit א. א. וו., ge-

(1 „gemechlîche“ .— ווי פר. ל. ק. ווײַגאַנד ווײַזט־אָן (2 קומט אין דער צווייטער העלפט פון 15-טען יאָרהונדערט בײַ דײַטשישע שריפטשטעלער פור: gemêlîch. — „בעמעלך“ (3, „במֶעלְך“ (3), קען מען פאַר געווים רעכענען, אַז אַנטשטאַנען פון „גימעליך“ דורך פאַרבײַטען די פורזילב גי- אױף בע-, באַ-.

טענדלאַו l.c. ברענגט נאָך אַ בײַשפּיל פון אַזאַ בײַט: benügen (אַנשטאַט genügen); אַזוי, אין „הלכות דרך ארץ“ (4, וואָס יוהאַן כריסטיאַן וואַגענזײַל (5 ציטירט אין זײַן „בעלעהרונג“ (6 (ז' 312): „er soll sich be-nugen lassen mit Dem, was ihm Gott beschert“.

---

mach (אַדיעקט) =] gleich, bequem, angenehm], gemach (אַדווערב) =[bequem, gemächlich, langsam]. — פאַרגלײַך מיט'ן וואַרשעווער: „לאָז מיך גימאַך“ (ד. ה. „לאָז מיך צו רו“); ליפשיץ 70: „געמאַך לאָזן“ (отцѣп-ляться, оставить въ покоѣ); האַרקאַווי 107: „געמאַך“ (אַדיעקט און אַדווערב) =[ווייך, זאַנפט, רויִק; לאַנגזאַם, פויל, שווער], געמאַכליך (אַדווערב) =[קומפאָרטאַבל, רויִק, לײַכט, מילד, צאַרט], לאָז מיר געמאַך!“. —

(1 זעי אָנמ' 4 אױף ז' 169. —

(2 „Deutsches Wörterbuch“, 2 Auflage I 555 (ציטירט נאָך מאַקס גרינבוים 496). —

(3 מ. גרינבוים 547. — (4 אַרויסגענומען פון אויבענדערמאַנטען „ספר לב טוב“? — (5 געלעבט 1633 — 1705. —

(6 דער גאַנצער שער פון דעמדוזיקען ווערק איז:

„I. Chr. Wagenseil's Belehrung der Iüdisch-Teutschen Red- und Schreibart, durch welche alle, so des wahren Teutschen Lesens kundig, für sich selbsten, innerhalb wenig Stunden, zu sothaner Wissenschaft gelangen können. In einem weitläuftigen Fürtrag wird klärlich erwiesen, dass solche Erfahrenheit denen hohen und niedren Obrigkeiten, wie auch deren Rathgebern und anderen Rechtsgelehrten, denen Theologis, Medicis, Handelsleuten, und insgemein Jedermann, nützlich, auch fast nothwendig sey. Unter anderen Jüdischen Büchern, wird dargestellet: מסכת נגעים oder das Talmudische Buch von dem Aussatz: was es nemlich mit dem Aussatz der Menschen, der Kleider, und der Häuser, ehemahlen in dem Jüdischen Land, für eine Bewantnus gehabt. Zur Zugabe wird ein Bedenken beygefüget, wodurch die viel und lang höchst-strittig

מענדלאַו איז זיך משער, אַז בע- איז דאָ די העבּרעיִשע פּורזילבע בְּ- (זעי גולומב 41). ער פּאַרופֿט זיך אַף די פֿאָלגענדיקע פֿראַזע פֿון די „הלכות דרך ארץ" (באַוואַגענזײַל 322): „Die Peruzah erhebt ihre Stimme, die Zenuah aber redet b e l a n z u m b e m ä l i c h".

אזוי ווי „לאַנצום" איז אין דער אַלטער יידישער ליטעראַטור די געוויינליכע פֿורם פֿאַר „לאַנגזאַם" און ווערט תמיד געברויכט אָהן שום פּרעפֿיקסעס, ווייל מענדלאַו דערפֿון אַרויסדרינגען, אַז אין be- belanzum איז דאָס העבּרעיִשע „בְּ-", און אַז ממילא איז שוין אויך דער be- אין bemälich העבּרעיִש. די השערה איז, אָבער, שווער אַנצונעמען. אויך בײַ דײַטשישע שריפֿטשטעלער קומט פֿאָר, ווי שוין אָנגעוויזען (אויבען ז' 169), די פֿורם מיט be-. אויסער דעם איז מיר דער „בעלאַנצום" בײַ וואַגענזײַלן איבערהויפּט אַביסעל פֿאַרדעכטיק, וואָרום אין „לב טוב" ¹) ליינען מיר: ...„לאַנצום במעלך" ...

אַקעגען דער סלאַווישער אָפּשטאַמונג רעט אויך דער e אין „באַמעלעך". ווען דער וואָרט זאָל שטאַמען פֿון סלאַווישען, וואָלט אַמוואַרשיינליכסטען געווען, אַז מ'איז דאָס פּאַריידישטע (אָדער פֿאַרדײַטשטע) pomalig אָדער pumâlich (אַנדערש וואָלט זיך שווער געווען צו דערקלערען דעם ch אין „באַמעלעך"), אָבער דאַן וואָלט דער a נאָך m געבליבען אָהן ענדערונג, אָדער איבערגעגאַנגען אין o אָדער u (קיינמאָל נישט אין e!). — נעמען מיר אָן, אַז דער וואָרט שטאַמט פֿון מה"ד gemechlich, דאַן דערקלערט די ענדונג -lich דעם אומלויט פֿון a (אין ge-mach). —

§ 115 — אין וואַרשע: מיקלומפּושטן̥; אין סומפּאָלנע: מיקלומ-פּערשטן̥.

אָנמערקונג 1. — אין וואַרשע אויך: מיקלומפּושט; אין פּולטוסק:

---

gewesene Frage: Ob die Heil. Schrift einem Manne erlaube zwey Schwestern nach einander zu heyrathen? dermaleins zu bescheiden, und die Bejahung allerdings fest zu setzen gesucht wird. Königsberg, gedruckt in dem 1699 Heyl-Iahr. In Verlegung Paul Friederich Rhode Buchhändlers daselbst".

(זעי אַוועלאַללעמאַנט III, ז' 216, אָנמ' אונטער'ן טעקסט). —

¹) זעי אויבען ז' 166 פ"פ. —

קלומעשט און קלומפעשט [1]); אין דרילטש: קלוימעשט, קלומפעשט; אין פאַרלע: קלומפעשט; אין אופאַלע: קלוימעשט; אין לובלין: מיקלוימאַשט; אין מישניץ: קלומפערשט; אין קרעמעניץ: קלומפאַשט. — ליפשיץ 188: קלומערשט, קלומפערשט („будто бы, подъ предлогомъ, извѣтомъ“); האַרקאַווי 177: כלומר׳סט [אויך: כלומר׳סטענער (אַדיעקט)]; הורוויץ 86: קלו־מערשט (== „כמו, כאשר לו, כאלו“); דרייזין 40: קלומערשט (== „אַזוי ווי“, „будто, будто-бы“); ספיוואַק-יהואש 121: כְּלוֹמֶר׳שט [2]) (== „אַזוי ווי, מאַ־כענדיק דעם אָנשטעל פון, ניט ריכטיק מיינענדיק, זוגענאַנט“); אַווע-לאַללעמאַנט (פון דײַטשישען יידיש) IV ז׳ 390: כלהמר (klomer, klaumer) [אין טײַטש: als wollte man sagen, so zu sagen] און די רעדענסאַרט: כלהמר קעז [3]). — אין דער שפּראַך פון די דײַטשישע גנבים (אַווע-לאַללעמאַנט IV 559): Klomerkäs [== „פוילע פיש“ (דער אויסדריק ווערט געברויכט „צו באַצייכענען אומאויפריכטיקייט און פאַרשטעלטקייט“)] [4]).

אַנמערקונג 2. — די אַלע פורמען שטאַמען פון תלמודישען כְּלוֹמַר [5]) [וואָס זײַן טײַטש איז: „ווי געזאָגט; עס איז געמיינט; דאָס הייסט“ (זעי גולומב 188)], נאָר הובען, ווי מיר זעיען, אַן אַנדער באַטײַטונג. —

§ 116 — אין וואַרשע, פולטוסק, לובלין, אופאַלע, קרילווו (פעלמ. ג.), טאַרלע: אַזוֹסטנ (מיט דער טײַטש: „ווען ניט...., אַז ניט...., „אויב ניט“....).

אַנמערקונג 1. — אין קרעמעניץ: זיסט [6]). — ליפשיץ 3: אַזוֹסט (== „иначе, въ иномъ случаѣ, а то“). — נה״ד sonst און sonsten.

[1]) ממ״ס, „ווינשפינגערל“ 26, 53: „קלאָמפּערשט“. —

[2]) אקסענפעלד, „דער ערשטער יודישער רעקרוט“ ז׳ 38: „קלאָמירשט“; „שטערנטיכיל“ (ז״ז 86, 93): „קלאָמערשט“. —

[3]) בײַ טענדלאַו ז 93: „Kloomer Käs'l“. —

[4]) שטערן l. c. 46:

„Kloma. Wenn wir en Ahd schwören, dörfen mir nor derbey sagen Kloma, is der Ahd nix. Kloma bedeut: Was ich gesagt unn geschworen hebb, is net wohr“.

„Kloma“ — מיט פאַרלוסט פון אויסלויט-ר. —

[5]) סנהדרין מו, כתובות סה. —

[6]) אקסענפעלד, „דער ערשטער יודישער רעקרוט“ ז׳ 34: „דאָס גליק

אין דרעאייגענער טייטש, ווי דער יידישער אדווערב [1])]. — עלטער איז די פארם אַ הן אויסלויט-ג. מה״ד הוט sunst, sust; עלטער מה״ד און אה״ד: sus [2]). די אומאורגאנישע ענדונג -en (-ג) קומט-צו ערשט נה״ד [3]). — [דיאייגענע ניטאורגאני-שע ענדונג ג איז פאר אונז אין דורטג [4]) (אויבען ז׳ 150) און אין מיקל־ומפולשטג (אוי-בען ז׳ 171)]. —

אנמערקונג 2. — אין „ספר אורחות צדיקים״ [5]): „אויך מוז מען וויסען. דאס אויף זינד און אונרעכט קענן מענשן מוז מען (קודם כל) דאס אונרעכט גוט מאכען דען זונסט [6]) העלפט דיא (תשובה) ניט״ (כ״ח b); —

פר איהר איז, וואס דאס שטעטיל איז אצינד פר פינצטערט מיט די יידישע רעקרוטין, זיסט וואלטין זיי זעך גימאכט אגאנצע שמחה דער פון״. —

[1]) טיאנדער 1167. — [2]) זעי: קלוגע 424. — [3]) זעי: ווילמאננס II 650, 630. — [4]) אויך אין נה״ד dorten (ווילמאננס l. c.). —

[5]) „ספר אורחות צדיקים תשמור למען תלך בדרך טובים „מיט גאטס הילף האבן מיר דאס ספר אויף עברי טייטש געמאכט. איין (רפואה) צו דער (נשמה) איז דרינן גדאכט. פאר ווייבר און מאנס פאר-שון איז דאס ווארן געמאכט. דער מיט וועלן מיר זוכה זיין צו (עולם הבא) אויף יענע וועלט. דרוף וועלין מיר זאגן (אמן): — ווארשא בדפוס של הרבני מהו׳ נתן שריפטגיססער בשנת תדי״ר לפ״ק. — [אין פוילישען אפשניט פון שער: 1854].

די לעצטע שורות פון דער „הקדמה״: ...„אבער ווייל דאס ספר (אורחות צדיקים) איז גמאכט אוף לשון הקודש וואס ווער קיין למדן איז פר שטייט דרינן ניט אוך די (נשים) וויסן ניט דרום האב איך אוף עברי טייטש גשטעלט אז איטליכר זאל וויסן וואס אין דעם ליבין ספר שטייט;״. — ס׳איז, ווי ס׳זעיט אויס, איינע פון די לעצטע יידישע איבערזעצונגען (אודער איינע פון שפעטערדיקע אויסגאבען פון אן׳אלטער יידישער איבערזעצונג) פון דער העברעישער העתקה. — דער אוריגינאל איז דאס יידישע „ספר המדות״ (איזנא ש״ב, תקכ״ט; שאלוניקי תקנ״א); עס איז איבערגעזעצט געווארען אף העברעיש (פראג מ׳ק׳ר׳א׳; פראנקפורט אם-מיין תמ״ז; פרעסבורג תרי״ט א. א. וו.) אונ-טער׳ן נאמען „ארחות צדיקים״. — [וועגען דעם ווערק איז פאראן א גאנצע ליטעראטור; זעי בן-יעקב ז׳ 51 נ׳ 989, און א. שולמאן 86—188]. —

[6]) = „אויב נישט, ווען נישט, אז נישט״. —

„אָן פֿרײַטאָג צו נאַכט מאַכט מען הַמוֹצִיא איבער דעם אונטערשטן [1]) זונסט [2])
אפילו אָן יום טוב מוז מען אַלע מאָל איבער דעם אויבערשטן מאַכן
הַמוֹצִיא" ... (ש״ב). —

§ 117 — אין וואַרשע, פּולטוסק, בערזשין, לוקוו, דריליטש, שידלוועץ:
דאַציִשנ [3]); אין גער: דאַטסישנ [4]); אין סקערניעוויץ: דאַציִשנ;
אין אופּאַלע: דעטשישנ. [נח״ר: dazwischen (טיאגדער 277)]. —

§ 118 — אין וואַרשע: ציִנ׳עישטנ [5]), צים=עשטנ [5]).

ענמערקונג. — אין „סוד ה׳" ל b: ..."לחך (ז׳ ימים) וואר עס

---

[1]) „קוכן". — [2]) == „אויב נישט אין דעם פאַל"..., „אין אַנדערע פאַלען"...
(אַלזו, מיט אַנ׳אַנדער ניואַנס אין דער באַטײַטונג). —

[3]) == „אינמיטן", „דערין". — אין וואַרשע: „צווישן דאַציִשנ"
(ד. ה.: אינדערמיט). — אין פּולטוסק: „עיע שטעקט אויך דאַציִשנ". —

[4]) „טס-" גיט דאָ איבער אַ לויט צווישן צ און טש; ס׳איז נישט דער
איינפאַכער אַפריקאַט „טס", נור עפּעס ווי ט מיט פּאַלאַטאַליזירטן ס נאָך אים.

דער פּאַלאַטאַליזירטער ס הוט אין די פּויליש-יידישע מ״ם איבערהויפּט אַ נטיה
איבערצוגיין אין sch. אַלענפאַלס, דער פּוילישער ś ווערט פון יידישן המון שטענדיק
אויסגערעדט ווי שׂ — אַזוי, אין וואַרשע, למשל: „שאַטקע, שׂוועגט": == siatka,
święty.

דערפון דער שטאָדטנאָמען שעדליעץ (Siedlce).

אויך דער פּוילישער ć (ד. ה. פּאַלאַטאַליזירטער צ) ווערט פון יידישן המון
אויסגעשפּרוכען גאָר נאָנט צו טש — אַזוי, אין אַ לידעל, וואָס איז מיט 40 יאָר צו-
ריק געזונגען געווארן אין אַ גערער שטיבעל אין וואַרשע:

ניעכצע אומאַטש, — טשילקאָ זשיטש:
פּאַנאַ בוגאַ פּאָכוואַליטש!
כ׳ ווי׳ ני׳ שטאַרבם, נור לעיבם:
אַ בורא עולם אַ שבח אָפּציגעיבם!

די דרײַ שפּאַציִרטע ווערבען זענען די פּוילישע: umierać, żyć, pochwa-
lić.

[5]) == „תחלת, פריער". — ווי אויך אויבען ז׳ 31. —

ווידר גישוואלן וויא לוס ערשטן"..; דף ל"א: ..."אונד איז ווידר גאנץ איין (ערל) גיווארן, וויא לוס ערשטן"...

אין „ספר שחיטות ובדיקות" (פיורדא תקכ"ח) מ"א b: „ווען איין סירכא קומט פון איין (בועה מים זכים) מוז מן איין שאלת חכם מכין· דען (מים זכים) מוז לו ערשטן בדיקה הבן"...

אין „ספר עץ חיים" [„אות חא"]: ..."ביז יעקב אבינו איז גיקומן אונ האט תפלה דרויף גיטאן· אונ האט גיזאגט (רבונו של עולם) כעס מיין נשמה ניט פון מיר ביז איך ווער לוס ערשטן (לוואה) טאן לו מיינה קינדר"..; ..."אונ ווען איינר ניסט אונ זיין חבר זאגט אים (אסותא) אזו זאל מן לוס ערשטן זאגן (לישועתך קויתי ה')"... — „לוס ערשטן זאל מן זיך דעם רעכטן שוך אניהן אונ דר נאך דעם לינקן שוך אונ ווען מען וויל זיא לו קניפן זאל מען לוס ערשטן דעם לינקן שוך לו קניפן אונ דר נאך דעם רעכטן שוך"... („הלכות תפלה"). —

אין „ספר בחינת עולם" (יוזעפאוו 1845) ד' 60: „צוּם עֶרְשְׁטִין הָאט עֶר גִיבָּאטִין אוֹף דֶער נְשָׁמָה וָואש זִיא אִיז גִיזֶעסִין אִין הֵיילִיגֶן הִימֶל אַז זִיא זָאל גֵיין פוּן דִיא עֲצֵי עֵדֶן דָאש מֵיינְט מֶען דִיא אָפּ גִישַׁייטֶע שִׂכְלִיּוֹת וָואש דָאש אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ אוּנ זָאל רוּאִין אוֹף דִי עֲצֵי הַשָּׂדֶה דָאש מֵיינְט מֶען דֶעם גוּף וָואש עֶר אִיז גְלַייךְ צוּ דִיא הָאלְץ פוּן דֶעם וַואלְד אוּנ דֶער נָאךְ עֶשִׂין אִים דִיא וֶועְרִים אַזוֹ וִויא דִיא הָאלְץ אוּנ פוֹילוּנְג". —

אין „ספר אורחות צדיקים", ל"ב: „הַנְהָגַת הַתְּשׁוּבָה דָאס רֶעם וִויא דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ (נוהג) זַיין וֶוען עֶר (תשובה) טוּט צוּם עֶרְשְׁטְן מוּז עֶר (הרטה) הָאבְּן אוֹף אַלִּי זִינְד"...[1] —

§ 119 — [ענדונג פון פארהעלטעניסווערטער]. — 1) ליפשיץ 41: אקענג[2]) (הוט צו שאפען איבער'ן דאטיוו). — אין פולטוסק: אקיינג[3]). — אין

---

[1]) דאס ספר'ל איז געזעצט מיט אותיות מרובעות און מיט ניקוד, אובער די העברעישע ווערטער זענען נוך אויסגעזונדערט מיט האלבע לבנות. —

[2]) = „насупротивъ, напротивъ". —

[3]) און: אַבַּאַאַ. — מ'זאגט: „אַ ווינט אקייגג (אודער: אַבַּאַאַ) מ'ע". —

קרעמעניץ: אקעיגן און קעיגן[1]. — אין ווארשע, דרילטש: קייגן.

טקסענפעלד („דער ערשטער יודישער רעקרוט" 9): „נאר סיווויסיי טארין מיר ניט זיין אקעגין רצון הקיסר יר"ה". — לינעצקי: (49 l. c.): „ש'ין גאנץ גענוג פון זיין זייט אז ער שטעלט זיך ארויס אקעגין א האלבער וועלט יודען און נייזט זייערע פעלער ארויס". — אין „זמירות של שבת" (זעי אויבען ז' 165 אנמ' 3 אונטער'ן טעקסט), דף ל' b: „והנה אליהו הנביא לקראתו אקעגן אים גיקומן".

מאני דלוגאטש 121 l. c.: „ער שטעלט אויס אלאווע חזנים קעגן אלאווע רבנים"; ז' 117: „זעצט זיך פונקט קעגען מיר". — אין „זמירות של שבת", דף ד': „גרוץ לקראתך דרום טואין מיר לויפין קעגן דיר". — אין „ספר שחיטות ובדיקות" ל"ט b: ...„אדר די ריפן ווערן רויט קיגן דען כקב מפולם"... — אין „ספר עץ חיים" („הלכות תפלה"): ...„אוג ווען מען זיך שטעלט סמוכה עשרה זאל מען זיך ניט גראד קיגן (מזרח) שטעלן נייארט אביסל זיך לענקן קיגן (דרום זייט)"...; ...„(מודים) גהער מען זיך צו בוקן ביז אלי גלידר ווערן גרירט פון דר (סדרה) דען אין דיא סדרה איז אכטלעהן גלידר קיגן אכטלעהן ברכות וואס אין שמוכה עשרה איז"...

אין „בן המלך והנזיר"[2]) דף נ"ט: „היט דען [בריח] אוג דאש גזעלין שאפט וואש האשט דיר גשלאסין מיט דיין גזעלין · אוג קייגין דיין גוטין פריינט זאלשט דוא דיך ניט פאלש שטעלין · דיין (חבר) זיין (סוד) זאל זיין בייא דיר אין הארץ איין גגראבין · ווארום או דוא ווערשט (מגלה) זיין דען (סוד) ווערט מען אויף דיר צו זאגין האבין · דיא ערד טוט גוט היטן וואש אין איהר טוט ארייגקומין: אוג בייא

[1]) == contra. —

[2]) דער עקזעמפלאר, וועלכען כ'ציטיר, האט נישט קיין שער. די שריפט פון דעם בוך דערמאנט די אופיבאבער דרוקען [ס'איז, אלזו, מעגליך, אז ס'איז דער אויסגאב, וועלכען בן־יעקב, ז' 78 נ' 449, רעגיסטרירט, נישט ברעינגענדיק דאס יאר פון דערשיינען]. די יידישע איבערזעצונג איז געדרוקט אונטער'ן העברעישען טעקסט און צייכענט זיך אויס מיט א לעבעדער, פליסיקער, רייכער, גלומיקער עכט־יידי־שער שפראך.

דיר איז דער (סוד) אויש דיין הארץ וואָרין אויש גנומין:";— דף קי"ד:
„דיא בהארלטי אונ קלוגי מאנין האבין אויף דען גלוסטיגן מענטש גגעבין איין צייכין ווען גלייך זיין (חבר) זינדיגט נישט ק י י ג י ן איס טוט ער אויף איס פארט ברוגז זיין · אונ איז קארג (אפילו) אויף פרמד געלט · אונ טוט גלוסטין צו קריגן זעלכי זאכין וואס עס איז ניט אין דר וועלט:" —. —

אין מיין ביבליאָטעק געפינט זיך נאָך אַן אויסגאַב פון דעם ווערק, אויך אָהן שער. אָן דער שריפט איז אָפּ זיכער צו אורטיילען, אַז ס'איז פ י ר ט ע ר („פיורדא") דרוק [וואַרשיינליך, דער אויסגאַב פון יאָר תקי"ג, וועלכער איז רעגיסטרירט בּאַ בּן-יעקב'ן, l.c.]. אונטער'ן העברעישן טעקסט — אַ העתקה, וואָס שטעלט פאָר מער נישט, ווי אַ י י ד י ש ע ט ר אַ נ ס ק ר י פּ צ י ע פון עפּעס אַ ה ו י כ ד ײ ט ש י ש ע ר א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג. די ערשטע שורות פון „הקדמת המחבר": „אמר המחבר עז זאגטי דער אויטאר · צור צייט דער גוואלטיגן קיניגן אין אינדיען · רעגירטי איינר דער לאסטרהפטסטי אהן פר נינפטיגר* בלוד דירסטיגר קיניג* ער רעגיהרטי מיט ליסט אונ בטריגרייא* אויך זוכטי ער זיך דורך אלרלייא וואהל לוסטין צו בזענפטיגן ער דאכטי אויך ניכט דש פון דר אלמאכט גאטש הרשר אלר הערשארין זייני גוואלט · זונדרין גלויבטי ער פון זיך זעלבשטין דעפענטירה · ער פר ליזי זיך אויף דען ק-סטליכן פראכט זיינר מייסטעט · הערליכן וועזן אונ' רייכטום זיינש קיניגרייך: ער פיהרטי איבר הויבט איין ליטרליכש* פוילעגליס לעבין · אונ' ליבטה זולכה מענשין* דיא עבן פלס פרעסין זויפין אונ' ליטרליכש לעבין צו פיהרן זוכטן".

בּ ן-י ע ק ב (l.c.) דערמאָנט נאָך אַן' אויסגאַב פון יאָר תקכ"ט (איבערגעגעבען צום דרוק פון אייזיק ה ו מ ב ו ר ג, און דערשינען אין פ ר אַ נ ק פ ו ר ט אַ ם-מ ײ ן) און ברענגט אַ. ש ט ײ נ ש נ ײ ד ע ר ס מיינונג, אַז דערדוזיקער אויסגאַב איז נור אַ יידישע טראַנסקריפּציע פון אַ ריין דײטשישער איבערזעצונג. פון די ערשטע עטליכע שורות, וועלכע א. ש ו ל מ אַ ן 106 ציטירט אויס דעם פראַנקפורטער עקזעמפּלאַר, קען מען אורטיילען, אַז ס'איז, וואַרשײנליך, מער נישט ווי אַן' איבערדרוק פון פ י ר ט ע ר אויסגאַב (בלויז מיט איינצעלנע נישט וויכטיקע מאָדיפיצירונגען אין דער שפּראַך).

א. ש ו ל מ אַ ן l.c. דערציילט נאָך פון אַ יידישער כ ת ב-י ד-איבערזעצונג פון „בן המלך והנזיר"; זי שטאַמט קענטיק פון 15-טען יאָרהונדערט און געפינט זיך אין דער מ י נ כ ע נ ע ר ביבליאָטעק [דעם א ו פּ י ב אַ כ ע ר אויסגאַב דערמאָנט ש ו ל מ אַ ן נישט]. —

אָנמערקונג — אין „זמירות של שבת״, כ״ח b: „למלך גלעדי התשבי צו קעגן דיר וועט גיין אֵלִיָהוּ הַנָבִיא״.

„ס׳ בחינות עולם״: „ער טוט ווידער שפּעניגין אַנטקיגן זיין קיניג און אַנטקיגן זיין גאָט״ (יוזעפאָווער אויסגאַב, ד׳ 71), „ער טוט ווידער שפּעניגן אַנטקעגין זיין קיניג און אַנטקעגין זיין גאָט״ (וואַרשעווער אויסגאַב דף כ״ט). —

§ 120 — ליפשיץ 92: וועגנ [1]) (הוט צו שאַפען איבער׳ן דאַטיוו).

אָנמערקונג 1. — ליפשיץ ווייזט אָן, אַז די פּרעפּאָזיציע = דער פּרעפּאָזיציע „איבער״; אָבער אין דער רוסישער איבערזעצונג ברענגט ער צוויי טײַטשען: a) объ; b) для, ради.

האַרקאַווי: 146: וועגען = 1) about („זאָג קיין וואָרט וועגען דעם״) [1]; — 2) on account of („ער מוז בלייבען צו הויזע וועגען זיין קראַנקהייט״) [2].

אין וואַרשע, קרעמעניץ און אין די מונדאַרטען פון אַנדערע שטעדט איז נורם — די טײַטש a [3]).

די טײַטש c [4]) קומט עפּעטער פאָר אין אַלטע שריפטען. למשל, אין „ספר מנורת המאור״ [5]): ...„אויך זו לייטן לויפט דיא פרויא אווטק וועגן פֿאַרכט פון דען מאַן אין די פינסטער אונ פֿאַלט אין איין גרוב אזו קען

---

[1]) אַלזו, = דער טײַטש a בײַ ליפשיצן. —

[2]) דירוויקע טײַטש, וואָס טראָגט די אידייע פון סבה, וועט הײַנטער פיגורירען אלס c. — דיזעלביקע אידייע שטעקט אין „איבער״. —

[3]) אויך פאַר פּראָנאָמינאַלאַדווערבען. למשל, אין וואַרשע: „מ׳דאַרף זעיִ עפּעס ציִ טוּיִ וועיגנ דאַפֿין״, „עטץ ט׳שראַאַבם וועיגנ דאַפֿין?״ — ; אין גראָדנע: „מ׳מוז רעדנ וועיגנ דערמיט״.

אין וואַרשע אויך: „מ׳דאַרף ציִ קלעירנ דאַוועיגנ״. — „דאַוועיגן״ — פּראָנאָמינאַלאַדווערב (= „וועיגן דעים״). —

[4]) זעי אָנמ׳ 2. —

[5]) „ספר מנורת המאור חברו החכם רבינו יצחק אבוהב הספרד ז״ל. וזה מעשה המנורה עם שבעה נרותיה כתבניתם כאשר מראה בהר כולה זהב טהור: בהעתק ללשון אשכנז. למען יהגו מאורו המוני עמינו אשר אינם בקיאים בטיב לשון הקודש. בביאור היטב מלא וגרוש. לעיין בו דבר יום ביומו ומידי שבת וחודש.

> זיא דר דורך ﭏס קומן"... [פרק קנ"ו]; ...„דרוס ﭏך ﭏיטליכר קלוגר מענש
> זאל גידענקן ﭏן דען (יום הדין) ﭏוך זאל זיך פערכטן פר די שטראפ
> פון גיהנם · ﭏוך זאל גיוועלטיגן ﭏן זיין (יצר הרע) ﭏוך ﭏן ﭏלי זיין
> גילוסטיקייט · ﭏוך זאל ניט פר לירן די ﭏיביגי וועלט וועגן ﭏיין ווייניג
> הנאה די ער פון דר עבירה הט... [פרק כ"ב]. — אין „ספר שמחת

> וכל דברי יראה ומוסר ונהגות ומדות טובות בו נחקק ונגדש. וכל עניני תשובה תפלה
> צדקה בו נערץ ונקדש: הועתק ע"י החכם התורני מוהר"ר משה פרנקפורט דיין
> דק"ק אמשטרדם בעל המחבר זה ינחמנו. ונפש יהודה: בן להחכם השלם הסנות
> מהור"ר שמעון פרנקפורט זצ"ל. בעל המחבר ספר החיים. וספר תנוי: והוספנו
> על הראשונים מראה מקום הפסוקים: — לעמבערג תחת ממשלת אדונינו האדיר
> הקיסר אונגרין פיהם גליציאן עטלאדמריאן קיניגליכה אפסטאלישי מייעסטט פראנץ השני
> יר"ה: בדפוס מהור"ר שלמה יאריש ראפאפורט
>
> „Das beygehende hebräische Buch: *Menorath hamaor* nebst der jüdischdeutschen Uiber- setzung enthält nichts Zensurwidriges.
>
> „Lemberg den 28 April 1797. Herz Homberg.
>
> „Imprimatur Lemberg den 28 April 1797. D. S. v. Köfil.
>
> „בשנת תקנ"ז לפ"ק". (4⁰). — [די ווערטער פון דעם צענזורדערלויבעניש

וואָלטען געקענט אַריינפירען אין אַ טעות, צו מיינען, אַז אין דעם אויסגאַב געפינט זיך אויך דער העברעישער טעקסט. אין דער אמת'ן, איז עס נור די יידישע איבערזעצונג (רעגיסטרירט באַ בן-יעקב ז' 338 נ' 1451)].

איך האָב אין מיין ביבליאָטעק נאָך אַן אויסגאַב פון „מנורת המאור" — אויבען דער העברעישער טעקסט, אונטען די יידישע איבערזעצונג, — זייער שיין געדרוקט אין 2⁰. דער שער-בלאַט פעהלט, נור ס'איז לייכט צו דערקענען, אַז ס'איז אַ אמסטערדאַמער דרוק [וואַהרשיינליך, דער אויסגאַב פון יאָהר תפ"ב (1722) — רעגיסטרירט באַ בן-יעקב ז' 338 נ' 1447].

ר' משה פראַנקפורטס איבערזעצונג איז דערשינען צום ערשטען מאָל (געדרוקט צוזאַמען מיט'ן העברעישען טעקסט) אין אַמסטערדאַם (תס"א); דערנאָך איז בערגעדרוקט געוואָרען אויך: אין פראַנקפורט אַם-אָדער (תצ"ג), אַמסטערדאַם (תצ"ט), פיורדא (תקכ"ו), דיהרנפורט (תקנ"ח), ושולקעוו (תקס"ד) [בן-יעקב l. c.]. —

תנפש״ג״ב¹): „איין אלמנה דארף קיין הוכט אויף ליגן וועגן חסד״.—

¹) „ספר שמחת הנפש ראשון ווערט איר דרינן פינדן איין גוויסי (רפואה) צו די (דאגות דש רוב עולם) זיינן בהעפט מיט דאגות וואס שעדליך איז צו אירן (גוף ונשמה) ווער דא ווערט לייאנן די (רפואה) ווערן זיך זייני זארג פון איס אב טאן: (שנית) ווערט איר פינדן גרושה (נחמות) אונ צו ווייזן דען (בן אדם) דש ער זיך אין קיינר לייא זאכן זאל (מצער) זיין דען אלס וואס דען מענשן צו קומט איז אלס פון גאט אונ איז אלס (לטובה) אונ איז בעשר אונ בעשר ווער (יסורים) אויף דר וועלט האט: (שלישית) ווערט איר פינדן גרושי וויסן שאפט אונ (ראיות) וויא דיא (נשמה) בייא דען מענשן איז דש ער איז בישאפן וואָרן גאט צו דינן דש עש איטליכר בקענן ווערט: (ד׳) ווערט איר פינדן גרושי (מוסר ותוכחה ראיות אונ משלים אונ מעשות גרושי חדושים) דש איטליכר ווער איין (יהודי) הייסט ווערט דען (אמת) מוזן דר קענן אונ ווערט ווייטר מוזן עריגלט זיין מיט גאט: (ה׳) ווערט איר פינדן אלי (דינים) פון איין גאנץ יאר וואס איטליכר (מחויב) איז צו האלטן (על פי דת ודין) אונ איטליכר קאן וויסן גאט רעכט צו דינן: אויך (דיני נדה חלה הדלקה אונ אלי דינים) וואס דר צו גיהערט דען אין ווייבר בילכר זיינ עטליכי (טעות) דרינן אונ אויך ניט אלס גישטעלט דש ווערט איר אלס אין דיזן ספר פינדן· אויך אלי (דיני ברכת הנהנין) זיינן שון גידרוקט אטייל אין (ספרים זיין פיל (טעות) דרינן: אין דיזם ספר איז רעכט גישטעלט דר נאך צו ריכטן: אויך ווערט איר פינדן (רפואות בקיצור וויא הגאון רבינו משה מיימן) שרייבט וויא זיך דער מענש פר האלטן זאל ווער גאט ליב האט· אונ זיך אונ זיינר (נשמה) וויל וואול טאן זאל זעהן אין דיזם (ספר) רעכט (בקי) צו זיין דען ווערט ער זיך גוויש (משמח) זיין: — נדפס בדיהרנפורט — אונטר דיא רעגיהרונג דעם הערן קיניגליכר פרייסישר ווירקליכר געהיימט עטאטס קריגס אונד· דירעגירנדר מיניסטר איבר דיא שלעזישי לנדי ריהטר דעם שווארצן אדלר ארדענס האך וואהל גבאהרנר גראף פאן האיום עקסלענץ — בדפוס המשותפים ה״ה אלמנה הצנועה הגבירה אשת חיל מרת רעכיל תי׳ ובניה האחים מייא בני המנוח הרב המפורסם בתורה וביראה מוהרר יחיאל מיכל מייא מ״ס זצ״ל — בשנת תקס״ה לפ״ק. — 4^0.

לויט יוהאן כריסטופור ווולף („ביבליאטהעקא העברעא״ III ז׳ 234; נ׳ 555) איז דער פארפאסער פון דעם קלאסישען ווערק ר׳ הענדעל בן וולף; לויט

אין „סוד ה׳״[1]): „איין (מוהל) דעס דיא הענד ליטרן וועגן[2]) עלטר אדר יונגט וועגן אנדרי אורזאך דער מוז ניט מער יודן״ (דף כ״ט); „וועגין[3]) גרושן דריגגן איז פיל אייטר פון איס גאנגן״ (ל׳ b). — אין „ס׳ שחיטות ובדיקות של הגאון מהר״י ווייל״: „ווען מן שעכט איין עוף אונ׳ עז איז טריפה וועגן[4]) שהייה אודר דרסה אדר חלדה אודר גרמה אדר עיקר ברויך ער ניט מכסה דס צו זיין ווען עם אבר טריפה ווערט וועגן גיסטרא אודר וועגן איין פגימה אין חליף מוז מן דאך מכסה דס זיין״ (דף ל״ט). —

אַנמערקונג 2. — „וועגן״ קומט פור אויך אין קאמבינאציע מיט „פון״ און „פאר״ (זעי ווייטער, §§ 121 — 122). —

די פרעפאזיציע „פון — וועגן״ גייט־אריין, ווי מיר האבען געזייען (§ 113), אין באשטאנד פון דעם אדווערב „פונדעסטוועגן״ (און פון זיינע וואריאנטען).

דעם לעצטען אדווערב קען מען באגעגענען אויך אָהן „פון״. — זעי די פערדע ווארשעווער פורם (אויבען ז׳ 163); אין דער אלטער ליטעראטור: „אויך זאל דער למדן גיווארנט זיין ניט צו עסן אויף סעודות נייארט ער זאל צום ערשטן ווישן מיט וועמן ער ווערט זיצן (מגן אברהם) האב אויך דעסטוועגן[5]) גשריבן ווען זיך איין למדן דער ניכטר הלט אונ גיט אויף קיין „סעודות (מלוה) ניט איס ניסט פר אוס גוט צו האבן אונ עס איס אויף קיינר (גאוה) ניט אום צו ליגן״[6]); — ערשטליך פון סימן א׳ ביז סימן ג׳ רעט דר [רב] דש [ספר] גמאכט האט דש ער איבר דיא

שטיינשניידער — ר׳ הענדעל קירכהאהן (זעי: מ. גרינבוים 238, א. שול־מאן 93). — דאס ספר איז ערשיען צום ערשטען מאל אין פראנקפורט אם־מיין (תס״ז); דערנאך איבערגעדרוקט געווארען: אין זולצבאך (תע״ח), ווילמערס־דורף (....), פראג (....), פראג (תפ״ט), פיורדא (תקכ״ב) [בן־יעקב ז׳ 591 נ׳ 864]. — איך האב אויך א ווארשעווער אויסגאב פון יאר תרכ״ה (גע־דרוקט מיט אותיות מרובעות, מנוקד). —

[1]) זעי אויבען ז׳ 151 אָנמ׳ 2 אונטער׳ן טעקסט. — [2]) מיר זאָגען: „פון עלטער״. — [3]) מיר זאָגען: „פון גרויסען״... א. א. וו. —

[4]) == „איבער״. —

[5]) == „דעריבער, דערפאר״. — [6]) „ספר עץ חיים״ (אָפשניט „ברכות הנהנין״). —

עבירות ער שרעקין טוט וואש מענכי לייט טוען [1] דעסטע וועגין [2] ער זיך פאר גנומן האט דיזש [ספר] צו מאכין" [3].

---

[1]) == „טוען" (3-טע פּערזאָן פּלוראַליס פּרעזענטיס אינדיק'). —

[2]) == „רעריבער, צוליב דעם". — [זעה אויך אויבען ז' 162, צווייטע שורה אין טעקסט]. —

[3]) „ספר דרך הישר פירוש לספר אבן בוחן", דף ב' b. — נאָך דעם ערשט געבראַכטען טיטעל, לייענען מיר אַפן שער-בלאַט:

„איר ליבן לייט זעהט דאש הייליג (ספר) דאש אין (לשון הקודש) פר פיל הונדרט יארן גימאכט איז · אונ' זיין (אלר החכמה) וואש דרינין איז צו פינדן איז אין טייטשן ניט אויף דען עולם גוועזן זולכי שיני (משלים ודברי מוסר) דיא דרינן (בחכמה) גישטעלט זיין · דיא דען מענשן זיין הארץ צו גוטן עפנין טוען · דרום טוט דאש ווייניג געלט וואש איר דרום געבן טוהט ניט אכטן · וען איר אנדרשט אויף דען (עולם הבא) וואלט טראכטן:

„דיזוז (ספר נחמד) איז (מקדם) גדרוקט וואָרדן בק"ק זולצבאך בשנת תס"ה (לעת עתה) האט מאן עש אין דייטשן אויף גוטן פאפיר אונ' היפשי אותיות' אונ' זעהר וואהל מוגה' ווידרום נייאי הירוז גיגעבין על ידי התורני כהר"ר מיכל שטערין כ"ץ מק"ק פפד"מ:

„בשנת שתקות אנוש דמה לפ"ק". — 4°.

דאָס אורט פון דרוק איז אף מײַן עקזעמפּלאַר נישט אָנגעוויזען. בּאַ בּן-יעקב ז' 3 נ' 53: „המבורג".

דער העברעישער אָריגינאַל („אבן בחן"), פאַרפאַסט פון ה"ר קלונימוס בר קלונימוס, דערשינען אין „גאַפּולי" (נעאַפּול) אין יאָר רמ"ט (1489), איבערגעדרוקט אין וועגעדיג (יאָר ש"ו), קרעמונע (שי"ח).

תס"ה (1705) איז דאָס ספר אַרויסגעגעבען געווארען (אין זולצבאַך) צוזאַמען מיט דער יידישער איבערזעצונג, וועלכע עס האָט געמאַכט ה"ר משה בר יצחק אייזענשטאַט מפּראג (דער טיטעל פון דעם אויסגאַבּ: „אבן בחן עם דרך הישר").

אין דעם אויסגאַבּ, וועלכען איך ציטיר, געפינט זיך בלויז די יידישע איבערזעצונג אליין. — מיכל שטערן איז דער אַרויסגעבער פון דעמדאָזיקען אויסגאַבּ. —

אין דעם „ס׳ דרך הישר פירוש לס׳ אבן בוחן״ דף ב׳ אויך: „אליין ווייל דיזש [ספר] פון דעם זעלביגן [רב] אין [לשון הקודש] גימאכט וואָרדן איז · אונ׳ דש [לשון] אזו זייער גישטעלט דש ניט איטליכר פר שטין טוט · אונ׳ פון דעסיכט וועגין[1] וויניג אין דיזן [ספר] זיך ער מייאן קענין ווײלן זיא זיין [לשון לא] ניט פר שטין האבן קענין · דרום האב איך דען עולם צו נוצין דיזש הייליג [ספר] פון [לשון הקודש] אין טייטשן גיבראכט דא מיט איטליכר זיך אין זיין געטליכי ריד אלי צייט בלייבן קאן · אונ׳ פון זייבה [דברי מוסר] אונ׳ [יראה] דיא ער אין דיזן [ספר] בישרייבן טוט גוטה לער אב נעמן · דעסיכט וועגין[2] איך פר אורזאכט בין דיא [הקדמה] אויך דר בייא צו שרייבן · אונ׳ מעלדן וואש דר אין האלט פון דיזן [ספר] איז״...

אַנמערקונג 3. — ר׳ משה זרח אײדליץ אויס פּראָג אין זײן „מלאכת מחשבת״[3], געברויכט[4] דעם אדווערב „דערה וועגן״[5]; אזוי, למשל, קמ״ט:

„...אונד ווייל איהר וואש איבר בלייבט פון דיא גראד צו ציקין צו די גראדן צו רעכטין נעמין קענט · נעמליך אויז אין הונדרט לעשן צו מאכין · וואש אבר איבר בלייבט צו רעכטין · ניכט צו דיא גראד צו ציקין נעמין קענט · דען אכט צו מעהר קאשט איר צו קיין הונדרט מאכין · דערה וועגן מישט איר אן פאנגין דיא קוואדראט וואָרציל צו זוכן אין די לעצטי קלאש צו ציקין אונ׳ וואש ארויז קומט שטעלט איר צו

[1]) זעי די סומפּולגער פורם (אויבן ז׳ 164). — נור דאָ הוט דער אַדווערב די טײַטש a. —

[2]) == „דערובער״ (פאַרגלייך מיט דער פורם פון דער פריערדיקער אַנמערקונג). —

[3]) דאָס ווערק איז אָנגעשריבן און געדרוקט צווייספּראַכיק: העברעיש און ייִדיש, ביידע טעקסטן איינער אַקעגן אַנדערן (רעכטער עמוד — העברעיש, לינקער — ייִדיש). — דערשינען אין פּראָג תקל״ה, קליין 8^0 [זעי: בן־יעקב ז׳ 330, נ׳ 1265 (אין מײַן עקזעמפּלאַר פעלט דער טיטלבלאַט און די ערשטע 4 דפים מיט דער התחלה פון דער לשון־קודשדיקער הקדמה)]. — ביידע הקדמות (די העברעישע און די ייִדישע) זענען זייער אינטערעסאַנט (כאָטש מער איז אינטערעסאַנט די פערזענלעכקייט פון מחבר). —

[4]) אַף שריט און טריט; כמעט אַף יעדן דף איניקע צו עטליכע מאָל. —

[5]) == „פונדעסטוועגן״ (אין טײַטש a), .. „דערובער״.

רעכטין · בוויל זולכי גוויס חין דיח זעלביגה קלחס עכטהחלטין חיזט · חוכ׳ דערח וועגן מוסט חיר זעהן ווחז די קווחדרחט לחהל פון דער זעלבן קלחס חיזט · חוכד זיח דרונטר סרייבן חוכד חפ ליהן · ווחס חבר חיבר בלייבט · בוויל זולכס גוויס פון דען מולטפלליירן דיח גרחד לו רעכטין מיט דען זעלבן גרחד ווחז חיר סוהן דיח ווחרליל הט קומט · דערח וועגן מוסט חיהר דיח קלחס דער פחהר בייח דעס חיבר רעסט סרייבן" [1]...

[1] אויך קומט אין דעם חערק פור: „דערח גלייכן". אזוי, אף דף קמ"ב:

„שאלה נח חיך מעכטי גערן ווישן וויח חיך מיך פר החלטין זחל· חייכה ווחרליל פון קווחדרחט חודר קוביק · חוכד דערח גלייכן לו ליהן:

„תשובה זייט ווישן חלס חזוח ווחול · חלס חיר חייך חין חלי 5 ספעליוי החט מוזן ערסטליך גוויכן לו ווישן · ייעדרי רעכנונג מיט חייכליגה לחהלין ביז 9 חזוח ווחול חין חדירן חלס חין סובטרירן · חוכד דערח גלייכן · חלזוח חויך מוסט חיהר ווישן חלי דיח ווחרליל ביז 9 לו פינדין חויס דיח גגעבני לחהלין · עז מחגן זיין קווחדרט לחהלין חודר קוביק לחהלין · חח"ו"...

אויך אין „ס׳ דרך הישר פירוש לס׳ אבן בוחן", דף ב׳: „דערח גלייכין".

אפ׳ן שער-בלאט פון „מחזור עם כוונת הפייטן" (זולצבאך, תקע"ט):...

„חוכ׳ כחך פיל כייחי זחכן החבן מיר פחר מערט חין דיזן כייחן מחזור וועלכי דערח גלייכן כיט לו פינדן זיין חין חנדרי מחזורים דיח ביז הערח גדרוקט זיין".

פארגלייך מיט דעם „דערי גלייכן" אויבן אף ז׳ 153.

[אין „שמחת הנפש" (דיהרנפורט, תקס"ה) כ׳: „והעיקר דר זיך (בגחוה) החלט מיט זיין געלט חוכ ווער מיט חוהן גיוועסני הענד עסט דר גלייכן מער זחלכס זחל דר מענס חין חכט נעמן חוכ כיט (יחרעס) זיין ווען חיס הסס יתברך לו סיקט" ... — נח"ר: dergleichen (טיאנדער 284) .] —

אין „ספר מנורת המאור" (לעמבערג, תקנ"ז) באַגעגענען מיר: „דרנט וועגן"; אַזוי, אין פּרק י"ד: „דרום · אך אונזרי (רבנים די חסידים) ווען איינר איז פר זי צו משפט גקומן אונ הט איין מתנה אן זי גבראכט אפילו וואס ער איז שולדיג גוועזן צו געבן · אודר ווען איינר עטוואס גירעט הט ריך די שוחד זענן גוועזן אונ זי הבן בייא זיך זלברט גזעהן פיל לייכט זעלטן זי קיין רעכט משפט דרנט וועגן געבן אונ אפילו ווען זי שון הבן בייא זיך גדאכט זי ווערן דאך רעכט משפט געבן · הבן זי דאך ניט וועלן איבר דעס זיצן · אונ הבן גזאגט צו זעלבי לייט איך בין אייך פסול צו משפטן"...[1])

אָנמערקונג 4. — „וועגן" גייט אויך אַרײַן אין באַשטאַנד פֿון פּרעפּ-אַדווערב „פֿונוועסטוועגן" (זעי אויבען ז' 157).

אין דער אַלטער ליטעראַטור — אָהן „פֿון"; צום בײַשפּיל, אין „ס' מנורת המאור": „דען זוא בלד אלץ זיא איין מאל רעכט עדות גזאגט הבן זוא קעני זיא ניט ווידר אנדרשט זאגן · דען פיל לייכט האבן זיא חרטה קריגט דען זי דענקן וואס זאל אונז דס דז איינר זאל דורך אונס גיטיט ווערן זוא ענטפרעט דיא גמרא ווייסטו ווארום איך האב גמיינט דס איך הטע לאצן גלויבן די עדים ווייל זיא איין אורזאך גיזאגט האטן וועסט וועגין זי האבן פאלש עדות גיזאגט דען זיא האבן עס גיטאן וועגן שנאה"... [פּרק נ"ד]; ...„אונ איטליכר מענש איז שולדיג די תורה מכבד צו זיין מיט אל זיין מאכט · גלייך מיר גלערנט האבן אין (פרק חלק] ער זאגט (רבי יוחנן) וועסט וועגן הט (אחאב) זוכה גוועזן מלך צו זיין צווייא אונ צוואנציג יאר ווייל ער הט די תורה כבוד אן גטאן די דא גשריבן איז מיט דם (אלף בית] פון צווייא אונ צוואנציג אותיות"... [פּרק קב"ט]. —

[1]) אין „ס' דרך הישר פּירוש לס' אבן בחן דף ב': „עש איז וויסנגליך דס צו אלי ספרים דיא בייא אונז [יהודים] גידרוקט ווערין איין [הקדמה] אונ' איין [הסכמה] דר בייא גידרוקט ווערין מוז · דא מיט אין דר [הקדמה] דענין לייטן פאר גשריבן ווערד דער אין האלט פון וואס דאס [ספר] רידן טוט · אונ דיא [הסכמה] מוז דרינט וועגן זיין דא מיט דיא לייט אויך וויסן זאלין דס דיא [רבנים] אין דענין לייטן אויך [מסכים] דא מיט זיין דס זעלביגי [ספר] צו דרוקן"...

§ 121 — 1) „פון—וועגן" [מיט געניטיוו צווישען די צוויי גלידער (זעי אויבען ז' 157)]. —

2) אין אקסענפעלדס „ערשטען יידישען רעקרוט": ...„וויא זאגט מען עפיס פין געלטס[1]) וועגין געהט קיין שודך ניט אפ"... (ז' 22); „איך וועל הייסין אן גרעטין אלטע זאכין גאנצע פין נחמנס[2]) וועגין"... (ז' 41); ...„שטאטש פין פרימהלעס[3]) וועגין"... (ז' 50).

בא ליגעצקין l. c.: ...„פלעגט גיין קלויבען צעפליקעס פינים רעבינס מיידעלע וועגען"[4])... (ז' 29); „דיא גמרא זאגט אז פון שלום בית וועגין[5]) מעג מען אב מעקן א שם הויה" (ז' 36); „מיין מחותנים שטיב איז אביסיל קלענער געוועזין פין צוויי גאסען בודקים' נאר פין זיין קליין בני בית וועגין[6]) איז געוועזין גאניץ גענוג"... (ז' 49); „ער האט' זיא נאך געזאגט פינים רבינס וועגין[7])"... (ז' 50); „פון לעכט בענטשען' ביז נאך הבדלה טאר מען ניט אויס רעדין קיין שום דבר חול חוץ פון פקוח נפש וועגין"[8])... (ז' 51); „דם שענסטע שטיקעל פיש פון וואלצים וועגען"[4])... (ז' 53). —

---

[1]) ד. ה. „צוליב געלט", „איבער געלט". — געלט איז דא די סבה. — די אידייע פון אורזאך שטעקט דא אי אין „פין", אי אין „וועגן" (אין טייטש c l). —

[2]) נחמן איז דא דער פארשוין, צוליב וועלכען, פאר וועלכען די האנדלונג ווערט פורגענומען. ער וועט עס פון איר רעזולטאט געניסען. — „וועגן" הוט דא די טייטש b (אין גרונט פון וועלכער עס ליגט דוך גלייכצייטיק דער מומענט c, ווארום ווען מ'טוט עפעס צוליב עמיצען, פאר עמיצען, איז דער עמיצער די נאנטסטע סבה פון דער האנדלונג!). —

[3]) זעי די פוריקע אנמערקונג. — [4]) זעי אנמ' 2. —

[5]) די פרעפוזיציע באלייט דאס ווארט, וואס גיט-איבער דעם העכערען ציל (הייסט עס, אויך די העכערע אורזאך) פון דער האנדלונג. —

[6]) דער סוביעקט, וועלכען די פרעפוזיציע עקסקורטירט, מאכט עס מעגליך, די ענגע שטוב זול דוך קענען זיין באוווינט: דאס בני-בית איז קליין, און קען זיך דעריבער אנ'אורט געפינען אין דער ענגער שטוב; דאס קליינע בני-בית איז, אלזו, די סבה, צוליב וועלכער די ענגע שטוב קען דוך דינען אלס דירה. —

[7]) ד. ה. „אין רבינס נאמען". — די פרעפוזיציע דריקט דא דירעקט אויס די אידייע פון אנגעהעריקייט (און דאדורך אויך אינדירעקט — פון סבה).